STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07712

GRINER VINTER

Meir Charatz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאיר חרץ

גרינער ווינטער

לידער

מאָרקלעשט

פּאָעמע

אַרויסגעגעבן דורך דעם
ד״ר שמואל און רבקה הורוויץ=פּאָנד
בײַ דער יידישער קולטור=געזעלשאַפט אין ירושלים
תשמ״ג — 1982

Meir Charatz

Griner Winter

חורף יָרוֹק

Marculesht

מרקולשטי

(עֲיָרָה יהודית בביסאראביה)

©

כל הזכויות שמורות

הילע און פיר צייכענונגען צו דער
פּאָעמע מאַרקולעשט פון איזיו שערף

Published by the
Dr. Shmuel and Rivka Hurwich Literature Fund
Yiddish Culture Association, Jerusalem

בהוצאת הקרן ע"ש ד"ר שמואל ורבקה הורביץ
האגודה לתרבות יידיש בירושלים

דאָס איז דאָס זיבעטע בוך, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן מיט דער סובווענץ פונעם ליטעראַטור=פאָנד א.ג. פון ד״ר שמואל און רבקה הורוויץ זכרונם לברכה בײַ דער ייִדישער קולטור=געזעלשאַפט אין ירושלים.

לויטן באַשלוס פון דער זשורי, אויסגעקליבן דורך דער פאַרוואַלטונג פונעם ליטעראַטור=פאָנד, איז די זעקסטע און זיבעטע סובווענץ צוגעטיילט צוויי מחברים: 1. צו חיים זײַדמאַן פאַר זײַן מאַנוסקריפּט ״זכרונות פון מײַן שטעטל״ און 2. צו מאיר חרץ פאַרן מאַנוסקריפּט פון זײַן שטעטל=פּאָעמע ״מאָרקולעשט״.

די סובווענץ ווערט צוגעטיילט יעדעס יאָר איינעם אָדער צוויי שרײַבערס.

דער ליטעראַטור=פאָנד איז עטאַבּלירט צום אָנדענק פונעם געוועזענעם פאָרזיצער פון דער ייִדישער קולטור=געזעלשאַפט אין ירושלים ד״ר שמואל הורוויץ און זײַן פרוי רבקה, כדי צו העלפן ייִדישע שרײַבערס אין ישראל אַרויסגעבן זייערע ווערק.

דער ליטעראַטור=פאָנד איז געגרינדעט געוואָרן מיט דער הילף פון יחידים און קערפּערשאַפטן אין קאַנאַדע און אין ישראל, ווו ד״ר שמואל און רבקה הורוויץ האָבן געשפּילט אַן אָנפירנדיקע ראָל אינעם ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אַן אָנערקענונג קומט דעם הסתדרות=קאַמפּיין אין טאָראָנטאָ (קאַנאַדע), דעם פאַראייניקטן ישראל=אַפּיל פון קאַנאַדע און דעם קרן געסטעטנער בײַ דער סוכנות אין ירושלים — פאַר זייער אָנטייל אין דעם ליטעראַטור=פאָנד.

אַ ספּעציעלע באַשטײַערונג אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע בוך פון מאיר חרץ איז דערהאַלטן געוואָרן פון ״קרן תל אביב לספרות ולאמנות ע״ש יהושע רבינוביץ״.

מיר באַגריסן דעם דיכטער מאיר חרץ צו זײַן ווערן אַ בן שבעים.

ביז איצט זענען דערשינען מיט דער הילף פונעם פאָנד פינף ביכער:

1. אין 1977 — בלוט און וואָפן (דערציילונגען) פון מאיר יעלין
2. אין 1978 — דער פערציקיעריקער מאַן (פּאָעמע) פון פּרץ מאַרקיש
3. אין 1979 — שפּאַצירן אין דער נאַכט (לידער) פון דוד ספאַרד
4. אין 1980 — ווו שמעטערלינגען שוועבן (דערציילונגען) פון קלמן סעגאַל
5. 1981 — מײַן וועג אַהיים מעמואַרן) פון אהרון ראַזין

ייִדישע קולטור=געזעלשאַפט אין ירושלים

כמעט אין אַלע דאַנק=בריוו און אָפּרופן אויף מײַן פֿינפֿט לידערבוך "דאָס פֿינפֿטע ראָד" ווערט איבערגעחזרט איין און דער זעלבער ווונטש:

איר זאָלט אין גיכן אַרויסגעבן אַ...זעקסט ראָד.

מײַן איצטיק לידערבוך "גרינער ווינטער" איז עס דאָס זעקסטע רעדל און נאָך מיט אַ רעדעלע צו — די גרויסע פּאָעמע "מאַרקולעשט", װעלכע האָט הײַנטיקס יאָר זוכה געווען צו דער סובוועגץ פֿון הורוויץ=פֿאָנד.

גרינער ווינטער מיינט — דער ווינטער אין ישראל, ווײַל כמעט אַלע לידער אין דאָזיקן טייל פֿון בוך זענען אין ישראל געשריבן געוואָרן.

אויך איניקע קאַפּיטלען פֿון דער פּאָעמע וועגן מײַן באַסאַראַבער היימשטעטל זענען אָנגעשריבן און צוגעשריבן געוואָרן אויף ישראלדיקער ערד.

מאיר חַרַץ

רחוב דודזון 10 ירושלים 93706

אינהאַלט

1. גרינער ווינטער

גרינער ווינטער 9
דאָס סאַמע קלענסטע 10
נישט מקריב זײַן דעם טאָג 10
קראַנקע פֿײַערן 11
ווער וועט גלייבן? 12
אַנדערש אַנדערש 13
איך וויל זיך נישט צירן 14
אין מיטן מאַרט 16
איך ווייס נישט 17
צי האָב איך גענוג געטאָן 18
אַלע ראַפּטן 18
אפילו משה 19
און גאָט אַליין 20
דאגות 20
און דאַנקען גאָט 21
דער אַכציקסטער דור 22
וואָס מיר זענען, זענען מיר 23
זיבן יונגע ברידער 23
פרעמדע ערד 24
מײַן קאַפּריז 25
טאָקע שענער 26
און ווידער לידער 27
וואַרף אַראָפּ. 27
אַ תּפֿילה 28
געסט וואָס דאַרפֿן קומען 28
דאָס וואָס אַלע פֿילן 29
צעעפֿן ברייטער 30
ווי ס׳האָט גאָט געבאָטן 30
שטיל אַצינד 31
רוף מיך נישט 31
אַ בן עיר 32
ביידע זענען אומגעקומען 24
אינסטרוקטאָרן 34
צו אונדזערע אַראַבישע שכנים 35
שלח את עמי 36
אין טאָג פֿון אָפּענע הערצער 37
בראשית 38
מײַן לעבן 39

2. דער צוווײַטער האַלבער עפּל

דער צווייטער האַלבער עפּל 40
אַ בריוו צו מײַנע ברידער אין בראַזיל 41
איבער אירע ברעמען 43
אידילישע זכרונות 44
מיידלעך בײַ די פענצטער 44
מײַן ברוגזער שכן 45
אויטאָביאָגראַפֿיש 46
אין חלום מיט אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ 48
ווי לאַנג איך פֿיל דײַן אָטעם 49
טרעט מיר נישט אָן 49
מעמענטאָ מאָרי. 50
כ׳וועל אויסשפּאַנען 51
מיט מײַן טויט 52
וואַרט נישט 52
דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן 53
פֿאַרלוירן 53
און אַז... 54
נישט שטאַרבן ווי אַ נאַר 54
זאָל לעבן דער קעניג 55
דײַן קול 56
שיר השירים 57
מײַן וועלט איז געשטאָרבן 57
ווען סע הייבט אַ דור אָן
אויסצושטאַרבן 58
איך ציטער 59
און ווידער איז מיר 59
אין וואָכעדיקע טעג אַזעלכע גראָע 60
דײַן בלוט און דײַן נאָמען 60
רעכנט נישט פֿאַר אומגוט 61
נעם אַוועק 61
זעלבסטבאַדינונג 62
דער שיטערער שטאָף 63
צו דער צײַט 63
פרעמדע זאָרגן 64
וואָס גייט מיך אָן? 65
נײַע שורות 65
בײַם לעבן נאָך 66
פֿון נעפּל טיילט זיך אויס 67
די רגע 67
— דעם סוף 68

3. אייסעך ווייסעך

אייסעך ווייסעך 69
זיך פירנעמען 69
הייסער זומער 70
גאָרנישט 71
לאָמיר זאָגן 72
לאָמיר זיך נישט נאַרן 73
עפּעס לעב איך ווידער איבער 74
אויסגעטווישט 74
מאָרגן 75
אָוונטשטיל און מאָרגנקיל 75
אויפן וועג שטייט אַ בוים 76
קומען וועט 77
די נײַע וועלט 78
דער חלל 78
דער אַלטער חכם 79
מיש=מאַש 80
די בלויע וואַנט 80
שטאַרקע ברילן 81
יעדע רגע 82
אויף די פעלדער פון זכּרון 82
גוטע שעה 83
כ׳האָב אַלע אַלטע גוטע ווערטער 84
פון זינט סע פעלן מיר ציין אין מויל 85
אין גן עדן פון נאַראָנים 86
אַלע לויב=געזאַנגען 87
מײַנע זיבן שונאים 87
שונאים 88
דער ציפּערבלאַט 89
גאָלד און זילבער 90
וויפל דאַרף אַ מענטש דען האָבן? 91
אָן אַ האַרץ 92
שטעל די פאַרבן אויס 93
דער ערשטער ליגן 93
שפּעט בײַ נאַכט, שפּעט בײַ טאָג 94
דאָס ליד פון אַ קנעכטישער נשמה 95
פּיפּטע רעדער 96
דאָס איבעריקע ראָד 96
דו און איך 97
דער זינדיקער קאַרטאָפל=בוים 98
נאָך אַ פרײַנד איז בייז געוואָרן 99

4. אייביקע וואָך

אייביקע וואָך 101
דער בייזער גײַסט 102
מיטן אויסמעקן מײַן נאָמען 102
פאַר דײַנע אויגן 103
דײַנע שורות 104
די ווערטער איינס צום אַנדערן 104
אמת 104
דער שמאָלער שוסטער 106
די שותּפים 106
דאָס צענטע לידערבוך 107
די קרוין פון אײַזן 108
דער זקן משה 109
מאָטל סאָקציער 110
דער יונגער סאָנעטן=דיכטער 111
מ. מ. שאַפּיר 112
דער עקשן 113
בין גרייט 114
ווידמונג 115
צווייטער בריוו צו ל. מיללער 115
קלאָרקייט 2.1 117
מיר נעמען אַרום 118
ווי אַ רויבער 119
אַלטע אָנגעהויבענע לידער 120
כ׳וויל פאַר דײַן הנאה וועגן 120
לייוויק פּילט נישט 121
קלאָג זיך נישט 122
די תּפילה פון פּאָעטן 123
כ׳וועל אַזוי שוין 124
נאָכן ענדיקן דאָס ליד 124
שיר — אַ געזאַנג 125
סע שלעפּערט 125
איך האָב מײַנע טרוימען צעהאָנגען 126
דער זיג פון דער שיינקייט 127
דער טאָג איז אַרויס פון דער מאָדע 128
זאָגט דער יצר טוב: 129
געלעכטער 129
אַ וואָזע 130
אַ מיידל מיט אַ בוך אין האַנט 131
דער זינגער האָט פּאַרשפּעקטיק 132
דער טעות פון דער טויב 133
מאַרקולעשט (פּאָעמע) אַרײַנפיר,
24 קאַפּיטלען, שלוס=וואָרט 137
אויסצוגן פון בריוו מיט אָפּרופן און
אויסצוגן פון אָפּרופן אין דער פּרעסע
אין פאַרשידענע צײַטן 225

גרינער ווינטער

לידער

גרינער ווינטער

גרינער ווינטער

אַ מזלדיקער רעגנדיקער ווינטער
אין פענצטער שטיפט אַ דרויסן אַ צעגרינטער,
איך טונק מײַן פעטע פען אין פולן טינטער
און שלעפּ אַרויף די ווערטער — גרינער ווינטער.

און אָט איז — שוואַרץ אויף ווײַס — די גרינע לאַנדשאַפט,
איך קוק אַהער=אַהין און קוק אַרויף מיט דאַנקשאַפט,
באַגריסן וויל איך גאָטס מלאכים, שליסן מיט זיי קאַנטשאַפט,
די רעגן=טרעגער, וועלכע לאַנדן אויף דער גרינער לאַנדשאַפט.

די נאַסע גראָזן און די שווערע ביימער
אַרומגעזוימט מיט נידעריקע שטיינער,
אַרומגעשטיינט מיט אָפּגעפּוצטע ציינער —
אַ ווײַסער פלויט פאַר גרינע גראָזן בײַ די גרינע ביימער.

אַ ווײַסקײַט שלאָגט זיך דורך דורכן גראָען רעגן,
איך רוק פונאַנד די רעגן־פעדעם, זע איך ווײַסע וועגן,
אַ ווײַסן וואַלד אין צפון, מיר שטייען מיט די זעגן
פאַרשנייטע אַרעסטאַנטן. כ׳בין דאָרשטיק נאָך אַ רעגן.

און אָט איז דאָ מײַן רעגנדיקער ווינטער,
אין פענצטער שטיפט אַ דרויסן אַ צעגרינטער,
איך טונק מײַן פעטע פען אין פולן טינטער
און שלעפּ אַרויף די ווערטער — גרינער ווינטער.

ירושלים, 14טער פעברואַר 1980

דאָס סאַמע קלענסטע

און דו, וואָס האַלטסט אין דײַנע הענט די וואָלקנס
און קוועטשסט זיי אויס ווי ווײַנטרויבן אַ הענגל
לאָז פאַלן אויך אויף מײַנע פעלדער טראָפּנס
אין שטרענגע שורות, אין אַ גאַנג אַ שטרענגן.

לאָז נידעריק אַראָפּ די זיפּן די געדיכטע,
די זיפּ די זיבעטע נענטער צו מײַן פענצטער,
דאָס סאַמע קלענסטע רעגנדל מאַכט אויך געשיכטע,
אַזוי טאַקע פאַרשרײַב — דאָס סאַמע קלענסטע.

געשיכטע ווייסט פון שלאַכטפעלדער און פײַער,
פון שלאַכטבערג, וועלכע ווערן אויפגעריסן,
צי איז איר, דער געשיכטע, גאָרנישט טײַער
דאָס רעגנדל, וואָס קומט דאָס פעלד באַגיסן.

אַ נאַסע גראָקייט הענגט איבער די פּליושן
פון גרינע פעלדער איבער בערג און טאָלן,
עס לאָזן זיך די גראָע פעדעם נישט פאַרטושן,
דאָס פעדעמל דאָס דינסטע איז אַ שטאָלנס.

און טרעפט אין שײַבל פון מײַן קליינער פאָרטקע
און פרײלעך שפּילט עס זיך מיט מײַנע בליקן.
אַ דאַנק דיר, גאָט,וואָס האָסט דערהערט מײַן זאָרגן,
וואָס האָסט באַוויליקט עס צו מיר צו שיקן.

ירושלים, אָקטאָבער 1979

נישט מקריב זײַן דעם טאָג

כ׳האָב הײַנט געהאַט אַ גוטן טאָג,
כ׳האָב אויפגעכאַפּט זיך פון אַ שיינעם חלום
און כ׳האָב צו זיך אַליין געזאָגט:
דײַן פענדזל טונק אין שיינעם וואָרט און — מאָל אים.

נאָר כ׳בין זיך מודה — כ׳האָב אים נישט געמאָלט
און נישט געקוקט צוריק צו יענע שעהען;
דער חלום, וואָס אים מאָלן כ׳האָב געזאָלט,
נישט אויפגעהערט האָט פאַרן אויג צו בלאָען.

און אויף זײַן בלאָקייט האָט נישט אויפגעהערט
צו דרייען זיך דאָס כשופדיקע רעדל
און פון די פאַרבן כ׳האָב אַרויסגעהערט
דאָס קול פון דעם צעשטערערישן שד׳ל,

וואָס נישט געלאָזט האָט אָפּשטעלן די פּראַכט,
וואָס נישט געלאָזט דעם חלום צו פאַזירן,
נישט מקריב זײַן דעם טאָג דער שיינקייט פון דער נאַכט,
די שיינקייט פון חלומות צו פאַרפרירן.

ירושלים, 9טער יוני 1980

קראַנקע פײַערן

דאָס גאַנצע לאַנד, ווי קליין סע זאָל נישט זײַן,
ווערט דאָך אין גרעסטן פענצטער נישט אַרײַן,
פאַרהענג דעם בלויען פירהאַנג ביז אַראָפּ
און אין דער טונקל צינד מיר אָן מײַן קאָפּ.

און אין דער טונקל אויפן פירהאַנג גראָד
אַ שפּיל טאָן לאָז דאָס פײַערדיקע ראָד,
די ברענענדיקע רייף, וואָס כ׳האָב נאָך ווייס איך ווען
אַ לייב אַרײַנשפּרינגען אין איר, אַרויסשפּרינגען געזען.

אין שטעטל איז דער צירק געקומען אויף אַ וואָך,
יאָרצענדליקער פון דעמלט און ער פאָרט מיר נאָך,
נאָר בײַ דער גרענעץ סטאָפּ! דער גאַנצער צירק איז טרייף
און קאָן נישט אין מײַן לאַנד אַרײַן ווי אין אַ רייף.

און איצט דעם בלויען פירהאַנג צי צוריק אַרויף,
דער גרינער ווינטערדיקער גאָרטן אין מײַן הויף

פאַרלעשט די פּײַערן די קראַנקע אין מײַן הויז,
אין פענצטער שײַנט דאָס קליינע לאַנד אין זײַן גאַנצער גרויס.

ירושלים, 18טער פעברואַר 1980

ווער וועט גלייבן?

ווער וועט גלייבן, אַז איך וויל ניט,
וויל ניט, וויל ניט, וויל ניט שפּילן
אויף אין שעהען, ווען איך שפּיל מיט
מיט די לצים קעגן ווילן.

ס'איז דער צירק אַ קליינער קרײַז,
וואָס ער דרייט זיך ווי אַ רעדל.
אויבן שטייט אַ דראָנג און שמײַסט
דאָ אַ פערד און דאָ אַ פערדל.

און דאָס פערדל און דאָס פערד
צו דעם רונדן צירק געבוירן
אויף דער קײַלעכדיקער ערד
צוגעווינט זיך שוין צום גורל.

און אַ מויד מיט גרינע פיס
און מיט רויטע האָר ווי פײַער
און מיט זילבער אויף די בריסט,
אין אַ קרוין אַ שפּאָגל נײַער

אויף אַ טעצל אָן אַ דנאָ
טוט זיך אַ דערלאַנג דעם עולם
און נאָך דעם איז זי נישטאָ
און סע קומט אַרויס אַ גולם.

מיט אַ צוגעקלעפּטער נאָז,
מיט אַ צוגעפּלעטשטער שטימע
און ער טוט אַראָפּ אַ בלאָז,
פאַלן פון דער סטעליע בינען.

בײַסן זײ די פעל פון בער,
טוט די פעל פון װײטיק גלאַנצן,
דרײט ער זיך אַהין=אַהער,
בינען לערנען בערן טאַנצן.

פון זײַן נײַעם טענצער=פאַך
לעקט דער בער שױן נישט קײן האָניק,
זעענדיק אַזאַ מין זאַך,
גנבע איך זיך אַרױס צום גאַנעק.

און איך שפּרינג אױף דר׳ערד אַראָפּ,
קוק, צי ס׳יאָגן נישט קײן שונאים,
שלעפּ דאָס מיצל פון מײַן קאָפּ
און די פרעמדע נאָז פון פּנים.

װער װעט גלײבן, אַז איך װיל ניט,
װיל ניט, װיל ניט, װיל נישט שפּילן
אױך אין שעהען, װען איך שפּיל מיט
מיט די לצים קעגן װילן.

ירושלים, 30סטער נאָװעמבער, 1981

אַנדערש אַנדערש

אַנדערש, אַנדערש, אַנדערש.
זאַמד פון גאָר אַן אַנדערן פּלאַנעט.
היצן פון אַ פײַער פון אַן אַנדערס
אַלץ איז אַנדערש, װאָס איר הערט און זעט.

פרװוט און רוקט די װאָלקנדלעך פונאַנדער
װי די פּירהענגלעך פון פענצטער מע צערוקט,
זעט איר װי דער הימל דאָ איז אַנדערש,
װען צו גאָט פון היגן זאַמד מע קוקט.

אױך די װאָלקנדלעך זענען נישט די זעלבע
דינער, זײַדענער, שיטערער געװעבט,

זיי באַוווײַזן זיך דאָ זעלטן זעלטן
גלײַך ווי מיט אַ ווינט צונויפגעקלעפּט.

און די הײַזער דאָ, אויך די וואָלקנקראַצערס
זעען ווי געצעלטן גרויסע אויס
און די פֿאַסטעכער פֿאַרפּוצט אין דוד׳ס פּאַנצערס
טרײַבן זייערע שאָף צום זאַמד אַרויס.

שעפּעלעך, אוי שעפּעלעך געטרײַע,
אייניקלעך פֿון יעקבֿס שאָף געשטרײַפטע און געפּלעקט,
פּאַשעט איר זיך הײַנט בשפע מיט די קלײַען
פֿון די בלומען, וואָס מע שיקט אַוועק.

און די אייזלען און די קעמלען אָנגעלאָדן
בלײַבן שטיין בײַ רויטער שײַן, וואַרטנדיק אויף גרין
מיט דער משא אָנצוקומען ביז צום ים אָן שאָדן,
מיט די ריחות פֿון די בלומען אָן געשטאַנקען פֿון בענזין
פֿון אַ לאַסטמאַשין.

אַנדערש, אַנדערש, אַנדערש,
זאַמד פֿון גאָר אַן אַנדערן פּלאַנעט,
היצן פֿון אַ פֿײַער פֿון אַן אַנדערס
אַלץ איז אַנדערש, וואָס איר הערט און זעט.

ירושלים, דעצעמבער 1978

איך וויל זיך נישט צירן

איך וויל זיך נישט צירן פֿאַר אײַך ווי אַ העלד.
ווען איר האָט פֿאַרוואַנדלט דאָס זאַמד אין אַ פֿעלד
און וועלדער געפֿלאַנצט אין ייִדישן לאַנד,
האָב איך דאָרט געקרעמערט אין ראַטנפֿאַרבאַנד.
אַ הערינג פֿאַרקויפֿט צי פֿאַרקויפֿט אַ ליד,
די זעלביקע סחורה, קיין חילוק ניט.
דאָס ליד פֿאַרקויפֿט און אַ הערינג געקויפֿט
און אָן אַ קלויסטער זיך געטויפֿט.

איך האָב נישט געליגנערט, ווען כ׳האָב געלויבט,
איך האָב נישט געליגנערט, ווײַל כ׳האָב געגלויבט
אין בילד, וואָס איך מאָל דאָרט, מיט ברויט און מיט ווײַן,
איך האָב געגלויבט, אַז אַזוי וועט עס זײַן,
אַז ס׳וועלן בײַם טיש אין אַ ברידער=קרײַז
די פעלקער זיצן, געניסן די שפּײַז
און טרינקען לחיים אין ברודערשאַפט
און אַז די פרײַנדשאַפט וועט האָבן אַ האַפט
אויף אייביקע יאָר מיט שלום און טאָלק.
איך האָב נישט דערוואַרט קיין מיוחס=פאָלק,
וואָס האָט פאַרן עלטסטן זיך דערקלערט,
דער "עלטערער ברודער" אויף יענער ערד
און אַז די ערד פונעם ראַטנפאַרבאַנד
וועט גיין מיטן נאָמען רוסלאַנד בײַנאַנד —
אַרויסגעשלעפּט אים מיט צאַרישער קייט,
אויף אַלע רעפּובליקן אים פאַרשפרייט.

מיר זענען דאָרט ווײַט פון דער קראָם אַוועק,
מיר האָבן געמיינט, מיר פאַרלויפן דעם וועג
פון דער געשיכטע, וואָס גייט אונדז נאָך
און כדי אונדז פאַרגרינגערן דעם יאָך,
וועט זי אונדז אָניאָגן מיט דער צײַט.
נאָר זי איז אַוועק אין אַן אַנדער זײַט.
דאָ האָבן מיר אויך זיך אויסגעדרייט,
און האָבן געעפנט פאַר זיי אַ קלייט
פון הערינג און לידער, פון בראָנפן און ספּירט
און האָבן די קלייט מיט ציטאַטן באַצירט
פון סטאַלין און לענין, פון ענגעלס און מאַרקס,
מיט אייגענע גראַמען פון פּאָליטישן מאַרק,
ביז וואַנען מע האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט,
דעם אייגענעם חשבון הנפש געמאַכט,
און ווידער זיך אַוועקגעדרייט,
גענומען רײַסן און בײַסן די קייט
און דורכגעבראָכן די גרענעץ=וואַנט
געקומען אין קליינעם אייגענעם לאַנד
דאָס איינציקע וואָס ס׳האָט אונדז באמת געפעלט.
איך וויל זיך נישט צירן פאַר אײַך ווי אַ העלד.

ירושלים, 9טער דעצעמבער, 1981

אין מיטן מאַרט

אין מיטן מאַרט בין איך אַוועק,
אין סאַמע מיטן מאַרט
און אויף די ערשטע רעטעכלעך
זיך נישט דערוואַרט.

פון קאַרשן איז שוין אָפּגערעדט,
פון אַנדער פרישן אויפּס,
בין מוחל=מוחל און אַוועק
פון פּאָניעס פּויסט.

דער לינקער זאָק ביַי מיר איז רעכט,
איז אָן דעם לינקן זאָק.
ביַים רעכטן אַרבל פעלן שטעך,
איז פּאָר איך אָן אַ ראָק.

אַבי וואָס גיכער שוין אַרויס
פון פּאָניעס לינקע הענט,
איך לאָז דאָס מעבל אים, דאָס הויז,
די בילדער אויף די ווענט.

ווי לעבעדיקע אָן אַ דאַך,
איז לאָזן טויטע אָן אַ שטיין
און ערגער איז פון דעם אַ סך,
נישט וויסן, ווו ס'איז זייער געביין.

— אָ, מוטער מיַינע, וווּ'ז דאָס אָרט,
וואָס ס'זאָל מיר זיַין אַצינדער שווער
צו לאָזן אָן אַן אות, אַ וואָרט
און אָן אַ טרער.

— ס'איז אומעטום, מיַין קינד, דאָס אָרט
און אומעטום די ערד,
וואָס שווער איז מיט צי אָן אַ וואָרט
צו לאָזן אָן אַ טרער.

— פֿאַרלאָז, אַנטלויף! נישט קוק זיך אום,
דײַן טרער קאָן ווערן אַ שטיק זאַלץ
און סדום קאָן ווערן דער אַרום,
אַ תליה=שטריק אַרום דײַן האַלדז,
פֿאַרלאָז, אַנטלויף!

אין מיטן מאַרט בין איך אַוועק.

ירושלים, 9טער דעצעמבער, 1981

איך ווייס נישט

איך ווייס נישט וואָס פֿאַראַ אויגן דו האָסט,
ביסטו אַ הויכער, צי ביסטו אַ ברייטער,
נאָר זײַן מוזסטו, ווייס איך, ערלעך און פּראָסט
אַזוי ווי אַ טרעגער וואָס שטײַגט אויף אַ לייטער.

איך ווייס נישט וואָס פֿאַר אַ חלום דו זעסט
און וואָס דו הערסט דאָרט און וואָס פֿאַר אַן עכאָ,
נאָר ווייסן ווייס איך, דאָס ברויט וואָס דו עסט
איז כשר פֿאַרדינט, בזיעת אפּיך.

איך ווייס נישט צי ביסטו אַ פּויער אין פֿעלד,
צי ביסטו אַ שמידער פֿון אַקעראַײַזנס,
נאָר ווייסן ווייס איך, פֿאַר גאָר דער וועלט
דו קאָנסט זיך שטענדיק פֿאַר אַלעמען ווײַזן.

איך קאָן נישט דײַן טראַכטן, די מאָס פֿון געפֿיל,
צי גראַמסטו ווי איך אין אַ ליד די געפֿילן,
נאָר זײַן מוזסטו, ווייס איך, שטורעמדיק־שטיל
אַזוי ווי אַן אויסטראַך ערב זײַן שפּילן.

איך ווייס נישט די פֿאַרב פֿון די האָר אויף דײַן קאָפּ,
איך ווייס נאָר אַז דו קאָנסט דײַן קאָפּ נישט בייגן
און קיין מאָל ווערסטו שוין פֿון באַרג נישט אַראָפּ
און אַלע באַרגשפּיצן זענען דיר אייגן.

איך ווייס נישט און ווייס, נאָר נישט אויף געוויס,
צי ביסטו איצט נאָענט צי ווײַט איצט פון דאַנען,
נאָר ווייסן ווייס איך אויף זיכער, דו ביסט,
אויף זיכער ווייס איך, אַז דו ביסט פאַראַנען.

צי האָב איך גענוג געטאָן

צי האָב איך גענוג געטאָן פאַר די קינדער?
די קינדער — גענוג געטאָן פאַר די אייניקלעך?
ס'איז שפּעט שוין צו טראַכטן דערפון אַצינדער,
מיר האָבן אַלע געטאָן גאָר ווייניקלעך.

און אפשר געשעט עס אַזוי שוין שטענדיק,
און אַלע דורות מיט די זעלביקע טענות
צו זיך אַליין, אַז נישט געענדיקט
די גאַנצע אַרבעט, ווי סע דאַרף צו זײַן איז.

אַ קינד ווערט געבוירן איז אַ נײַער ווילן
געבוירן געוואָרן, וואָס בויט שוין פּלענער,
וואָס וויל נישט און וויל נישט צו דײַנע צילן
דעם וואָגן שלעפּן, ווײַל זײַנער איז שענער.

און יעדער דור איז — אני הגבר
און ס'דאַכט זיך אים שטענדיק, אַז ער איז דער ערשטער,
אַזוי דער הײַנטיקער דור דער באר שבער,
אַזוי אַ מאָל דער מאַרקולעשטער.

ירושלים, 9טער מאַי, 1979

אַלע ראַפּטן

אַלע ראַפּטן אין מיר זענען אײַנגעבראָכן,
אַלץ וואָס אויסגעסדרט מיט אַ טאָלק
אין די פריערדיקע יאָרן, לעצטע וואָכן,
אויף עס איבערצוגעבן דעם פאָלק,

איז צעוואַרפן און צעשאָטן,
איז צעריסן און צעטראָטן.
ווו איז דאָס שנירל מיט ווערטער שיינע?
ווו איז דאָס שאַכטל מיט קלוגע רייד?
— אָט איז דאָס שנירל מיט ווערטער שיינע,
— אָט איז דאָס שאַכטל מיט קלוגע רייד.
שטייען ראַפטן גאַנצע, פאַרריכטע
פול מיט בלעטער פאַר דער געשיכטע
אויסגעסדרטע מיט אַ טאָלק,
גרייט זיך איבערצוגעבן דעם פאָלק,
גרייט זיך איבערצוגעבן דעם יורש,
אונדזערע קינדער, וואָס זוכן שורש,
אונדזערע קינדער, וואָס זוכן דעם שטאַם,
זוכן אַ תיקון, זוכן אַ ראַם,
זוכן מחיצה פאַר זייער זײַן,
זוכן אַ המשך, זוכן שײַן.

ירושלים, 3טער יולי, 1980

אפילו משה

מיר האָבן שטיינער געהאַקט און געשפּאַלטן,
עס האָבן די קלעפּ נישט געלאָזט זיך באַהאַלטן
פון די, וואָס האָבן דאָס האַקן פאַרבאָטן
אפילו אין שטיינערנעם שאָטן.

זיי זענען אַרויס קעגן שפּאַלטער און העקער,
אַ פּחד האָט גראָד אינעם האַרץ פון די שרעקער
געהאַקט ווי מיר מיט די העק אין די שטיינער
פון אָרט, וואָס אָנרירן טאָר דאָ נישט קיינער.

פאַרבאָטן איז אויך דעם אָטעם צו בײַטן,
צו שפּאַנען צו פוס דאָ, צו פאָרן, צו רײַטן,
זיי טענהן: דאָס אָרט האָט גאָט אונדז באַשאַפן
צו קוקן און זען פון דער ווײַטן און גאַפן.

אפילו משה, וואָס האָט זײַנע לאַוון
אין שטיין אויסגעהאַקט פֿאַר באַפֿרײַטע שקלאַפֿן,
וואָס פֿאַר דעם האָט ער דעם ים אויך געשפּאַלטן,
האָט אויך געמוזט זיך בשעתו באַהאַלטן
אין אָט די הייליקע שטיינערנע קאַנטן
אין קבר זײַנעם דעם אומבאַקאַנטן.

ירושלים, 8טער יוני, 1979

און גאָט אַליין

און גאָט אַליין איז קיין ירושלים עולה,
פֿון הימל הייבט ער אויף זיך צו דער שטאָט,
באַלוינט דאָרט די ייִדן זײַנע די וווילע
מיט אָרעמקייט, מיט ענגשאַפֿט ווי מיט גנאָד.

און גאָט אַליין דרייט זיך אין די געסלעך
און הערט זיך אין די זיסע תפֿילות אײַן,
ער זאַמלט זיי אין געעפֿנטע פֿעסלעך
און לאָזט זיי שפּילן, אויסשפּילן ווי ווײַן.

דערנאָכדעם לאָזט ער אַראָפּ זיך צום הימל
און קוקט אַראָפּ אויף דער איבעריקער וועלט
און איבערן גאַנצן הימל בליט אַן איינציק בלימל,
וואָס קוקט דורכן הימל ווי אַ שטערן אויף אַ פֿעלד.

ירושלים, פֿעברואַר, 1979

דאגות

סע פֿעלן נישט קיין דאגות, דאַנקען גאָט,
סע פֿעלן נישט און וועלן אויך נישט פֿעלן
און קיינער נאָך נישט אויסגעקליבן האָט
אַליין די דאגות, וועלכע אים געפֿעלן.

און ווי דו זאָלסט ניט זאָגן=שרײַבן גראָד —
נישט אויסגעקליבן האָט, צי האָט נישט אויסגעקליבן,
סע פעלן נישט קיין דאגות, דאַנקען גאָט,
קיין חילוק ווי דו האָסט געזאָגט=געשריבן.

אָט לעב איך אין דער אויסגעבענקטער שטאָט
און, דאַכט זיך, איך בין גליקלעך עס צו וויסן,
נאָר עפּעס דרייט זיך אום אין מײַן קאָפּ אַ ראָד,
די דאגות לאָזן נישט פונעם גליק געניסן.

די דאגות דרייען עס אין מײַן קאָפּ דאָס ראָד,
די אַלטע פאַלן אָפּ, סע קומען נײַע,
סע פעלן נישט קיין דאגות, דאַנקען גאָט,
אויך דאָ אין הייליקן ירושלים.

ירושלים, יאַנואַר, 1979

און דאַנקען גאָט

און דאַנקען גאָט, די דאגות וועקן אויף.
און דאַנקען גאָט, מע קען פון זיי אַנטלויפן,
נאָר אָפּט מאָל פאַלט מען אום אין מיטן לויף
און דווקא, ווען מע לויפט דורך פרעמדע הויפן.

און בלײַבט מען ליגן בײַ אַ פרעמדער טיר
און בײַ אַ פרעמדן האַלב=פאַרמאַכטן טויער,
איז דעמלט, ליבער מאיר, וויי צו דיר,
פאַר פרעמדע אויגן שיט זיך אויס דײַן טרויער.

פאַר פרעמדע אויערן גיסט זיך אויס דײַן וויי
און כוחות פעלן אויס זיי צוצודעקן
און קינדער לויפן אָן און שפּילן זיך מיט זיי,
צעשפּריצן זיי אין אַלדע ווילדע עקן.

און ווו דו קומסט, דײַן טרויער וואַרט אויף דיר,
און ווו דו גייסט, דײַן וויי דיר גייט אַקעגן,

און ביטער ווי דאָס ברוינע קריגל ביר
איז דיר דאָס ביסל האָניק, וואָס דו טרעפסט אויף דײַנע וועגן.

די ביטערקייט פון ביר איז דווקא גוט,
נאָר האָניק דאַרף דאָך זיס זײַן און נישט ביטער
און טאָר נישט ווי קיין הייוון שפּילן אין דײַן בלוט
און זײַן געדיכט ווי האָניק און נישט שיטער.

און לויטער זײַן ווי האָניק דאַרף דער האָניק זײַן
און קילן דיר דעם גומען און נישט צינדן
ווי אָט דער יונגער קאַלעמוטנער ווײַן,
וואָס פּרווט דיך צו פאַרבלענדן ווי אַ בלינדן.

און פּרווט דיך אָנצוהייצן ווי אַ באָד,
און פּרווט דיך אָנצורייצן ווי אַ טיגער
און לאָזט דיך איבער האַלבע נאַכט אין שטאָט
אַ גוססן ווי אין שלאַכט דעם זיגער.

און דאַנקען גאָט, די דאגות וועקן אויף,
די דאגות קענען אויפרײַסן אַ טויטן
און איך וואָס בין פון זיי אַנטלאָפן, לויף
פון הויף צו הויף און איבער הויכע פּלויטן.

ירושלים, 21סטער אָקטאָבער, 1981

דער אַכציקסטער דור

און איך, דער אַכציקסטער דור אין דער פרעמד,
איך טראָג אין מײַן בלוט די וואַנדערוועגן,
די שפּאַנישע זון אויף אַ רוסיש העמד,
אַ דײַטשישן ראָק אין אַ פּוילישן רעגן.

און איך, דער אַכציקסטער דור אין וועג,
איך האָב זיך אין אַלע טײַכן געבאָדן,
האָב אָנגעזאַמלט אַ גרויס פאַרמעג
פון יעדן פאַרלוסט, פון מײַן יעדן שאָדן.

און איך, אין וואַנדער דער אַכציקסטער דור,
איך קום איצט אַהיים פונעם פרעמדן וועלטל.
דעם שאָדן, וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט,
שטעל איך אַרײַן אין אַ לײַוונט געצעלטל.

איצט ליג איך אַ נאַקעטער אויפן זאַמד
בײַם ברעג פונעם ים און צייל די קערנער
פון טרוקענעם זאַמד, פונעם אייגענעם לאַנד
און האַלט מײַן גורל בײַ די הערנער.

ירושלים, אפריל, 1979

וואָס מיר זענען, זענען מיר

געבוירן בין איך אין מײַן היים דער צווייטער,
צי בלײַבט דען עמעץ לעבן אויף דער לייטער
פון יענער שיף, ווו ער געבוירן אויפן ים איז
אין חודש חשוון צי אין חודש תמוז,
צי בלײַבט דען עמעץ לעבן אין די פלאַמען,
וואָס כאַפּן אָן די צווײַגן און די שטאַמען
מיט נעסטן אויסגעבעטע, באַזונגענע, פאַרוויגטע?
אַ פאָלק באַשטראָפטע אויפשטענדלער באַזיגטע,
פון לאַנד צו לאַנד געטריבענע, געיאָגטע,
האָט אונדז, דער קרײַז פון וואַנדערונגען, אויסגענאָגטע
צוריק געבראַכט אין לאַנד פון אויפשטאַנד קעגן רוימער,
די זעלבע אײַנגעשפּאַרטע און די זעלבע טרוימער,
וואָס זענען נישט מוותר אויף קיין פּאָדעם
פון אונדזערע געזאַנגען, פון אונדזערע בגדים,
פון אונדזער רעדן מיט די הענט און מיט אַ ניגון,
פון אונדזער שטייגער, וואָס די גויים האָבן אים פאַרשפּיגן,
פון "וואָס מיר זענען, זענען מיר" — דאָס באַקאַנטע לידל —
"אָבער יִידן זענען מיר" און געקומען יִידן.

זיבן יונגע ברידער

איך האָב געלאַנדעט אויף אַ באַרג, וואָס האָט געציטערט,

און אָפּגעשיקט די פֿליגל כ׳האָב צום נעכטן,
דעם לינקן, פֿעטן — דעם פֿון פֿעדערן געפּיטערט —
און פֿול מיט ווונדן בלוטיקע — דעם רעכטן.

אַראָפּגעקוקט אין טאָל, ווו ס׳האָט געאַנקערט
מײַן שוועסטער אינעם שטורעמדיקן האָפֿן.
איר יונגער גוף דער אויסגעפּרוּווטער, שלאַנקער
נישט אויפֿגעהערט האָט, ווי אין ים, זיך וואַרפֿן.

און פֿונעם ברעג דאָס שיפֿל אָפּגעשטויסן,
וואָס האָט געזונקען ווי דער שפּיץ פֿון אַ מצבֿה,
ווען אויף דער ערד געשטורעמט האָט דער דרויסן
און אָנגעזאָגט אַ מבול אָן אַ תּיבֿה.

נאָר גאָט האָט זיך דערמאָנט אין רעגנבויגן,
אַראָפּגעשיקט אַן אויסגעשטריקטע לייטער
פֿון אַלערליי קאָלירן פֿאַר די אויגן,
מײַן שוועסטער איז געשטיגן אויף דער לייטער.

דער באַרג האָט זיך באַרויִקט צו איר קומען,
געצעלטן ווײַסע — אויפֿגעשײַנט מיט לידער,
דאָס שיפֿל איז פֿון ים אַרויפֿגעשוווּמען
און האָט געבראַכט אונדז זיבן יונגע ברידער.

ירושלים, 1980

פֿרעמדע ערד

גלײַך דאָרט אין חוץ לארץ הייבט זיך אָן די וועלט
און דאָ בײַ אונדזער גרענעץ ענדיקט זיך די וועלט
און דאָ בײַ אונדז אין לאַנד איז שוין נישטאָ קיין וועלט
מיט באַרג און טאָל, מיט וואַלד און פֿעלד,
גלײַך דאָרט די ערד, די חוץ לארץ=ערד
איז נישט קיין פּראָסטע ערד מיט גראָז פֿאַר קי און פֿערד,
מיט זאַמד און ליים, מיט מאָך און שטיין, וואָס ווערט
פֿון אויבן דאָרט מיט רעגן און מיט זון גענערט,

נאָר עפּעס=וואָס, וואָס מענטשן האָבן אויסגעקלערט,
דערפונדן זי, די ערד, וואָס פריער איז זי נישט געווען,
איז אײַלט מען זיך בײַ אונדז, וואָס פריער זי צו זען,
ווײַל זי איז, די דערפינדונג, נישט דערגאַנגען נאָך
צו אונדז אין לאַנד, איז פּאָרט מען אויף אַ וואָך
און ווער אויף צוויי חדשים און ווער אויף יאָרן פּאָרט,
און ווער סע ווערט פאַרכאַפּט און בלײַבט אין גאַנצן דאָרט
און יעדער טאָג אַנטפּלעקט פאַר זײַנע אויגן ווערט
אַן אַנדער נס, וואָס פריער נישט געזען=געהערט —
אַ קלייניקייט, אַזאַ דערפינדונג! — פרעמדע ערד.

ירושלים, וטער יולי, 1980

מײַן קאַפּריז

ס'האָט זיך מײַן קאַפּריזער ווילן
ווידער שוין צעשפּילט,
וויל איך אים מיט נאָדלען שטילן,
ביז ער ווערט מיר אײַנגעשטילט.

וויל איך אים מיט נאָדלען שטעכן
און צעברעכן דעם קאַפּריז
זיך צו קײַקלען אויף די בלעכן
פון די דעכער פון פּאַריז.

זיך צו בראָטן אויף די שטיינער
פונעם קלויסטערישן רוים,
ביז מע ברעכט אים אָן די ביינער
מײַן קאַפּריז, וואָס זשיפּעט קוים.

ביז מע שטעכט אים אויס די אויגן
אויף די גאַסן פון מאַדריד,
וויל ער זיך פאַר קיינעם בויגן
מײַן קאַפּריז, דער אַלטער ייִד.

ר'קאָן זיך אויבעט נישט צעשיידן

מיטן פראָשע=פּאַנאַ=לאַנד,
כאָטש וואָס העלפט זײַן פּויליש ריידן
און מיצקעוויטש אויף דער וואַנט?

און וואָס העלפט זײַן רוסיש קענען,
קענען גוט די דײַטשע שפּראַך? —
אין די בלינדע אויגן ברענען
אויוונס, ווען דער טײַוול לאַכט.

דרייט ער זיך אַרום אַ בלינדער
אויף די גאַסן פון ניו־יאָרק
און ער פלאָדיעט אָן דאָרט קינדער
פאַר מזומן און אויף באָרג.

אַרבעט דאָרט ביַי פרעסן העמדער,
גיט די קינדער אויס צו לײַט,
ביז זיי שטעלן זיך ווי פרעמדע,
זײַנע קינדער, אין אַ זײַט.

טרעף איך אים אַליין אין דרויסן,
קוק זיך אום אין אַלע פיר,
ס'איז נישט גרינג דאָך אָפּצושטויסן
אַ קאַפּריז, וואָס לעבט מיט דיר.

ניו=יאָרק, מאַי, 1981

טאַקע שענער

"בולגאַריע איז אַ לאַנד אַ שיינס.
נאָר רוסלאַנד איז פון אַלע שענער."
דאָס האָבן רוסן איינס אין איינס,
מאַרשירנדיק, געהויבן טענער.

און נישט נאָר רוסן, נישט נאָר זיי,
נאָר אויך פּאָליאַקן און רומענער,
זיי זינגען, גייענדיק אין ריי —

ס'איז זייער לאַנד פון אַלע שענער.

און מיר, כאָטש ס'איז ישראל קליין
און בלוי=ווייס=שטיל אונדזערע פענער,
כאָטש אַלע לענדער זענען שיין,
נאָר אונדזער לאַנד איז טאַקע שענער.

און ווידער לידער

און ווידער לידער וועגן פאָלק און לאַנד
און וועגן העלדן, וועלכע קאָנען שלאָגן.
ווען ס'טראָגט דער פיינד קיין שווערד נישט אין זיין האַנט.
וואָלט איך קיין שווערד דאָך לאַנג שוין נישט געטראָגן.

וואָלט איך מיין האַנט פון לאַנג געווען באַפרייט
אין גאַנצן צום פאַרזיי, צום שניט פון זאַנגען
און אויך די לידער=שטימע וואָלט זיך מיר באַנייט
מיט נייע לידער — פרידלעכע געזאַנגען.

און אויך ביים טיש, געגרייט פאַר געסט און פריינד,
געשטאַנען וואָלטן שטולן פאַר די שכנים
פון יענער זייט דער גרענעץ — אונדזערע פיינד
די נעכטיקע — צו זיצן דאָ אין איינעם.

און ווידער לידער וועגן פאָלק און לאַנד
און ווידער די חלומות וועגן שלום.
ווען ס'טראָגט דער פיינד קיין שווערד נישט אין זיין האַנט,
וואָלט איך געקאָנט זיך אָפּגעבן דעם חלום.

ירושלים, 9טער דעצעמבער, 1981

וואַרף אַראָפּ

וואַרף אַראָפּ די ווערטער פון די הייכן,
פון די הויכע בערג פון דיין באַהעלטעניש,

זאָלן זיי די שפּאַלטן פון דער ערד דערגרייכן
און פאַרשפּרייטן אַ גערעטעניש.

פּרוווט עס ווער דאָרט אויסוואָרצלען דײַן זריעה
מיט אַ בייזער האַנט מיט אַ פאַרשפּעטיקטער,
ווייס, אַז אויך פאַראורטיילט צו דער תּליה
שטאַרבסטו מיט אַ זיג אַן אָנגעזעטיקטער.

ס׳איז די ערד פון דיר אַן אָגעשטעקטע
מיטן סם פון בליען און פאַרשפּרייטן זיך
פונעם וואָרט ויהי אַן אויסגעשטרעקטע
און די שטרעקעס לענגן זיך און ברייטן זיך.

ירושלים, יאַנואַר, 1980

אַ תּפילה

שענק מיר, גאָט, אַ שטיקל גרין באַגראָזטע ערד,
ווו דער טראָט פון דער געשיכטע האָט נאָך נישט געטראָטן,
ווו אין גרינע ביימערדיקע בערד
פּאָרן זיך די שטראַלן מיט די שאָטנס
און אַ קעלבל פּאַשעט זיך אין גראָז
ווײַט פון וועגן און פון מענטשלעכע געפעכטן,
פּאַשעט זיך אַזוי אָן צו וויסן עפּעס=וואָס,
ווער עס האָט זיך דאָ געפּאַשעט נעכטן.

געסט, וואָס דאַרפן קומען

בין אַלט און קראַנק און כ׳פיל מיר פעלט
דעם ווערטערבוך צו טראָגן — קרעפטן,
האָב איך דערפאַר פאַר קליינעם געלט
געקויפט דאָס דינסטע ווערטערהעפטל.

מיר פעלן ווערטער און איך זוך,
נאָר כ׳קאָן אין העפטל זיי נישט טרעפן.

דעם אַלטן גראָבן ווערטערבוך
איך ריר נישט אָן און נישט איך עפן.

פון נעכטן אָן כ׳האָב אויפגעהערט
מיט ״טרוים״ און ״שטערן״ זיך צו נוצן.
מיר איז אָן אָפּגעצוימט שטיק ערד
געבליבן און איך טו עס פּוצן.

און צווישן גרינס, וואָס איך פאַרמאָג,
האָב איך פאַרפלאַנצט אויך בוים און בלומען,
באַגיס פאַר נאַכט זיי און פאַר טאָג
און וואַרט אויף געסט, וואָס דאַרפן קומען.

ירושלים, יאַנואַר, 1979

דאָס וואָס אַלע פילן

דאָס וואָס אַלע פילן איז שוין אויסגעזונגען,
דאָס וואָס אַלע וויסן איז שוין אויסגעזאָגט,
האָבן גוים נאָכן גרויסן אומגליק אויסגעדונגען
גאָר דעם לוין פאַר זיך און אָפּגעדונגען
פון די ליידן אונדזערע און זיך — באַוויינט, באַקלאָגט.

זיך באַקלאָגט, באַנעבעכט און די פאַרברענטע כאַטעס
אויפגעשטעלט צוריק און גרעסערע אַצינד
און מיט פרישע כוחות האָבן אַלטע טאַטעס
אין די נײַע קליידער שטאַט די אַלטע שמאַטעס
צוגעגרייט ירושה — יעדער פאַר זײַן קינד.

קלאַפּן מיר אַצינדער אין די פרעמדע טירן,
עפענען זיך טירן מיט אַ בייזן סקריפּ.
ווערן מיר פאַרציטערט און קאָנען זיך נישט רירן,
קלאַפּט מען אונדז אין פּלייצע, לאָזט מען זיך פאַרפירן
און מיר מיינען ווידער, אַז מע האָט אונדז ליב.

ירושלים, 14טער יאַנואַר, 1979

צעעפּן ברייטער

צעעפּן ברייטער די אויגן און ברייטער
און קוק צו דער ווײַט פון דער העכסטער לייטער.
דער באַרג און דער טאָל פונעם בילד, וואָס פאַרפּלייצט דיך,
פאַרמאָגט אַ באַגלייטער
און אויב דו פילסט עס נישט,ווייס עס,
דער תוהו ובוהו פון הינטער די פלייצעס,
דער פאַרבנגעמיש הינטער דיר, וואָס דו זעסט נישט,
באַגלייט עס,
באַגלייט דאָס בילד, וואָס דו קוקסט אויף דעם,
און דו זעסט עס
פון סאַמע דער העכסטער לייטער —
צעעפּן ברייטער די אויגן און ברייטער.

ירושלים, אָקטאָבער, 1979

ווי ס׳האָט געבאָטן גאָט

צייכן אָפּ פאַר אונדז אַן ענגן קרײַז,
יאָג זיך נישט, מיר שטייען דאָך אויף אײַז,
וואַרט אַ ביסל ביז מיר ווערן דאָ
צוגעפּרוירן צו דעם בלאָען דנאָ.

איצטער פּרווו זיך רירן פונעם אָרט,
פּרווו דאָס מזל, שפּילנדיק אַ קאָרט,
אַכטונג גיב, נישט פאַלן פונעם ריר,
מיר פאַר דײַנע ביינער, מיר פאַר דיר!

אויב באַצײַטנס וועלן מיר פון אײַז
נישט באַפרײַען זיך, איז ווערן מיר די שפּײַז
פון די פיש אין פרילינג, ווען די וואַסער=קייט
שלעפּט אַראָפּ אונדז לעבעדיקערהייט.

בעסער שוין צו בויען אונדזער טראָט
אויפן זאַמד, ווי ס׳האָט געבאָטן גאָט,

נישט דער גאָט פון חזיר=שמאַלץ און באָרשט,
נאָר דער גרויסער גאָט פון מדבר=דאָרשט.

שטיל אַצינד

שטיל אַצינד אין מײַן געמיט,
נישט קיין בילד און נישט קיין ליד,
שטומע שאָטנס אויסגעשטרעקט,
הויט און ביינער אָפּגעדעקט
ליגן ערגעץ אויפן דנאָ
און קיין כח איז נישטאָ
זיי אַ ריר צו טאָן פון אָרט
מיט אַ ניגון צי אַ וואָרט.

סאַראַ מידקייט אין מײַן בלוט,
דורות=לאַנג נישט אויסגערוט,
כ׳האָב אַ ווײַלע אין מײַן גיין
צוגעזעצט זיך אויף אַ שטיין,
האָט אַ ווינטל מיט אַ בלאָז
מיך אַראָפּגעשטופּט צום גראָז,
ליג איך שוין אַ טאָג אַזוי
אינעם גרינעם גראָז — אַ שטרוי.

זאָל כאָטש מיך נישט זען קיין גוי!

רוף מיך נישט

רוף מיך נישט אין וואַלד צוריק,
נישט דערפאַר בין איך אַנטלאָפן.
כ׳האָב געלאָזט פון זיך אַ שטיק
אויפן גראָז, ווו כ׳בין געשלאָפן.
נישט געשטאָרבן יענע טייל,
וואָס געלאָזט כ׳האָב דאָרטן ליגן,
ס׳איז מײַן ווונד מיר נישט פאַרהיילט
און זי לאָזט זיך נישט פאַרוויגן,

נישט פֿאַרזינגען מיט קיין ליד
נישט קיין מעשה זיך דערציילן,
נישט פֿאַרהיילט איז נאָך דער שניט
און ער וויל זיך נישט פֿאַרהיילן.
טראָג איך זיך אַרום מיט אים
אַ פֿאַרדעקטן און נישטאָ אים,
און ס'איז האָפֿערדיק מײַן שטים
און אַ פֿריילעכס איז מײַן פּנים.
ס'איז אַ מאַסקע אויף די הויט
אויף מײַן לײַכט געקנייטשטן שטערן,
טיף אין מיר נאָר ברײט און בלויט
און דאָס בלוט לאָזט קוים זיך הערן
אינעם שלאָגן פֿון מײַן האַרץ,
אינעם ציטער פֿון די ליפּן
און דאָס האַרץ בלײַבט אַ פֿאַרשפּאַרטס
אינעם קאַסטן פֿון די ריפּן.
איך בין שטאַרקער פֿון מײַן בלוט,
איך בין קלוגער פֿון מײַן גורל,
ס'האָט מײַן גײַסט נישט אָפּגערוט
און געפֿונען — נישט פֿאַרלוירן,
האָט געזוכט מײַן זיידנס וויג
און ער האָט זי דאָ געטראָפֿן.
רוף מיך נישט אין וואַלד צוריק,
נישט דערפֿאַר בין איך אַנטלאָפֿן.

ירושלים, נאָוועמבער, 1979

אַ בן עיר

באַשער מיר, גאָט, אַ בן עיר,
אַ גאַסט אויף אַן איינציקן אָוונט,
איך זאָל אים לייענען אַ שיר
פֿון שטעטל, וואָס איז אונדז נאָענט.

און זאָל אונדז דאָס שטעטל שטיין
פֿאַר אונדזערע מידע אויגן

אין שיַין פון דער מערב=זון שיין
צום טונקעלן טײַך אָנגעבויגן.

און זאָל ער דאָרט פלוצים דערזען
מיט קינדער פון געסל לויפן
דאָס קינד, וואָס ער איז געווען
בײַם שפּילן אין ייִדישע הויפן.

און צווישן די קינדער אויך מיך
בײַם שפּילן דאָרט זאָל ער דערקענען,
ווי באָרוועסע ביידע, אָן שיך
מיר לויפן אין שטויבן אין יענע.

אין וואַרעמען שטעטלשן שטויב
איז גוט צו באָדן די פיסלעך,
ווען שוועסטערלעך קוקן אין שויב
און קנאַקן קערלעך און ניסלעך.

און טרײַבן אונדז אונטער מיט שפּאָט —
אַזעלכע ווילדע קינדער!
פון שטויבן זיך מאַכן אַ באָד
אַזוי ווי די שאָף און די רינדער.

באַשער מיר, גאָט, אַ בן עיר,
אַ גאַסט אויף עטלעכע שעהען..
אָט זיצט ער, דער גאַסט, מיט מיר
און וויגט דעם קאָפּ דעם גראָען.

— איך בין פון שטעטל אַרויס,
ווען ס'איז שוין געשטאַנען אין פלאַמען,
עס זענען פאַרבליבן אין הויז
מײַן טאַטע מיט מײַן מאַמען.

מײַן גאַסט, דער אַלטער ייִד,
הייבט אָן זיך בײַם קלאָגן צו טרייסלען
איך שטעל אים אָפּ אין דער מיט
און ווייס נישט מיט וואָס אים צו טרייסטן

אין פענצטער שפיגלט זיך אָפּ
אַ ווינטער אַזאַ אַ צעגרינטער
און נאָר זײַן גראָ=ווײַסער קאָפּ
דערמאָנט אין אַן אַנדערן ווינטער.

ביידע זענען אומגעקומען

ביידע זענען אומגעקומען, סײַ דאָס מיידל, סײַ דאָס ייִנגל,
נאָר איך הער נישט אויף צו שמידן דאָס קידושין=רינגל,
זייער רינגל דאָס פֿאַרקלעמטע, דאָס פֿאַרשעמטע גאָלד דאָס עבטע,
וואָס איך האָב עס אויסבאַהאַלטן פֿונעם קופּערנעם געלעכטער
פֿון גזלנים און תלינים אין די שטיוול מיט פּאָדקאָוועס
אײַזערנע וואָס אויף די נעגל פֿון די פּיס פֿון גראָבן באָרוועס,
זייער טאַנץ אַרום דעם שײַטער בײַ מײַן אומגעקומען שטעטל,
זייער האָפּקען אויף די אַשן האָט דאָס רינגל נישט צעטרעטן,
כ'האָב געפּירט עס און געבראַכט עס צו דעם מדבר־זאַמד דעם אַלטן
אין די פֿינגער די פֿאַרקלעמטע, ווו איך האָב עס אויסבאַהאַלטן.
דאָרטן זענען אומגעקומען סײַ דאָס מיידל, סײַ דאָס ייִנגל.
נאָר איך הער נישט אויף צו שמידן דאָס קידושין=רינגל.

ירושלים, אַפּריל, 1979

אינסטרוקטאָרן

זיבן רוסישע אינסטרוקטאָרן
לערנען די סירישע זעלנער שיסן
און דער אַכטער מיט טאַנקעווע שפּאָרן
לערנט זיי טעכניש וויסן.

און דער נײַנטער בײַ האַרמאַטן
און דער צענטער בײַ ראַקעטעס.
דאַכט זיך, די סירישע סאָלדאַטן
ווייסן שוין עפּעס.

נאָך דעם הייבן זיך אָן די פּראַגעס

צו די סירישע הערער,
סיריער שעלטן אויף אַראַביש
זייערע רוסישע לערער.

— ווער האָט געבעטן, איר זאָלט קומען
אונדז מיט וויסן פאַרזאָרגן,
ווען מע קען מיט אַ מעסער אַ קרומען
איבערשנײַדן אַ ייִדישן גאָרגל.

שלינגען די רוסן די ביטערע פילן
ווי אַ טרונק בראָנפן אַ האַרבן
און לערנען זיי ווײַטער קעגן זייער ווילן
ווי צו טייטן און ווי צו שטאַרבן.

ווי צו פליען אויף די מיגן,
ווי צו צילן אין די ייִדן,
ווי צו פאַלן ווי די פליגן
פינף און זעקס און זיבן.

זיבן רוסישע אינסטרוקטאָרן
לערנען די סירישע זעלנער שיסן,
און דער אַכטער מיט טאַנקעווע שפּאָרן
לערנט זיי טעכניש וויסן.

צו אונדזערע אַראַבישע שכנים

ווײַזט אונדז נאָר אַ שלום־פינגער,
קריגט איר באַלד אַ שלום־האַנט
און דאָס ליד פון בעסטן זינגער
זינגט צו אײַך פון אונדזער לאַנד.

שענסטע לידער פון דער געגנט
וועלן קלינגען ביז צו אײַך
און איר ווערט מיט זיי באַגעגנט
אויף דער בריק פון ירדן־טײַך.

און איר וועט מיט זיי באַגעגנט
אויף די הייכן פון גולן,
און זיי קלינגען אײַך אַקעגן
העכער אַלץ מיט יעדער שפּאַן.

און איר ווערט מיט זיי באַגעגנט
ווען איר קומט אַראָפּ אין טאָל,
און איר ווערט מיט זיי געזעגנט
אויף צו קומען נאָך אַ מאָל.

ווײַזט אונדז נאָר אַ שלום=פינגער,
קריגט איר באַלד אַ שלום=האַנט
און דאָס ליד פון בעסטן זינגער
זינגט צו אײַך פון אונדזער לאַנד.

ירושלים, 27סטער יאַנואַר, 1982

שלח את עמי

אַ ווונדער איז אונדז הײַנט געשען.
ווען ס'וואָלט קיין ווונדער נישט געווען,
סע וואָלט אויף זיכער נישט געשען.

אַ האַק איז איבער אונדזער קאָפּ
געהאָנגען מיט דער שאַרף אַראָפּ
און פּלוצעם. סטאָפּ.

און נישט קיין מלאך פון דער הייך,
וואָס האָט אברהמס האַנט דערגרייכט
און האָט דאָס מעסער אָפּגעווייכט

פון יצחקס האַלדז אַ מאָל=אַ מאָל
אויף באַרג מוריה, נאָר אין טאָל
איך האָב דערהערט אַ מענטשלעך קול

און נישט "אל תשלח" איז געווען

דאָס וואָרט פון קול, ווען ס׳איז געשען
דאָס וווּנדער, וואָס געהערט, געזען.

אַ וואָרט אַ שפּעטערדיקס אַ סך,
וואָס משה נאָך אַרויסגעבראַכט
בײַ פּרעהס טראָן, פאַר פּרעהס מאַכט —
שלח

אין צפון קלינגט עס, ווײַט פון הי,
סע קלינגט פון דאַנעט ביז אַהין —
שלח את עמי, שלח את עמי!

אין טאָג פון אָפּענע הערצער

אין טאָג פון דײַנע ״אָפּענע הערצער״
דו שטייסט בײַ דײַן אייגענעם האַרץ
אַזוי ווי אַן אָרעמאַן בײַ אַ פענצטער,
וואָס וואַרט אויף אַ שטיקל ברויט אַ שוואַרצס.

איך ווייס, אַז ברויט האָסטו תמיד מערער
אויך דעמאָלט, ווען אַנדערע האָבן עס ניט.
דורכן קוימען אפילו ווי אַ קוימענקערער
דו קאָנסט נישט אַרײַנקומען דערמיט.

אין טאָג פון דײַנע ״אָפּענע הערצער״
וואָס דו אַליין האָסט געמאָלדן אַ מאָל,
דו שטייסט בײַ דײַן האַרץ אַן אָנגעפּעלצטער
מיט בלבול און היקעוואַטע קול.

פון מָסור קאָן מען זיך פאַרהיטן,
מע שווײַגט, ווען ער האַלט בײַ דער טיר אַן אויער.
פון בלבול אָבער ווערט מען פאַרשניטן
אפילו, ווען מע פאַרשליסט דעם טויער.

דער בלבול, אַז בייליס זאָל האָבן געקוילעט
און גענוצט דאָס בלוט פון אַ רוסיש קינד,

דער בלבול קעגן יִדישע דאָקטוירים
און דײַנע בלבולים פון אַצינד

זיי קומען אין טאָג פון אָפענע הערצער,
וואָס ווערן פאַרקלעמט פון דײַן געזאַנג.
די הערצער בעטן: עפנט די פענצטער
און זאָל כאָטש אַרויסגיין דאָס געשטאַנק.

ירושלים, מערץ, 1979

בראשית

די וואָס גלייבן אין גאָט דאַרפן נישט האָבן קיין מורא,
זיי שפּאַרן זיך אָן מיט די הענט אין זײַן תורה
און רופן אים בורא.

בראשית האָט גאָט באַשאַפן די וועלט,
די היצן פון היץ און די קעלטן פון קעלט.

פון וואַסער — די כוואַליעס, די טײַכן, דעם ים,
די זון און די שטערן פון פײַער און פלאַם.

דעם הימל פון הימל, די ערד פון ערד,
פון גראָזן דאָס גראָז פאַר קי און פאַר פערד.

די נאַכט פונעם חושך, דעם טאָג פון דער זון,
די הון פונעם איי און דאָס איי פון דער הון.

פון ביימער דעם וואַלד און פון זאַנגען דאָס פעלד
און פון אַלע די זאַכן די גאַנצע וועלט.

ירושלים, 1981

מײַן לעבן

אַרײַנטאָן װעל איך אין אַ קלײנער פלאַש
װי אין אַ גרױסן אָרון
מײַן גאַנצן האָב און גוטס, מײַן גאַנץ פאַרמעגן —
דאָס לידער=אַש
פֿון אַלע מײַנע יאָרן
דערנאָך אױף טונקעלע און פאַרדרײטע װעגן
פאַרמאַכטערהײט זי ברענגען צו די ברעגן
פון גרױסן ים און זי אַראָפּלאָזן די פלאַש
מיט לידער=אַש
און אױבן אױף דער כװאַליע אָנשרײַבן: מײַן לעבן.

ירושלים, 1טער נאָװעמבער, 1981

דער צווייטער האַלבער עפּל

דער צווייטער האַלבער עפּל

פּאָר טאָג. און ווידער לאָז איך זיך אַראָפּ,
פֿאַרמאַך די אויגן, גראָב זיך אײַן אין קישן
און וואַרט און וואַרט אויף יענעם ברי אין קאָפּ,
אַז איך זאָל אויפשפּרינגען און צולויפן צום טישל.

און ווײַל איך וואַרט איז קומט ער נישט דער ברי,
די צוגעמאַכטע אויגן בלײַבן צוגעמאַכטע,
קיין ברי, קיין גלי און אוודאי נישט קיין זי
קיין אמתע און נישט קיין אויסגעטראַכטע.

איך קאָן נישט עפענען די אויגן, קאָן איך נישט,
כאָטש איך בין, דאַכט זיך מיר, זיך אויסגעשלאָפן,
סע ציט זיך נישט מײַן האַנט צום בלײַער אויפן טיש,
סע ציט נישט מײַנע פיס צו די פּאַנטאָפל.

איז בלײַב איך ווײַטער ליגן און איך פרעג
בײַ זיך אַליין — צו וואָס די שטרעקעס, וועגן,
דאָס לויפעניש אויף זיי, וווהין איז דאָס געיעג?
אין מיטן ליגן שפּרינג איך אויף, אין מיטן פרעגן.

און ווילד אַזוי ווי גלײַך דעם לעצטן צוג
פֿאַרשפּעטיק איך און טאָר עס נישט דערלאָזן.
איך וואַש די הענט און אויפן זייגערל איך קוק
און דורכן פענצטער אויף דער סטעזשקע צווישן גראָזן.

און אָט בין איך אויף מײַלן ווײַט שוין פון געדוך

פון שלאָפּצימער, פון פינצטערניש, פון שוואַרצן נעפּל,
און אָט — אַ וועלט אַ האַלבע האָב איך שוין פאַרזוכט
און ס'וואַרט די העלפט די צווייטע, דער צווייטער האַלבער עפּל.

ירושלים, 30סטער יולי, 1980

אַ בריוו צו מײַנע ברידער אין בראַזיל

אין טעג ווען סע קלעקט אײַך נישט קיין צײַט
אפילו צו זיך אַליין צו ריידן
און אוודאי נישט צו דעם, וואָס איז ווײַט,
וואָס פאַרלירט זײַן גאַנצע פריַיע צײַט
אויף עפּעס אַ פרעמדן גן עדן,
איז שטעלט אײַך אַ רגע אָפּ און טראַכט
פון מעכל שוחט אונדזער זיידן.
ס'וועט זײַן אַ שפּעטע שעה בײַ נאַכט,
ווען אויף די לבנה איז פאַרטראַכט,
כאָטש טראַכטן פון טראַכטן איז פאַרשיידן.

דעם זיידן מעכל האָט איר נישט געקאָנט
נישט איך, כאָטש איך בין עלטער,
נאָר עפּעס האָב איך זיך פאַרט דערמאָנט
פון אײַך איז עס ווײַט, צו מיר איז עס נאָנט —
וואָס נענטער אַלץ פאַרשטעלטער,
פאַרנעפּלט, פאַרשטעלט און צוגעדעקט
מיט עפּעס אַ דעק אַ פאַרגעלטער
און אונטער דער דעק ציטערט די שרעק
פון זיידן מעכל, וואָס שטאַרבט אַוועק,
בשעת דער דרויסן איז אַ צעהעלטער.

נאָך פּסח. פרילינג. די ערד איז ווייך,
ס'איז גרינג דעם קבר צו גראָבן
איך קוק אַרויף, מײַן אויג דערגרייכט
די מיטה, וואָס מע טראָגט אין דער הייך
און צו די וואָס די מיטה טראָגן
און עפּעס=עפּעס אויף יעדן געזיכט

וויל רעדן, דערציילן און עפּעס זאָגן.
איך זע מע פֿאַרשיט אַ שיכט נאָך אַ שיכט
דעם קבר פֿון זיידן און אומגעריכט
האָט עפּעס צוריק זיך אויפֿגעגראָבן.

די פֿלעשלעך אויפֿן זיידנס טיש
מיט כּל המינים רפֿואות און טראָפּנס
האָט נאָך פּאַר פּסח אויסגעמישט
די באָבע, פֿון טיש זיי אַראָפּגעווישט
און צוגענומען פֿון זיידנס צוקאָפּנס
מיט גאָר דעם חמץ און פּסחדיק געמאַכט
די טעלערס, די לעפֿלס און די גאָפּלס,
זיי כּשר געמאַכט צו דער סדר=נאַכט,
נאָך פּסח דעם זיידן צו קבורה געבראַכט
אַ ריינעם פֿון די חמץ=טראָפּנס.

די זין און טעכטער האָבן געקלאָגט
און נאָך דעם זיך אַלע צעפֿאָרן
און נאָר מײַן מאַמע, די שנור, האָט געזאָגט,
סע קלינגט נאָך הײַנט אין מײַן אויער איר זאָג:
דער שווער איז געשטאָרבן מיט יאָרן.
די באָבע האָט גוט פֿאַרשטאַנען דעם מיין
און אָנגעצונדן זיך פֿון צאָרן
נאָר גאָרניט געזאָגט, געקריצט מיט די ציין,
דער טאַטע איז אַוועק און מײַן מאַמע איז אַליין
מיט מיר געבליבן אויף אַלע יאָרן.

ס׳איז אונדזער טאַטע לאַנג שוין טויט
און אונדזערע מאַמעס אויכעט
און איך — כאָטש איך עס נישט פּסח קיין ברויט,
געדענק איך דעם כּשר לפּסח=טויט
פֿון זיידן מעכּבֿל שוחט.
איר זענט נישט געבוירן אויף יענער ערד
און איך בין הײַנט שוין אויכעט
פֿון דאָרטן ווײַט, נאָר מיר איז באַשערט,
איך זאָל געדענקען די ייִדן מיט די בערד,
וואָס האָבן זיך בײַם קבר געסודעט.

און דאָס איז אַלץ און זײַט מיר געזונט
און האָט נישט אויף מיר קיין פּאַראיבל,
איך רוף אײַך, חלילה, נישט צו קיין בונט,
סע טרעפט זיך אָבער, אַן אַלטע ווונד
טוט וויי ווי פרישע זיבן,
נאָר אײַך, מײַנע ברידער, דערציל איך סתם
דאָס אַלץ וואָס ווערט דאָ באַשריבן.
איך וויל אײַך דערנענטערן צום שטאָם
פון טאַטנס צד אויף דער זײַט ים,
איז האָט נישט אויף מיר קיין פּאַראיבל.

איבער אירע ברעמען

איבער אירע ברעמען
הענגען צוויי האָר אַראָפּ.
וועל איך די האָר פאַרנעמען,
איידער איך בייג זיך אַראָפּ
צו קושן אירע ברעמען.

כ׳וועל אויף די קני זי נעמען,
צוטוליען פעסט צו זיך,
וועט זי זיך רויטלען, שעמען —
רויזן צעבליט אין געזיכט,
ווען כ׳וועל אויף די קני זי נעמען.

דערנאָך וועל איך וויינען שיער,
מורמלען מיט הייסן קול,
דערנאָך..איז געווען שוין פריער,
אַלץ איז געווען שוין אַ מאָל,
איז ווילט זיך מיר וויינען שיער.

ירושלים, נאָוועמבער, 1979

אידילישע זכרונות

די אָונטשײַן פֿאַרכּשופֿט די בנינים,
סע רויטלט זיך דעם הימלס בלאַסע פּנים
און שפּיגלט זיך פֿאַרשעמט אין גלאַנץ פֿון פֿענצטער=שויבן
און קעמט די אָוונטלופֿט און קעמט אַרויס די שטויבן.

סע טריפֿט אַ לויטערקייט אין אַט דער טונקלקייט פֿון אָוונט,
די ווײַטע=ווײַטע בערג זעען אויס ווי נאָענט
און ווידער ווײַט, נאָר קלאָר ווי גלײַך זיי וואָלטן
געשוווּמען צו די אויגן ווי סע שווימען וואָלקנס.

דער כּשוף וועפּט זיך אויס, סע ווערן אײַנגעשרומפּן
די הײַזער און די שטיינער און די וואַסער=פּלומפּן,
די טונקלקייט שנײַדט אָפּ אַ שטיק, אַ צווייטן
און הענגט אַרויף די שלעסער אויף די קלייטן.

ס׳איז קיל און פּרויען טוען אָן זיך לאַנגע אַרבל,
אין פֿראָסטע היטלען קומען היים די מענער פֿון דער אַרבעט,
אין קאַפּעליושן פֿאָרן אום די באַלעבאַטים פֿונעם לעבן,
אַ נײַער כּשוף הייבט זיך אָן פֿון לאָמפּ׳ און ליכט צו וועבן.

און אַלע=אַלע גרויס און קליין זיך בײַטן מיט די פּלעצער,
סע בלײַבן ליגן נאָר אין הויף אויף זייער אָרט די קלעצער,
אַ וואָלקן זעצט זיך שטיל אויף זיי, אים וויגן אײַן די ווינטן,
מע טרעפֿט פֿאַר טאָג די קלעצער נאָס פֿון וואָלקנס נאַסן הינטן.

ירושלים, אַפּריל, 1979

מיידלעך בײַ די פֿענצטער

איך געדענק אים נאָך דעם אויסגעצויגענעם פֿאַרנאַכט.
מיידלעך שטייען בײַ די פֿענצטער און זיי בענקען
נאָך פֿאַראַנענעם, וואָס שפּיגלט זיך אין זיי פֿאַרטראַכט,
לאָזנדיק די זון אין טײַך זיך טרענקען

עפּעס שרײַט אין זיי, שרײַט אין זיי געוואַלד,
אָבער קיינער=קיינער רירט נישט מיט קיין פינגער
אויף צו ראַטעווען די ליכטיקסטע געשטאַלט,
אָדער כאָטש דאָס אונטערגיין איר מאַכן גרינגער.

מיידלעך שטייען בײַ די פענצטער טיף אין זיך פאַרטראַכט
און עס איז זיי גוט זיך נישט צו רירן.
איך געדענק אים נאָך דעם אויסגעצויגענעם פאַרנאַכט
מיט די מיידלעך בײַ די פענצטער הינטער צוגעמאַכטע טירן.

ירושלים, נאָוועמבער, 1978

מײַן ברוגזער שכן

פּאַקן פּאַר טאָג
די זון בײַ די הערנער,
דעם קעז אויפן צוויאָק,
די זאַנג בײַ די קערנער,

דעם שכנס מויד
מיט די רויטע באַקן
בײַם הויכן פּלויט
מיטן זון מײַנעם פּאַקן.

ער טוט אַ דערלאַנג
אַ קוש איר אַ גרייטן
און זי, זי פאַרלאַנגט
אַ קוש באַלד אַ צווייטן.

און זי, זי דערלאַנגט
אַ קוש אים אַ דריטן
און ער , ער פאַרלאַנגט
אויף ס'נײַ אירע ליפּן.

געפּאַקט זיי בײַם פּלויט.
(אַ ברעט איז צעבראָכן)

מײַן זון מיט דער מויד
פון ברוגזן שכן.

דעם שכנס נאָז
דערשנאַפּט האָט מײַן ביקל
בײַ אים אויפן גראָז
מיט צעריסענעם שטריקל

מיט האַלב יאָר צוריק
און ברוגז עדי־ין,
פון ביקל אַ ביק
געוואָרן דערווײַלע.

פון מײדל אַ מויד,
פון בחור אַ גבור
און נאָר פונעם פלויט
צעפּאַלן זיך שטיקער.

דער שכן נאָך אַלץ
איז בייז פאַרן שאָדן,
ער רופט מיך נאָך אַלץ
מיט אים זיך צו לאָדן.

ווען ער וועט דערזען
דאָס צעבראָכענע ברעטל,
וועט ער צוליב דעם
זיך איבערבעטן.

ירושלים, 9טער דעצעמבער, 1981

אויטאָביאָגראַפיש

גאָט האָט מיך געשטראָפט מיט לעבן,
דאַרף מען אָפּקומען די שטראָף,
דאַרף מען אָפּקומען דאָס לעבן
ביזן סוף.

שטיי איך אויף פאַר טאָג, נאָך איידער
ס'האָט דער האָן אַ קריי געטאָן,
און איך לויף אַוועק אין חדר
און איך קום דער... לעצטער אָן.

אַ פאַרסאַפּעטער פון יאָגן
כ'האָב זיך קוים אַרײַנגעקוועטשט,
הער איך נישט דעם רבינס זאָגן
און איך כאַפּ די ערשטע פּעטש.

גאָט האָט מיך געשטראָפט מיט לעבן
און קיין ברירה איז נישטאָ,
דאַרף מען אויסלעבן דאָס לעבן
ביזן דנאָ.

בין איך הויך, בין אויסגעוואַקסן,
באַלד דערגרייך איך ביזן סטויג,
מעסט דער דאָקטער מיר די אַקסל
און פאַרשרײַבט: ער טויג!

שיקט מען מיך צו די סאָלדאַטן
מיט די אָפּגעגאָלטע קעפּ,
שילט מען מיך אין מאַמעס טאַטן
און איך כאַפּ די ערשטע קלעפּ.

גאָט האָט מיך געבענטשט מיט לעבן
איז עס גאָרנישט אַזוי זיס,
מוז מען נעמען עס דאָס לעבן
ווי עס איז.

נעם איך עס, ברי אָפּ די פינגער
בײַ די לעבלעך פון קלאַרנעט,
זינג איך בעסער, ווער אַ זינגער
אַ פּאָעט.

זינג איך מיר אַ יידיש לידל,
זאָגט דער גוי, איך שילט אים גאָר

און פאַרשיקט מיך ווײַט, צו אַל די
ווײַסע יאָר.

גאָט האָט מיך געבענטשט מיט לעבן,
מיך געלאָזט אין וואַלד אַליין,
וויל איך נישט אַזאַ מין לעבן
עלנט ווי אַ שטיין.

רײַס איך זיך אַרויס פון דאָרטן,
פונעם ווילדן ווילדן וואַלד,
קום איך אָן אין אייגענעם גאָרטן,
בין איך אַלט.

איך בין אַלט און קראַנק געוואָרן,
ביז איך האָב אַהער דערגרייכט,
בעט איך אויס דעם רעשטל יאָרן
אויף די זאַמדן ווייך.

ירושלים, 18טער אַפּריל, 1980

אין חלום מיט אַן אָפּגעהאַקטן סוף

פון באָד צו באָד טו איך אָן אַ העמד,
פון שלאָף צו שלאָף איך האַלט די אויגן אָפן,
נאָר אָפט מאָל לאָז איך זיי אַראָפּ פאַרשעמט
פון דעם, וואָס כ'האָב געזען בעתן שלאָפן.

אַ מאָדנע דרייסטקייט האָט מײַן אויג אין שלאָף
צו זען דאָרט נאַקעטע און שלאַנקע פרויען
געוועבטע פון אַ נאַקעטן און ראָזן שטאָף,
זיי קומען שמייכלענדיקע זיך צו מיר פאַרטרויען.

נאָר עפן איך אַן אויג, אַנטלויפן זיי פון מיר,
אין צוגעמאַכטע מאַנטלען טוען זיי מיך ווייכן,
דערווײַטערן פון מיר זיך און פון מײַן באַריר
ווי גלײַך זיי האָבן קיין מאָל נישט געשמייכלט.

איז בלײַבט מיר נישט קיין אַנדער אָרט ווי נאָר דער שלאָף,
ווי נאָר דער חלום זיך מיט זיי צו טרעפֿן,
אין חלום מיט אַן אָפּגעהאַקטן סוף,
ווי נאָר איך טו די אויגן אַ צעעפֿן.

ירושלים, דעצעמבער, 1979

ווי לאַנג איך פֿיל דײַן אָטעם.

ווי לאַנג איך פֿיל דײַן אָטעם פֿון דער ווײַטן
בין איך נישט קיין פֿאַרלוירענער אויף אַלע צײַטן
און כאָטש די פֿיס מיר ווערן אין דער וואָג אַלץ שווערער
און ס'וואַקסט די וואָג פֿון גוף אויף זיי נאָך מערער,
בשעת סע פֿאַלט דער כח אויסצוהאַלטן
פֿון טאָג צו טאָג און אין אַ טאָג אַ קאַלטן
ווערט אומדערטרעגלעך מער דעם פֿעלץ צו שלעפּן
אפֿילו ווען סע רעגנט נישט און בלויז אַ נעפּל
מאַכט נאַס די האָר זײַנע ווי גלײַך אַ בער אַ ברוינער,
וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פֿון דער קייט פֿונעם ציגײַנער
און זיך אויף מיר אַרויפֿגעלייגט, זיך אויסבאַהאַלטן,
פֿאַרשטעלנדיק זיך פֿאַר אַ פֿעלץ אין אַ טאָג אַ קאַלטן
און ליגט אויף מיר און לאָזט מיך זיך נישט רירן
און ס'ווערן אײַז די שטייענדיקע פֿיס, וואָס פֿרירן,
בין איך נישט קיין פֿאַרלוירענער אויף אַלע צײַטן,
ווי לאַנג איך פֿיל דײַן אָטעם פֿון דער ווײַטן.

ירושלים, מערץ, 1979

טרעט מיר נישט אָן

טרעט מיר נישט אָן אויפֿן קראַנקן צאָן,
קריך מיר נישט אויף די הערנער,
אַל דאָס בייזס איז שוין אָפּגעטאָן,
שיט נישט קיין פֿרישע קערנער.

קערנער — נישט קיין „בלומען פון בײַזס",
בלומען קאָן מען פֿאַרמײַדן,
קערנער ברענגען אונדז זעט און טרייסט,
דײַנע ברענגען אונדז לײַדן.

טרעט מיר נישט אָן אויפֿן פֿינטל פֿון אויג,
מאַך נישט מײַן גוף פֿאַר אַ שטאַפּל,
גראָב איז דײַן פֿוס מיטן הינעראויג,
ס'פּלאַצט אונטער אים דער שוואַרצאַפּל.

שטעל זשע זיך אָפּ מיט צעשפּרייטע פֿיס
מיט די שטיוול אין דער בלאָטע,
אויב די זינד איז געווען זיס,
וועט נאָך זיסער זײַן די חרטה.

ירושלים, אָקטאָבער, 1979

מעמענטאָ מאָרי

כ'האָב איבערגעדעקט דעם געדאַנק וועגן טויט
און אויפֿן צודעק דאָס לעבן געמאָלט
מיט פֿאַרבן גרין און בלאָ און רויט,
אַזוי ווי דאָס לעבן האָט געוואָלט
מיט פֿאַרבן גרין און בלאָ און רויט.

כ'האָב איבערגעדעקט דאָס געמאָלטע בילד
און אויפֿן לײַלעך, וואָס כ'האָב פֿאַרשפּרייט
אַזוי ווי אַ טישטעך, האָב איך געשטעלט
פֿיש און חלה, וואָס געווען זענען גרייט
און גלײַך אויפֿן טיש אַוועקגעשטעלט.

כ'האָב איבערגעדעקט דעם געגרייטן טיש
און אויפֿן טישטעך, וואָס האָט פֿאַרדעקט
דאָס לײַלעך מיט חלה און מיט פֿיש,
האָט זיך אויף אַ גאָפּל אָנגעשטעקט
דאָס טויטע קעפּל פֿונעם פֿיש.

און ס'איז פון אונטער די דעקן אַפיר
דער דרײַ מאָל צוגעדעקטער טויט
אַרויס און אַרײַן אין מײַן דאָזיקן שיר
מיט פאַרבן גרין און בלאָ און רויט
דער דרײַ מאָל צוגעדעקטער טויט.

ירושלים, ־טער נאָוועמבער, 1981

כ'וועל אויסשפּאַנען

כ'וועל אויסשפּאַנען מײַן קאָפּ פון אַלע זאָרגן
און אים אַרײַנוואַרפן אין טונקלער שטאַל פון שלאָף
און לאָזן שלאָפן אים און חלומען ביז מאָרגן
און אויפשטיין אין דער פרי און זאָגן הויך: כי טוב.

אַראָפּשטויבן פון זיך די פּאַלאַוועס און די שטרויען
און אויסוואַשן די אויגן אין דער זון,
זיי אָנפילן מיט בלויקייט פונעם בלויען
צעהעלטן הימל, וואָס ער שפּאַרט פון אומעטום.

אַ שאָטן זוכן פון אַ בוים צי פון אַ הויז,
אין שאָטן שטייענדיק באַהאַלטן, זעט מען בעסער,
פון שאָטן קוקט זיך בעסער אויף דער שײַן אַרויס,
ווו נידעריקע הײַזלעך ווערן הויכע שלעסער.

די הויכע דעכער מיט די רויט צעפּלאַמטע ציגל,
וואָס צינדן אָן די שקיעה ביז אַרויף,
זיי לעשן זיך און לייגן זיך צוריק און ליגן
אויף יעדן הײַזל אין דער מיט פון יעדן הויף.

איך וועל אַוועקנעמען מײַן קאָפּ פון לאָדנס, פענצטער,
פון אַלע טירן, וואָס פאַרשטעלן מיר די וועלט
און אויסרוען די אויגן אין דער פינצטער
דער אָפענער, דער ווײַטסטער און דער נענטסטער,
וואָס האָט דאָס לעבן אויף זײַן אָרט צוריקגעשטעלט.

ירושלים, 15טער יוני, 1980

מיט מײַן טויט

מײַן גאָט,
צי איז עס שוין מײַן לעצטע אַלטקייט?
צי וועל איך מער נישט ווערן יונג?
מײַן טראָט
געוואָרן קירצער איז פון מידקייט
און ס׳ברעכט זיך ווי אַ ביין מײַן צונג.

איך ווייס,
איך בין נישט איין מאָל מיד געוועזן שוין
און אויף אַ כוואַליע אָפּגערוט.
איך טרייסט
זיך איצט בײַם טיש מיט מענטשן,
נאָר אין די קישנס ווײנט מײַן בלוט.

עס איז
נישט מײַנער בלויז דער גורל,
איז וואָס זשע ציטערט עס מײַן הויט?
געוויס,
מע לעבט נישט אייביק נאָר פֿאַרלוירן
גייט אויך מײַן לשון מיט מײַן טויט.

ירושלים, 2טער מאַי, 1979

וואַרט נישט

וואַרט נישט מערער אויף מײַן קומען,
וועל איך קומען אומדערוואַרט.
אויב דו וועסט זיך נישט דערוואַרטן,
וועט עס זײַן נישט אָפּגענאַרט.

ווייסט דאָך, כ׳האָב נישט ליב צו נאַרן
סײַדן אפשר זיך אַליין.
אויב דו וועסט זיך נישט דערוואַרטן,
וועל איך קריצן מיט די ציין.

און זיך פרייען, וואָס דו זעסט נישט,
ווי איך רײַס פון זיך די הויט.
אויב דו וועסט זיך נישט דערוואַרטן,
הייסט עס נישט, אַז איך בין טויט.

ס׳הייסט, סע האָבן אַלע וועגן
זיך פאַרפּלאָנטערט ווי די שטריק
און איך קאָן צו דיר נישט קומען,
און איך קאָן נישט גיין צוריק.

דאָס גאַנצע פאַרמעגן

גאָלדענע טעג פון פאַרלענגערטן האַרבסט,
קורץ און קיל נאָר זוניק און זאַפטיק.
אויב דו פילסט, ביסט מיד און דו שטאַרבסט,
האַלט זיך בײַם האַרבסט, וואָס איז דויערהאַפטיק.

האַלט זיך אָן בײַ זײַן גאָלדענעם עק,
האַלט זיך אָן אין זײַן מאַמעשן פאַרטעך,
אין די קירצערע טעג, אין די גאָלדענע טעג
פון פאַרלענגערטן האַרבסט מיט זײַן כישוף, וואָס נאַרט דיך.

לאָז דיך נאַרן פון האַרבסטיקן גאָלד,
לאָז דיך פאַרפירן אויף האַרבסטיקע וועגן,
נישט איינער אין קבר וואָלט הײַנט באַצאָלט
פאַר אַ גאָלדענעם האַרבסטבלאַט דאָס גאַנצע פאַרמעגן.

ירושלים, דעצעמבער, 1978

פאַרלוירן

שוין וויפל זונען האָבן מיר ביז הײַנט געשײַנט
לבנהס וויפל האָבן מיך גענאַרט ביז הײַנט
נישט יעדן טאָג האָב איך די זון געפילט
און אָן אַ צאָל לבנה=נעכט האָב איך ביז הײַנט פאַרשפּילט.

מ׳איז היינט געקומען מאַנען מיך אַן אַלטן חוב —
אַ זוניק קנעפּל כ׳האָב אַ מאָל אויף באָרג געקויפט,
פאַרגעסן און דאָס קנעפּל פאַרלוירן אויפן וועג,
איצט מאָנט מען מיך די זונען פון אַלע מיינע טעג.

איצט מאָנט מען מיך די שיין פון אַלע מיינע נעכט,
אומזיסט דאָס שרייען, אַז דער פּסק איז נישט גערעכט,
איך בייג זיך איין, די וואָג פון חוב איז שווער
און אויך דאָס קנעפּל קאָן איך נישט געפינען מער.

ירושלים, אַפּריל, 1979

און אַז..

און אַז מע קוועטשט שוין אויס פון זיך די ווייטיקן פון בויך,
איר זאָלט מיר מוחל זיין, כ׳בעט איבער אייער כבוד,
און אַז מע שוויצט שוין אויס די קאָפּווייטיקן אויך
און אַז מע צערטלט יעדן מום, וואָס אַליין אים אויסגעבאָוועט.

וואָס פילט מען פאַר אַ טעם אין אַלטע טעג און נעכט,
די נעכט די שלאָפלאָזע און דרימלענדיקע טעג?
און אויב אפילו ער, דער דאָקטער, איז גערעכט
ביים צושטעלן דאָס צעטל, וואָס מע טאָר נישט, וואָס מע מעג —

ביים צושטעלן די דיעטע די שטרענגע לויטן זייגער,
אַ האַלבע פאָרציע זעקס פאַר טאָג, די צווייטע — זייגער צוועלף,
וואָס קומט אַרויס דערפון, וואָס העלפט עס אונדז, אַשטייגער?
אַז ס׳האָט שוין נישט דעם זעלבן טעם, אפילו ווען סע העלפט.

ירושלים, מוצאי שבת, 13טער מערץ, 1982

נישט שטאַרבן ווי אַ נאַר

דיין אויסגעטראָטענער נאָמען,
דיין אָפּגעריבענער רום

איז אויפגעגאַנגען מיט זאָמען,
איז אויפגעשטאַנען שטום.

און ווען דער גלאָק וועט קלינגען,
דיך רופן צום פאַרהער,
זיך וועלן צעוואַרפענע רינגען
צונויפגלאָזן אין אַ רער.

און דורך דער רער וועט פליסן
אַ זיסע האָניק=פאַרב.
דו וועסט מיט די פינגער געניסן,
זיי לעקן און זאָגן: האַרב.

און מיט אַ ביטערן שמייכל
וועסט מורמלען: אַ דאַנק דערפאַר
אַ דאַנק דיר, גאָט, פאַרן שכל
נישט שטאַרבן ווי אַ נאַר.

זאָל לעבן דער קעניג

זאָל לעבן דער קעניג, שרײַ איך אין גאַס
און גיי מיר אַהיים און לאָז אים איבער,
אין דרויסן איז נאַכט און רעגנדיק=נאַס
און אַלע זיצן שוין אין די שטיבער.

און וואָס מע רעדט וועגן קעניג דאָרט,
זאָל גאָט אים פאַרהיטן און באַשיצן
פון מינדסטן און דינסטן שפּיץ פון אַ וואָרט,
פון גוישע קללות און יידישע וויצן.

די קללות ווי שטיינער פאַלן אַראָפּ
און בלײַבן ליגן שטומפּיקע, שאַרפע
און אָפט מאָל טרעפן זיי אין קאָפּ
צוריק דעם, וואָס האָט זיי געוואַרפן.

די וויצן טרעפן שטענדיק אין ציל

צום ריכטיקן אָרט און ריכטיקן נאָמען.
קיין קעגן=ווייצן אין אָט דער שפּיל
איז נישט פֿאַראַן, איז מאַכט מען פּאָגראָמען.

זאָל לעבן דער קעניג, שרײַ איך אויס
און שטעל זיך אָפּ און קלער עס מיר איבער
און זע פֿון דער ווײַטנס, סע ברענט מײַן הויז
און אַלע דערבײַיִיקע ייִדישע שטיבער.

ירושלים, 1980

דײַן קול

כ'באַהאַלט זיך נישט אין ערטער שטילע,
איז קוקט אויף מיר, ווי גאָט מיך זעט.
כ'זאָג אַלע טאָג אַן אַנדער תּפֿילה,
אין אַלע תּפֿילות איין געבעט —
גאָט, רעד.

דו האָסט אַ מאָל גערעדט צו מענטשן,
צו קינען האָסט אויך גערעדט,
איך טו דײַן נאָמען טעגלעך בענטשן
און טעגלעך האָב איך איין געבעט —
גאָט, רעד.

און זאָג מיר, וואָס דו האָסט צו זאָגן
און שטראָף מיך מיטן שווערסטן עול,
בין גרייט די שטראָף אויף זיך צו טראָגן,
נאָר רוף די שטראָף אויס מיט דײַן קול
איין איינציק מאָל.

און איך וועל גיין אויף דײַנע וועגן,
ווײַל אַלע וועגן זענען דײַן
און נישט באַהאַלטן זיך פֿון רעגן,
און נישט פֿאַרהיטן זיך פֿון פּײַן,
אַבי דאָס קול, דײַן קול זאָל זײַן,
דײַן, דײַן!

שיר השירים

שיר השירים אשר לשלמה —
מײַן פֿעטער שלמה האָט עס נישט געזונגען.
ווען ער האָט געגנבעט דעם אפּיקומן,
האָט ער זיך לאַנג מיטן זיידן געדונגען,
געמאָנט נישט ווייניקער ווי די בכורה,
כאָטש עלטער געווען איז מײַן טאַטע.
מײַן טאַטע האָט אָפּגעטראָטן די סחורה,
ווײַל זי האָט געהאַט אויף זיך אַ לאַטע,
די בכורה האָט געהערט צו מײַן מומע לאה,
וואָס איז די ערשטע געבוירן געוואָרן.
מײַן זיידע איז נישט געווען קיין בעל מאה,
איז האָט מען לאזן פֿאַרלייקנט די יאָרן,
כדי זי גרינגער חתונה מאַכן
נאָר שלמה פֿלעגט בײַם צאָפּ זי שלעפּן
און נאָכשרײַען: "אַלטע מויד!" און לאַכן,
אַז לאה איז גרייט געווען אים צו קעפּן
דערפֿאַר, נאָר דאָ האָט מײַן באַבע די פֿרומע
אים אונטערגערוקט דעם אפּיקומן,
וואָס ער האָט באַקומען פֿאַר אים די בכורה,
די בכורה פֿאַרן אפּיקומן
שיר השירים אשר לשלמה.

מײַן וועלט איז געשטאָרבן

מײַן וועלט איז געשטאָרבן און איך בין פֿאַרבליבן
צו לעבן מײַן לעבן אָן מײַן וועלט,
די זיבעטע וועלט פֿון וועלטן זיבן,
די לעצטע פֿון וועלטן האָט זיך געפֿעלט.

און אַז איך ווייס אַז מערער קיין וועלטן
וועל איך נישט געבוירן אויף דער וועלט,
איז נעמען אַרום מיך יענוועלטיקע קעלטן.
די סאַמע=סאַמע קאַלטסטע קעלט.

סע טרעפט זיך, סע שטאַרבט אַ זיידע, אַ באַבע
איז וויינט די משפחה, מע שטעלט אַ שטיין.
אַ וועלט אַז זי שטאַרבט איז ווי אַ זשאַבע,
וואָס עמעץ פאַרשלינגט זי אָן געוויין.

מײַן וועלט איז געשטאָרבן און איך בין פאַרבליבן
צו לעבן מײַן לעבן אָן מײַן וועלט,
די זיבעטע וועלט פון וועלטן זיבן,
די לעצטע פון וועלטן האָט זיך געפעלט.

לאָס אַנדזשעלעס, 14טער אַפּריל, 1981

ווען סע הייבט אַ דור אָן אויסצושטאַרבן

ווען סע הייבט אַ דור אָן אויסצושטאַרבן
ביז סע שטאַרבט דער לעצטער פונעם דור,
נאַרן אונדז די סאַמע העלסטע פאַרבן
ביזן לעצטן טאָג פון לעצטן יאָר.

האַלטן מיר די אויגן ברייט און אָפן
און מיר דאַנקען פאַר דער נאַרערײַ,
חלומען פון חלום, וואָס אין שלאָפן
וועט מיט פאַרבן נאַרן אונדז אויף ס'נײַ.

כאָטש מיר ווייסן, אַז אין שלאָף אין יענעם
האָט דער חלום נישט קיין שליטה מער,
וואָלט געוועזן כאָטש דאָרטן אַ גיהנום,
וואָלטן פײַער=פאַרבן אונדז געגערט.

טרײַב איך די מחשבות, וואָס פאַרווישן
לעצטע פאַרבן פונעם טאָג, וואָס שטאַרבט
און מיט לידער שפרייט איך אויס מײַן טישל
און איך שפּיל זיך מיט דער לעצטער פאַרב.

ירושלים, 16טער יוני, 1980

איך ציטער

די ברייטע גאַס זיך ציט אַלץ ברייטער, ברייטער
מיך שרעקט אַריבערגיין פון איין זײַט אויף דער צווייטער,
מיך שרעקן נישט נאָר רעדער, וועלכע רעדערן,
איך ציטער ווי א גרעזל אין א וואַלד פון צעדערן
איך ציטער ווי אַ העזל פאַר די אָדלערדיקע כמאַרעס
און פאַר די יעגערס מיט די שירעמס און גיטאַרעס
און מיט די הינט און הינטלעך וואָס זיי פירן + ביי די זײַטן,
איך ציטער פאַר די לענגען, ברייטן, ווײַטן.
און פאַר דער גאַס, וואָס ציט זיך ברייטער, ברייטער,
מיך שרעקט אַריבערגיין פון איין זײַט אויף דער צווייטער.

ירושלים, 27סטער יוני, 1980

און ווידער איז מיר

און ווידער איז מיר אויפן האַרצן שווער,
די שווערקייט דריקט ווי זיבן שווערע זעק
און שטענדיק קומט, איך ווייס ביז הײַנט נישט ווער,
און לייגט אויף מיר אַ שווערע האַנט אַוועק.

און שווערער ווי די זעק איז אָט די האַנט
די לעבעדיקע, שווערער ווי אַ שטיין
אַן אײַנגעמויערטער אין אַ גראָבער וואַנט,
אַ שטיין, וואָס רירט זיך נישט אפילו פון געוויין.

איז וויין איך נישט. פאַרגעסן ווי מע וויינט,
איך קוועטש די אויגן און איך קוועטש אַרויס
אַן אומגעריכט געלעכטער דורך די.. ציין
און ס'וואַקסט פון שטיין אַ ראָזער דאַמף, אַ רויז.

און גאָר די משא ווי אַ וואָלקן שטײַגט,
די האַנט צעגייט ווי זאַלץ אין טרערן=זאַפט,
איך פלי און פאַל און טרעף זיך אויף אַ הויכן צווײַג
און קוק אַראָפּ צום שטילן גראָז פאַרגאַפט.

ירושלים, 6טער מאַי, 1980

אין וואָכעדיקע טעג אַזעלכע גראָע

פאַרוואָס באַווײַזט עס זיך נישט פאַרן אויג,
פאַרוואָס צעקלינגט עס זיך נישט פאַרן אויער,
אַז וואַקסן וואַקסט עס ווי אַ זומערסטויג
און סקריפּען סקריפּעט עס ווי אַ ברייטער טויער?

די שטרויען פונעם סטויג זענען שוין פויל
און אײַנגעפאַלן ווי אַ קראַטערשיסל
דער זשאַווער פרעסט דעם טויערשלאָס אויף הויל
און ס׳קאָן אים שוין נישט עפענען קיין שליסל.

איז וואָס זשע העלפט דאָס וואַרטן אויף אַ נס
אין וואָכעדיקע טעג אַזעלכע גראָע,
דער קונצנמאַכער איז שוין לאַנג אַ מת,
זײַן סוד איז נישט פאַרשריבן אין צוואה,
איז וואָס זשע העלפט דאָס וואַרטן אויף אַ נס
אין וואָכעדיקע טעג אַזעלכע גראָע.

ירושלים, אַפּריל, 1979

דײַן בלוט און דײַן נאָמען

דײַן בלוט ווערט פאַרהיט פון דײַן זאָמען,
איז נעם עס אַרײַן דיר אין קאָפּ,
פאַרהיט נישט דעם גלאַנץ פון דײַן נאָמען,
די טאַטן פון בלוט היט אָפּ.

פאַרהיט נישט פון נאָמען די קלאַנגען,
זיי היטן זיך אָפּ אַליין
אין אַנדערע ווערטער געפאַנגען,
אין שטײַג פון אַן אַנדערן מיין.

און אויב דער קלאַנג וועט פאַרפירן
די טאַט און דעם רום פון דײַן בלוט
צו עפּעס אַ גנבס געהירן,

באַצירן מיט טראָלדן זײַן קנוט,

באַדויער און ווייס, אַז אייביק
גנבים קומען צום שניט,
האָסט אָנגעהויבן זייען, פֿאַרענדיק,
ווי איך פֿאַרענדיק דאָס ליד.

ירושלים, 1980

רעכנט ניט פֿאַר אומגוט

רעכנט ניט פֿאַר אומגוט מיר מײַן שווײַגן,
כ׳האָב אַזוי פֿיל ווערטער שוין דערשטיקט,
ווען איך וואָלט געלאָזט זיי פֿלאַפּלען, לײַגן,
וואָלט בפירוש מערער מיר געגליקט.

רעכנט נישט פֿאַר אומגוט מײַן פֿאַרקוקן,
כ׳האָב אַזוי פֿיל זאַכן שוין פֿאַרזען
און געלאָזט זיי שטיין הינטער מײַן רוקן,
גלײַך איך וואָלט ווי זיי אַ זאַך געווען.

רעכנט ניט פֿאַר אומגוט מײַן פֿאַרהערן,
ניט געקקאָנט פֿאַרטראָגן ווײ און פּײַן,
קעגן ווײ=געשרייען קאָן מען זיך נישט ווערן,
נאָר אַ טויבער קאָן אַ גבור זײַן.

ירושלים, יאַנואַר, 1979

נעם אַוועק

נעם אַוועק די וואָלקנס פֿון די אויגן,
דעק מיר אָפּ דאָס צוגעדעקטע ליכט,
ס׳האָבן זיך די שאָטנס אײַנגעבויגן
איבער מיר און איבער מײַן געזיכט.

קער מיר אום די זעונגען פֿון נעכטן,

וואָס עס האָט פון זיי זיך אָט=אָט=אָט
אָנגעהויבן ווי אַ לייטער פלעכטן,
וואָס זי ברענגט מיך ביז צו דיר, מײַן גאָט.

לאָז נישט צו די שאָטנס צו די ברעמען
איבער מײַנע אויגן ווי אַ דאַך,
אַז איך זאָל זיך מער נישט דאַרפן שעמען
מיט מײַן בלינדקייט, גראָד ווען איך בין וואַך.

נעם אַרויף די וואָלקנס פון די אויגן,
טרײַב אַראָפּ די שאָטנס טיף אין טאָל,
הענג מיר ווידער אויף דעם רעגנבויגן
פול מיט זעונגען בקודם, ווי אַ מאָל.

ירושלים, 21סטער מאַי, 1980

זעלבסטבאַדינונג

איך בין דער קראַנקער און אַליין די קראַנקנשוועסטער,
איך טראָג זיך צו צום בעט רפואות און איך זאָג זיך אָפּ זיי נעמען,
סע דונערט מיר פון היץ אין קאָפּ אַ גאַנצער בליצאָרקעסטער
און ס'לעשן זיך אין מײַן זכרון פּנימער און נעמען.

איך בין דער קראַנקער און איך קום צו זיך אויף ביקור חולים
מיט קיכעלעך און עפּל, מיט יאַיכלעך און קאָמפּאָטן,
איך פרעג זיך נאָך אויף מײַן געזונט, דער ענטפער בלײַבט פאַרהוילן,
איך פרעג זיך נאָך, נאָר ס'ענטפערט נישט מײַן פיבערדיקער שאָטן.

און שלאָף איך אײַן, איז האַלט איך וואַך אַליין איבער מײַן שלאָפן.
מיר חלומט זיך, איך בייג זיך אָן מײַן אָטעם אויסצוהערן,
איך שאַר זיך צו, פאַרמאַך די טיר, וואָס איז געשטאַנען אָפן
און וויל ווער קומען, לאָז איך נישט דעם שלאָף מיר צו צעשטערן.

און קומט אַ שעה, אַ קאַלטע שעה מיט שוואַרצן פראָסט פאַרצויגן,
פאַרגליווערט שטייען אויף מײַן טישל פלעשלעך תרופות, טראָפּנס,
איך דעק זיך אײַן מיט שוואַרצער דעק ביז איבער די אויגן

און צינד מיר אָן צוויי גרויסע ליכט בײַ מײַן צוקאָפּנס.

דער שיטערער שטאָף

דער שיטערער שטאָף,
די מאַרליע=געוועבן,
דער נאַרישער סוף
פֿונעם נאַרישן לעבן.

דער נאַרישער סוף,
די קלוגע ענדע,
דער בײַנוולנער שטאָף,
די זײַד=לעגענדע.

דער בײַנוולנער שטאָף,
די מאַרליע=געוועבן,
דער נאַרישער סוף
פֿונעם נאַרישן לעבן.

ירושלים, וטער סעפּטעמבער, 81

צו דער צײַט

איז וואָס מיט דער משא געוואָרן?
צי טראָג איך אַ ליידיקן זאַק?
דער שכר פֿאַר צענדליקער יאָרן,
דער גאַנצער האַק און פּאַק.

אַ ליידיקער זאַק אויף די פּלייצעס,
אַ ליידיקייט אויפֿן געמיט,
איז נאַט אײַך אַוועק אויך די לייצעס
און פֿאָרט אָן מיר צום יאַריד.

און אויב קיין יאַריד שוין נישטאָ איז,
שלימזלדיקע לײַט,

איך שיק אײַך אַרויס אויף הוצאות
און קערט זיך כאָטש אום צו דער צײַט.

פרעמדע זאָרגן

און דאָס איז עס מײַן אָרעם ביסל וויסן
און דאָס איז גאָר מײַן אָפּגעשטאַנען וואָפּן,
איך האָב דאָס ביסל ווילדגראָז אויסגעריסן,
באַפרײַענדיק דאָס וואַקסן פון קאַרטאָפל.

איצט קויף איך זיי בײַ אײַך פאַר זיבן פרײַזן,
וואָס איר, מיט פאַלשער וואָג, טוט מיר פאַרקויפן,
איך אַרבעט ווײַטער און איך בין פון אײַזן,
וואָס כ'גיי נישט אונטערצינדן אײַערע הויפן.

וואָס מער איך בייג דעם קאָפּ מײַנעם אַרונטער
אַלץ שווערער לייגט איר זיך אויף מײַנע אַקסל,
פון מײַן הכנעה ווערט איר מערער מונטער,
פון מײַן הכנעה אײַערע פליגל וואַקסן.

ווי גלײַך איר ווערט מיך מאָרגן מער נישט דאַרפן,
איר לאָזט מיך קרעכצן, קרענקען און פאַרדאַרבן
און וואָס וועט זײַן, כ'וועל אײַך אַרונטערוואַרפן,
וועט איר, נישט איך, די סאַמע ערשטע שטאַרבן.

איר זעט? איך זאָרג שוין ווידער וועגן גורל
פון אײַער מאָרגן, אײַער איבערמאָרגן
און אָט אַזוי מײַן צאָרן גייט פאַרלוירן,
איך טראָג אויף מיר שוין ווידער פרעמדע זאָרגן.

ירושלים, ו'טער מערץ, 1980

וואָס גייט מיך אָן?

וואָס גייט מיך אָן דאָס ווילדע בלוט
פון אומדאַנקבאַרן בייזן שכן,
צי שרייבט ער שלעכט, צי שרײַבט ער גוט,
צי האָט זײַן ווײַבל וואָס צו קאָכן?

וואָס לעב איך איבער, ווען ער פאַלט
און כ׳לייג אים אונטער ווייכע קישן
און זאָרג, עס זאָל נישט זײַן אים קאַלט
און ליכט זאָל שײַנען אויף זײַן טישל?

אַז טאָג ווי נאַכט פאַר אים איך זאָרג,
צעשטעל זײַן בילד אויף אַלע וועגן
עס טרעפט אַ מאָל אַ גראַם איך באָרג
בײַ אַנדערע פון זײַנעט וועגן.

מיט טינט פאַרזאָרג איך אים די פען
און שרײַב אים צו מײַן בעסטע שורה
און זײַן גאונות כ׳אָנערקען
דע פאַקטאָ און דע יורע.

איך פרעג אַליין זיך: צוליב וואָס
איך דאַרף דאָס בײַטן זיך מיט נעמען,
זיך אויפצוניין לויט יענעמס מאָס
און שטענדיק אָנטאָן זיך אויף יענעם?

און ענטפער זיך אַליין און זאָג:
ווײַזט אויס, איך דאַרף עס האָבן נייטיק
אויף אים זיך אָנטאָן ווי אַ ראָק
און זיך, זיך אויסטאָן פונעם ווייטיק.

ירושלים, 23סטער דעצעמבער, 1981

נײַע שורות

אַ לעק און אַ שמעק און אַוועקגערוקט דאָס ביכל

ווי גלײַך אַ פּולע שיסל מיט נישט געזאַלצן גראָז,
ער הייבט זיך אויף פֿון טיש און מיט אַ טראָט אַ גיכן
ער לאָזט זיך צו דער טיר און ווייסט נישט צוליב וואָס.

וואָס טוט מען איצט מיט זיך? ער נעמט דעם אַלטן בעזעם
און פֿון דער שועל ער נעמט אַוועקקערן דאָס מיסט,
ווי גלײַך סע וואָלט; קיין אַנדער אַרבעט נישט געוועזן
ווי ריי‌ניקן דעם דרויסן, סאַראַ קינד ער איז!

דערנאָדעם שטויבט ער אָפּ דאָס רעקל מיט די הויזן,
דערנאָכדעם וואַשט ער אָפּ דאָס פּנים מיט די הענט
און גייט אַרויס באַגיסן דעם גאָרטן מיט די רויזן,
וואָס וואַקסן בײַ די פֿענצטער, וואָס וואַקסן בײַ די ווענט.

פֿאַרשליסט די טיר און לאָזט זיך אין גאַנצן אָן אַ היטל,
דאָס רעקל אין די הענט און אינעם ווינט די האָר,
סע קומט אים אָן אַקעגן אַ רײַטער מיט אַ ריטל,
סע קומט אים אָן אַקעגן אַ יונג=פֿאַרליבטע פּאָר.

ער גייט פֿאַרבײַ דעם רײַטער, וואָס יאָגט זיך ווי אַ ווילדער,
ער גייט פֿאַרבײַ דאָס פּאָרל, וואָס שטעלן קוים די טריט,
ער גייט פֿאַרבײַ די לאַנגזאַמע און די גיכע בילדער
און זעט בלויז נײַע שורות פֿאַר אַ נײַעם ליד.

ירושלים, 29סטער פֿעברואַר, 1980

בײַם לעבן נאָך

בײַם לעבן נאָך איז זי געווען שוין באַלזאַמירט,
אַ מומיע גייט אַרום אַן אויסגעשטרעקטע,
אַ קאַלטע מאַרמאָרנע פֿיגור אַרומשפּאַצירט
און זוכט דעם גאָרטן פֿון איר מאַרמאָר=סעקטע.

זי שטעלט אַוועק אין ווינקל זיך פֿון גאָרטן
און הערט זיך אײַן צום שווײַגן פֿון קאָלעגן,
וואָס קוקן איינער נישט צום צווייטן דאָרטן,

קאָלעגן מאַרמאָרנע אויף די גאָרטן=שטעגן.

אַזאַ איז זי געוועזן אויך בײַם לעבן
און דו האָסט גאָר דײַן פײַער לבטלה
פֿאַרברענט, פֿאַרשוועגדט און נאָר פֿון אירעט וועגן,
איצט קוקט אויף דיר דער ווײַסער מאַרמאָר ווי אויף
שוואַרצער סמאָלע

ירושלים, אָקטאָבער, 1979

פֿון נעפּל טיילט זיך אויס

פֿון נעפּל טיילט זיך אויס אַ בלאָער פֿלעק
און אויפֿן פֿלעק אַ פּינטל אין דער מיט,
אַ פּאַס שנײַדט דורך די מיט פֿון עק ביז עק,
אַ דינער־דינער שפּיזנשאַרפֿער שניט.

אַ רויטער דינער פּאָדעם טיילט פֿאַנאַנד
צוויי בלאָע האַלברונדן אין רוים,
ווי עמעצער וואָלט אויסגעצויגן מיט דער האַנט
אַ דינעם שטריק פֿאַר וועש פֿון בוים צו בוים.

און וואָלקנדלעך ווי ווינדעלעך פּיטשנאַס
זיך טריקענען און פּעבלען אויפֿן ווינט.
פֿון נעפּל טיילט זיך אויס אַ שמאָלע גאַס
און אויף דער גאַס אַ רעדל מיט אַ קינד.

ירושלים, אַפּריל, 1979

די רגע

שטעלט אויף אַ רגע אָפּ דאָס ראָד,
דעם וואָגן מיטן שוואַרצן ארון
און זאָל אַײַך די רגע נישט זײַן קיין שאָד,
אַז איר האָט עפּעס=וואָס פֿאַרלאָרן.

קאָן זײַן, אין חשבון פונעם טאָג,
וואָס איר וועט אונטערציען מאָרגן,
וועט גראָד די רגע אויף דער וואָג
אַריבערוועגן אַלע זאָרגן.

די גרויסע זאָרגן און דאָס געיעג
נאָר מער און מער און מערער,
וואָס איין און איינציקע רגע וועגט
זיי אַלע אַריבער, ווײַל זי איז שווערער.

ירושלים, 10טער מאַי, 1979

— דעם סוף

כ׳וועל אויפשטיין פון חלום פון זיסן.
זיך אײַלן צו ווייטיק און פּײַן,
כדי צו פאַרדינען דאָס קישן,
די דעק, וואָס זי דעקט מיך אײַן.

איך וועל אויף זיך לאָזן טרעטן
און קנעטן זיך לאָזן ווי ליים,
כדי צו פאַרדינען דאָס בעטל
דאָס בענקל, דאָס טישל, די היים.

דאָס פירהענגל אויפן פענצטער,
די סטעזשקע אויפן דיל,
דאָס קנעפּל צו מאַכן פינצטער
דאָס לעמפּל, ווי נאָר איך וויל.

אין מיטן פון שענסטן חלום
כ׳וועל איבעררײַסן דעם שלאָף
און אײַלן זיך צו באַצאָלן
פאָרויס צו באַצאָלן דעם סוף.

ירושלים, 1981.1.31

אייסעך — ווייסעך

אייסעך — ווייסעך

אייסעך ווייסעך, ווייס איך וואָס,
ס׳איז נישט יענץ און ס׳איז נישט דאָס,
ס׳איז נישט דאָס און ס׳איז נישט יענץ
אָן דער מינדסטער אינטערוועגץ,
אָן צו מישן זיך פון ווינט
צו דעם באַרג=אַראָפּ וואָס רינט
פון די שפּיצן ביזן טאָל
און צערינט דאָרט מיט אַ מאָל.
נישט קיין טאָג און נישט קיין נאַכט
נאָר אַ בין השמשות=שלאַכט
צווישן שאָטנס פאַר דער קרוין,
וואָס מע ווערט פון איר באַלוינט
מיטן אָפּגעשוימטן שוים,
מיט אַן אָפּגעטרוימטן טרוים
פון אַן אָפּגעהאַקטן בוים.

ירושלים, אַפּריל, 1979

זיך פירנעמען

אַז מע נעמט זיך פיר,
לויפט דאָס פּיפּטע נאָך,
קומט מען פון שפּאַציר
אויף אַ גאַנצער וואָך.

קומט מען אויף די פיר

רעדער פונעם וועג,
עפנט מען די טיר
און מען טוט אַ פרעג:

— וואַרט מען דאָ אויף מיר?
און איך שטעל זיך פאָר
פאַר די בלאָע פיר,
פאַר די אויגן פיר
פון אַן אַלטער פאָר

און איך שטעל זיך פיר
פאַר די אַלטע צוויי,
טאַטע=מאַמע מיר
זענעןביידע זיי.

כ'טו די ערד אַ ריר
מיט מײַן לײַכטן טראָט —
ווי מע נעמט זיך פיר
העלפט אַזוי דיר גאָט.

ירושלים, 13טער אָקטאָבער, 1981

הייסער זומער

הייסער זומער. זאַמד און שטיין,
גרייכט די היץ מיר ביזן ביין,
פּלאַצן אויך די ציין אין מויל
און זיי ווערן שוואַרץ ווי קויל,
טרינק איך מילך, עס איך רײַז,
מײַנע אויגן פּינטלען מײַז,
יעדעס מײַזל מיט אַ מום,
איינס איז בלינד און איינס איז קרום.
בלינדערהייט און קרומערהייט
שליסן זיי זיך אין אַ קייט
און די קייט זיך ציט און ציט,
טוט מיר אַלע מאָל אַ שניט

אין די אויגן און אַ ברי,
טוט אַ כוואַליע היץ אַ פּלי,
קומט אַ צווייטע מיטן ווינט
און די קייט פון מײַז פאַרשווינדט.
ציען זיך די שאָטנס אויס,
אָטעם איך די היץ אַרויס
דורכן מויל און דורך דער נאָז
אויפן אָפּגעברענטן גראָז.

גאָרנישט

גאָרנישט
און טאַקע ווידער גאָרנישט
ביז צום דריטן מאָל
און נאָך דעם גאָרנישט נאָך אַ מאָל.

מײַן עלטערזיידנס זיבן ברידער האָט דער וואָלף פאַרצוקט,
ביז וואַנען ער, דער אַכטער, האָט דעם וואָלף דערשלאָגן,
נאָר דאָס איז מיר, דעם אייניקל, איצטער נישט גענוג,
אַז איך זאָל האָבן עפּעס=וואָס צו זאָגן.

גאָרנישט
און טאַקע ווידער גאָרנישט
ביז צום דריטן מאָל
און נאָך דעם גאָרנישט
נאָך אַ מאָל.

מײַן באָבע האָט פאַרריכט די נעץ צו כאַפּן פיש
פון פישער=מאַן, פון פישער=פאָטער און פון פישער ברידער
און איך, דאָס אייניקל, זיץ בײַם לידערטיש
און כ׳האָב נישט כ׳לעבן וואָס צו זאָגן ווידער.

גאָרנישט
און טאַקע ווידער גאָרנישט

ביז צום דריטן מאָל
און נאָך דעם גאָרנישט
נאָך אַ מאָל.

איין פישער האָט דער שטורעם פונעם ים
פאַרשלונגען און דערנאָך דעם צווייטן, דריטן
און איך זיץ ווידער און איך זוך אַ גראַם
און ס׳ליגן ווערטער אויפן טיש צעשניטן

גאָרנישט
און טאַקע ווידער גאָרנישט
ביז צום דריטן מאָל
און נאָך דעם גאָרנישט
נאָך אַ מאָל.

דעם פעטער מײַנעם האָט דערשאָסן אַן עס=עס
און ס׳האָט זײַן זון דערנאָך דעם דײַטש דערשאָסן
און איך זיץ בײַ דעם יום טוב=טיש און פרעס
און איך זיץ ביי דעם פרעסטיש ווי אַ חתן

און גאָרנישט
און טאַקע ווידער גאָרנישט
ביז צום צענטן מאָל
און נאָך דעם גאָרנישט
נאָך אַ מאָל.

ירושלים, 5טער מאַי, 1979

לאָמיר זאָגן

לאָמיר זאָגן, אַז דער טאָג הײַנט איז צו אונדז אַ גוטער,
לאָמיר זאָגן, אַז די נאַכט איצט איז צו אונדז נאָך בעסער,
לאָמיר זאָגן און דאָס זאָגן גייט בײַ אונדז אויף פוטער,
כאָטש סע סקריפּען שווער די רעדער און צעלעכצט זענען די פעסער.

לאָמיר זאָגן, אַז די היץ היַינט האָט געשאַנעוועט די פעלדער,
לאָמיר זאָגן, אַז די סטאַדעס האָבן היַינט געגוג צום פרעסן.
לאָמיר זאָגן און דאָס זאָגן, וואָס דו הערסט, געפעלט דיר,
כאָטש די זון האָט אויסגעברענט שוין ביזן סאַמע לעצטן גרעזל.

לאָמיר זאָגן, אַז סע וואַרט אתדז אַ גערעטעניש פון גליקן,
לאָמיר צוגרייטן די קוישן און די שפּיַיכלערס האַלטן גרייטע,
לאָמיר זאָגן און דאָס זאָגן צינדט אַ פרייד אין דיַינע בליקן,
כאָטש סע רייַסט אַ טרער זיך דורך און סע קומט נאָך איר אַ צווייטע.

לאָמיר זאָגן..

ירושלים, 1979

לאָמיר זיך נישט נאַרן

לאָמיר זיך נישט נאַרן
און אַז יאָ איז וואָס?
ווענמען קאָן עס אַרן,
וואָס ס׳איז שוין נישט דאָס,
וואָס די ביימער דאַרן
און סע וועלקט דאָס גראָז

לאָמיר זיך נישט נאַרן,
ווען מע נאַרט אונדז ניט.
אַלטע קנעכט און האַרן
פאָרן פון יאַריד.
לאָמיר זיך נישט שפּאַרן,
לאָמיר זיַין געהיט.

לאָמיר זיך נישט נאַרן
שטיל און אָן גערויש.
אַלטע ביינער דאַרן
אינעם בלאָען פלייש,
אַלטע עפּל, באַרן
פוילן אין די קייש.

עפּעס לעב איך ווידער איבער

עפּעס לעב איך ווידער איבער,
עפּעס טוט מיך ווידער ווײ,
נישט קײן ווונד און נישט קײן פּיבער
רײַסט אַרויס מײַן ווײ=געשרײ.

וואָס זשע דאַרף מיך אַזוי ווײ טאָן,
איבערלעבן דאַרף איך וואָס,
אַז איך זאָל פון שלאָף אַ שרײַ טאָן,
גלײַך מע שנײַדט מיר אָפּ די נאָז?

כ׳ווייס נישט וואָס, נאָר ווײ טאָן טוט מיר
און איך ווייס נישט, צי איך זאָל
ווידער זאָגן, אַז ס׳איז גוט מיר
ווי דאָס פריערדיקע מאָל.

ווידער וויצלען זיך און לאַכן,
אויסשיטן דאָס גאַנצע גוטס
און פון אוצר וויצן מאַכן,
אויפבויען אַ וואַנט, אַ שוץ.

ירושלים, 6טער יוני, 1980

אויסגעטווישט

אויסגעטווישט אַ גוט שטיק ערד
אויף אַן אָקס אַ בײזן
און דאָס עקסל אויף אַ פערד
און דאָס פערדל אויף אַן אײזל.

און דאָס אײזל אויף אַ ציג
און דאָס ציגל אויף אַ גאַנדז
און דאָס גענדזל אויף אַ שטריק
פאַר מײַן דינעם האַלדז.

ס'האָט דער סוחר אָפּגענאַרט,
ס'איז דאָס שטריקל פֿויל,
גליקן האָב איך אָנגעשאַרט
און געבליבן הויל.

מאָרגן

מאָרגן עפֿנט זיך דער טויער,
מאָרגן קומען אָן די געסט,
מאָרגן, נאָר דער הײַנט נאָך דויערט
און ער האַלט מיט שטריק מיך פֿעסט.

מאָרגן שטייט דער טויער אָפֿן
און דער וואָגן פֿאָרט אַרײַן,
קריך איך נישט אַרויס פֿון האָפֿן
אויפֿן מאָרגנס מאָרגנשײַן.

אַ באַלאָדענער מיט זאָרגן
כאָפּט דער הײַנט זיך צו מײַן פּען —
איך בין אויך געווען אַ מאָרגן,
ווען איך בין נאָך נישט געווען.

ירושלים, 4טער דעצעמבער, 1979

אָוונטשטיל און מאָרגנקיל

אָוונטשטיל און מאָרגנקיל
און די נאַכט האָט זיי פֿאַרביטן,
מאָרגנקיל און אָוונטשטיל
און דער טאָג ברענט אין דער מיטן.

אָוונטשטיל. די שווערע טריט
פֿון די היימגייערס זיך מערן
אויסגעלאָשענע און מיד
פֿון אַן אַרבעטסטאָג אַ שווערן.

מאָרגנקיל און מאָרגנגראָ,
ס׳פּרישט דער טאָג זיך אָפּ דאָס פּנים
אין דער סאַמע ערשטער שעה,
ווען סע גייען היים בטלנים.

אָוונטשטיל, לאַמטערן=שײַן,
וואָס געוועזן בײַ טאָג פֿאַרבאָרגן
און די שטילקייט שלינגט זי אײַן
און זי בריט זיך אָפּ דעם גאָרגל.

מאָרגנקיל. דער טוי גלאַנצט אָפּ
און ער טריקנט אויס ווי טרערן
און אַ ווינטל טאַנצט אַראָפּ
פֿון די בערג און הייבט אָן קערן.

ירושלים, 1980

אויפֿן וועג שטייט אַ בוים

אויפֿן וועג שטייט אַ בוים,
זעט אים יעדער יעדער,
ווער סע קומט נאָר מיטן וועג
אויף דער אַקס מיט רעדער.

ווער סע קומט נאָר מיטן וועג
אויף אַ פֿערד צו רײַטן,
זעט ער אויפֿן וועג דעם בוים
נאָענט און פֿון ווײַטן.

נאָר צום בעסטן זעט דעם בוים
ווער צו פֿוס פּאַוואָליע
גייט ער בײַ דער זײַט פֿון וועג
איבער בערג און טאָלן.

שטעלט ער אָפּ זיך בײַ דעם בוים,
זעצט זיך דאָרט אַנידער

אינעם גראָז בײַם ראַנד פון וועג,
רוט דאָרט אויס די גלידער.

ווייל דעם בוים וואָס אויפן וועג,
וואָס סע זעט אים יעדער,
ווער סע רײַט, צי גייט צו פוס,
ווער סע פאָרט אויף רעדער.

ערגעץ וואַקסט אַן אַנדער בוים
אַזאַ גרויסער, שיינער,
אפשר שענער נאָך פון דעם,
נאָר סע זעט אים קיינער.

ירושלים, 3טער מערץ, 1980

קומען וועט

קומען וועט אַ גוטע צײַט
אין אַ מזלדיקער שעה,
נישט פון נאָענט, נישט פון ווײַט
קומט די צײַט, זי איז שוין דאָ
אין אַ מזלדיקער שעה.

איצטער דאַרף מען אויבן אָן
און מיט גרויסער פרייד
לאָזן פלאַטערן די פאָן
אויבן אָן, אין ווינט צעווייט
און מיט גרויסער פרייד.

און דערנאָך זיך טאָן אַ דריי
רונד אַרום דער שעה.
ווו איך שטיי און ווו איך גיי
דאָרטן בין איך דאָ
רונד אַרום דער שעה.

ירושלים, 17טער מערץ, 1980

די נײַע וועלט

קוקט און זעט: די נײַע וועלט
ווערט געבוירן אויפֿן שקיעה=פֿעלד.
הויכע שאָטנס בייגן זיך איַין,
קריכנדיק אין די זאַנגען אַרײַן,
קומען אַרויס מיט מעסערס אין די ציין
בליצנדיק אינעם זונפֿאַרגיין.

פֿאַסטעכער — וואַכענדיק און צעשפּילט,
פֿאַסטעך=הינט — צערייצט און צעבילט
אײדער די לבנה איז נאָך אַרויס,
אײדער די שאָטנס וויקלען אַרויס
פֿון צעקנייטשטע לײַלעכער די געשטאַלט
פֿון דער נײַער וועלט, וואָס איז ווילד און אַלט.

ירושלים, 5טער מאַי, 1979

דער חלל

דער חלל דרייט זיך אַרום אונדזער ערד
און קלינגט, נאָר איך האָב דאָס קלינגען פֿאַרהערט.
אָט איז ער אַ גלעזערנער קאַסטן רוים,
אָט הענגט ער איבער אַ טערקישן בוים
און אָט איז ער ווײַטער ערגעץ אַוועק,
ער הענגט שוין איבערן ענגלישן ברעג
און אָט גאָר אַ קײַלעך אין אינדישן לאַנד,
אָט פֿליט ער איבער אַ שוואַרצער האַנט,
אָט פֿאַלט ער איבער אַ בלאָנדן קאָפּ,
ער פֿליט און פֿאַלט און פֿאַלט נישט אַראָפּ,
אָט יאָגט ער זיך איבער אַ מדבר=געצעלט,
אָט טראָגט ער זיך איבער אַ פּויליש שטיק פֿעלד
און אָט איז ער ווידער דאָ, נאָר שוין מיד
און לאָזט זיך אַראָפּ מיטן דאָזיקן ליד.

ירושלים, 3טער מאַי, 1979

דער אַלטער חכם

דאָס ליכט איז אַ מאַסקע, האָט ער געזאָגט,
דער אַלטער חכם, ווען סע האָט געטאָגט.
לויט אים האָט דאָס ליכט נישט אָפּגעדעקט
דעם דאַך און די גאַס, דאָס פעלד און דעם וועג,
נאָר צוגעדעקט זיי מיט פאַרב פון שײַן.
איצט פּרוּוו און קוק אינעם תּוך אַרײַן
פון האָלץ און פון שטיין, פון אײַזן און ליים,
צעגלידער זיי און זיי בלײַבן געהיים,
ווײַל וואָס דו צעגלידערסט און עפנסט אויף,
פאַלט באַלד די שײַן אויף דעם אַרויף,
די שײַן, די מאַסקע, וואָס פאַרשטעלט
די וועלט, וואָס ווערט באַשײַנט און באַהעלט.

— צי דאַרפן מיר וואַרטן אויף דער נאַכט?
און דאָ האָט דער חכם זיך צעלאַכט —
צי ווילט איר ווערן אין גאַנצן בלינד,
נאָך בלינדער ווי איר זענט אַצינד?
כ׳האָב אויך אַ מאָל אויף דער נאַכט געוואַרט,
בשעת דאָס ליכט האָט מיך שטאַרק געאַרט,
בשעת דאָס ליכט האָט מיך אָפּגענאַרט
און כ׳האָב זיך אויף דער נאַכט דערוואַרט,
אַ פינצטערניש, אַ שוואַרצע דעק
האָט אַלע מאַסקעס צוגעדעקט.

— איז וואָס זשע, חכם, דאַרפן מיר טון,
אַז נישט די פינצטערניש, נישט די זון,
זיי דעקן נישט אָפּ, נאָר דעקן צו
און גיבן נישט דיר, נישט אונדז קיין רו?
— גענוג איז צו וויסן, אַז דאָס ליכט,
אַ מאַסקע איז, וואָס פאַרדעקט דאָס געזיכט
און אַז די פינצטערניש פאַרלעשט
דעם גלאַנץ צוזאַמען מיטן מעש,
איז לאָמיר, זיך, ברידער, זעצן צום טיש
און לאָמיר זיך מאַכן, אַז ס׳אַרט אונדז נישט.

ירושלים, 6טער אויגוסט, 1979

מיש־מאַש

אַ מיש=מאַש פון צײַטן אין די רוימען,
ליכטיאָרן, סעקונדעס — אַ גאַנצער באַלאַגאַן —
פאַלן ווי די קאַסטנס פון אַ הייבקראַן אויף אַ קוימען,
פאַלן ווי די זעלבסטמערדער פון דעכער אין תהומען,
פאַלן ווי די ראָסע אויף די שפּיצן פון באַלקאַן.

ערגעץ פון אַ שטערן זעט מען ערשט אַצינדער
ווי די רוימער צינדן און פאַרגיסן אונדזער בלוט,
ערגעץ פון אַ צווייטן זעט מען אונדזערע קינדער,
זעט מען זייערע אייניקלעך מיט זייערע קינדס קינדער
פײַערן דעם טויזנטסטן יום העצמאות.

אַ מיש=מאַש פון צײַטן אין די רוימען
ביז צו משוגעת,
אַ מיש=מאַש פון טרויבן=קערלעך מיט די זוימען
פון די ערשטע עפּל פונעם עץ הדעת,
אַ מיש=מאַש
מיש=מאַש
מיש=מאַש.

דעצעבער, 1978

די בלויע וואַנט

אַ בלויע בלינדקייט נעמט אַרום די קײַלעכדיקע ערד,
פאַרהיט די אויגן אונדז פון שרעקלעכן אין=סוף.
דער וויי=געשריי פון אונדזער פּחד ווערט געהערט,
בשעת די בליקן רײַסן זיך אַרויף=אַרויף
און שלאָגן אָפּ זיך אין דער בלויער וואַנט,
דער בלינדער בלויער וואַנט אויף דער זײַט לאַנד.

און דאַנקען גאָט מיר זענען אַלע דאָ,
די דורות, די יאָרהונדערטער פון אָנהייב אָן,
די לעבעדיקע און די טויטע, וואָס זענען מער נישטאָ,

מיר זענען אַלע דאָ און אויפֿן בלויען פּאַן
פון בלויער בלינדקייט קומען זיך צונויף
דער גיהנום און גן עדן אינעם זעלבן הויף.

און אַלע "יענע=וועלטן" פון אַ מאָל און היינט
זיי זענען קיין מאָל פונעם גדר נישט אַרויס.
אויף יענער זייט פון שטערן, וועלכער שיינט,
איז ווידער וואָנט, די וואָנט די בלינדע בלויז,
איז נאָר אַ ביסל מערער אָפּגערוקט,
די בלינדע בלויע וואָנט, בשעת מע קוקט.

ירושלים, מוצאי שבת, 22סטער אויגוסט, 1981

שטאַרקע ברילן

און אַז דער פֿאָטער האָט אויף אייביק צוגעמאַכט די אויגן,
האָט זיין זון זיך איבער אים אַראָפּגעבויגן
און דעם פֿאָטערס שטאַרקע ברילן אויפגעהויבן
גוט באַטראַכט זיי, אויסגעווישט פון שטויבן
און געטראַכט: דעם טאַטנס ברילן זענען גאָרנישט
אָן דעם טאַטנס קראַנקע אויגן.

און אַז דער אָפּטיקער האָט נישט געוואָלט זיי קויפן,
האָט ער שוין אויפגעהערט, דער זון, צו אים צו לויפן
און געלאָזט די ברילן ליגן און אין זיי פֿאַרגעסן,
ברילן זענען נישט קיין טויבן און זיי מאָנען נישט קיין עסן,
נאָר צו וואָס, איך בעט אייך, קאָנען זיי נאָך טויגן
אָן דעם טאַטנס קראַנקע אויגן?

איין מאָל האָט געטראָפן, ס'האָט די פרוי געראַמט אין צימער
און אין מיטן ראַמען האָט אַ קלאַפּ געטאָן און ס'האָט געטאָן אַ שימער,
האָט דער זון דערהערט דעם קלאַפּ אין מיטן ראַמען
און געזען דעם שימער און ער האָט פֿאַרשטאַנען,
אַז די שטאַרקע ברילן האָט עס שטאַרק געצויגן
נאָכן טאַטנס קראַנקע אויגן.

ירושלים, 1טער נאָוועמבער, 1981

יעדע רגע

יעדע רגע ווערט אומשטערבלעך,
ווען דו לעבסט זי אויס.
פון די פּירות ווערן קערלעך,
וואָס דו טריקנסט אויס.

און פאַרזעצסט זיי אין דײַן גאָרטן
קערלעך אַלערליי,
איידלסט אויס דערנאָך די סאָרטן
ביימער אין דער ריי.

יעדע רגע ווערט אומשטערבלעך
און זי איז עס ווערט,
פון די טעלער ווערן שערבלעך,
פון די שערבלעך ווידער ערד.

פון די קי מיר האָבן קעלבער,
פון די קעלבער ווידער קי
און סע קומט דער טאָג דער זעלבער
פּונקט ווי נעכטן אין דער פרי.

ס'גייט קיין פּינטל נישט פאַרלוירן,
נישט קיין מע און נישט קיין מו,
יעדע רגע ווערט געבוירן,
קומט אַ לעבן צו.

ירושלים, 24סטער אַפּריל, 1980

אויף די פעלדער פון זכּרון

אויף די פעלדער פון זכּרון
שײַנט אַצינד די זון
ווי אין יענע ערשטע יאָרן,
ווען די זון געווען איז יונג
און פלעגט אויפגיין מיט אַ קלונג.

דורך די פעלדער פון זכּרון
שנײַדט זיך דורך אַ וועג,
שנײַדט דער וועג זיך דורך די יאָרן,
קאָן מען אויפן וועג דערפאָרן
ביז צו אונדזערע טעג.

אויף די פעלדער פון זכּרון
פּאַשעט זיך אַ קו,
יענע קו פון יענע יאָרן
האָט געלאָזט נאָך זיך אַ האָרן
און אַ לעבעדיקן מו.

ירושלים, 10טער דעצעמבער, 1981

גוטע שעה

בין אויפגעשטאַנען הײַנט פאַר טאָג
און ס׳האָט מיך גאָרנישט ווי געטאָן,
סאַראַ גוטע שעה אין טאָג,
סאַראַ זעלטן זיסער זאָג:
גאָרנישט ווי געטאָן.

כ׳האָב בײַם פענצטער זיך געשטעלט
און אַרויסגעקוקט מיט פרייד.
סאַראַ ליכטיק שיינע וועלט,
סאַראַ טאָג האָט זיך געשטעלט
גאָר אָן ווייטיקן, אָן לייד.

כ׳האָב די שויבן אויסגעווישט,
אָפּגעפּוצט די גרינע ווײַט,
נאָר מײַן פרוי מיך רופט צום טיש,
כאָטש איך בעט זיך — רוף מיר נישט —
גאָטעניו, שטעל אָפּ די צײַט.

ירושלים, 8טער אויגוסט, 1981

כ׳האָב אַלע אַלטע גוטע ווערטער

כ׳האָב אַלע אַלטע גוטע ווערטער
דערוואַרעמט אין מײַן קליינער קיך
און זיי אין ווײַסע פלאַכע טעלער
געשטעלט צום אָוונט=ברויט פאַר זיך.

נאָר נישט גערירט זיי פון די ערטער,
כ׳האָב פון די טעלער נישט פאַרזוכט
און אַלץ געוואַרט, אַז דער געערטער
זאָל קומען מאַכן זײַן באַזוך.

און איך וועל מיט מײַן גאַסט זיך טיילן
מיט יעדן ביסן, יעדעס וואָרט
און גאָר מײַן נעכטן אויסדערציילן,
ביז אַלץ וועט ווערן אויסגעקלאָרט.

ביז אַלץ וועט שטיין פאַר זײַנע אויגן
ווי אויפן טעלער, ווי מע זאָגט,
און מיט זײַן אויער צוגעבויגן
פון אָוונט ביזן גרויען טאָג.

נאָר נישט געקומען דער באַשערטער,
דער אָנגעזאָגטער גוטער גאַסט,
און איך האָב פון די ווײַסע טעלער
אַליין דעם כּיבוד אויפגענאַשט.

דערנאָך געוואָלט זיך דורכשפּאַצירן,
ווען פּלוצים, פון דער העלער הויט,
סע עפענען זיך אַלע טירן
און אַלע טעלער ווערן רויט.

אַרײַנגעשטורעמט האָט מײַן שכן
און זיך אַ שיכּורער צעשטרעקט,
אויף אַלע פיר אַרומגעקראָכן
און אַלע טעלער אויסגעלעקט.

און נאָך דעם אַלע זיי צעבראָכן,
מיט שערבלעך פֿול געמאַכט דאָס הויז
און מיט געלעכטער איז מײַן שכן
אַ פֿריילעכער פֿון הויז אַרויס.

נאָך גוט, דער גאַסט איז צו דער סצענע
נישט אָנגעקומען, נישט געזען.
און אפֿשר איז ער אויך פֿון יענע?
און אפֿשר ער איז עס געווען?

ירושלים, 24סטער יוני, 1980

פֿון זינט סע פֿעלן מיר ציין אין מויל

פֿון זינט סע פֿעלן מיר ציין אין מויל,
מיר פֿעלן אויך ווערטער בײַם רעדן
און אָן די ווערטער, ווייסט איר דאָך וווּיל,
איז קאָן מען נישט רעדן מיט יעדן.

מע קאָן מיט אַ פֿינגער אַ רוף טאָן אַ קינד,
אַ גלעט טאָן דאָס קינד ווי בײַ לײַטן,
מע קאָן ווי די צווײַגן אויפֿן ווינט
אויך רעדן מיט ד׳הענט צו די ווײַטן.

און נאָך דעם באַזונדער מיט יעדער האַנט
דער וועלט אַ ווײַז טאָן צוויי פֿײַגן,
מע קאָן אויך שלאָגן קאָפּ אין וואַנט,
פֿאַרבײַסן די ליפּן און שווײַגן.

מע קאָן צו אַ מיידל טאָן אַ ווונק
און אויך נישט צו יעדעס מיידל,
אַרויסשלאָגן קאָן מען פֿון שטיין אַ פֿונק
און דווקא נישט מיט ריידן.

מע קאָן מיטן סאַמע שוואַכסטן בלאָז
פֿאַרלעשן דאָס ליכטיקסטע פֿײַער,

מע קאָן אַ דריי טאָן מיט דער נאָז
אויף אַלץ וואָס געווען איז דיר טײַער.

מע קאָן אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט
אויף אַלץ וואָס פֿאַר דעם זיך געשלאָגן
און נאָך דעם ווײנען נאָך אַנאַנד,
נישט האָבנדיק וואָס צו זאָגן.

מע קאָן, מע קאָן מיט אַ מויל אָן ציין
פֿאַררעדן דער וועלט די ציינער
און נאָך דעם בלײַבן מיט זיך אַליין,
און נאָך דעם בלײַבן איינער.

ירושלים, 9טער סעפּטעמבער, 1981

אין גן עדן פֿון נאַראָנים

היי, נאַראָנים פֿון גן עדן, עפּנט אויף דעם טויער,
עפּנט אויף דער טויער, שומרים פֿון גן עדן,
שווער פֿאַרווּנדעט בין איך פֿונעם קלוגן טרויער,
בינדט די ווונד מיר איבער, נאָך דעם וועלן מיר ריידן.

בינדט די ווונד מיר איבער, כ׳האָב נישט ליב קיין ווייטיק
פּונקט ווי איר, נאַראָנים, קאָן איך אים נישט לײַדן,
נישט קיין כבוד=קראַנצן איז מיר איצטער נייטיק,
ווען דער שאַרפֿער ווייטיק הערט נישט אויף צו שנײַדן.

ווען דער שאַרפֿער ווייטיק ברענט אין מײַנע בלוטן,
בין איך גרייט אים גלעטן, בין איך גרייט אים פּלעטן,
בין איך אַלע חכמות מוחל דעם נישט=גוטן,
אַלע לויב=געזאַנגען גרייט אים אָפּצוטרעטן.

אַלע לויב=געזאַנגען ביזן העכסטן הימל
בין איך גרייט פֿאַרהאַנדלען אַלע מײַנע שונאים,
פֿאַר אַ שלאָף=געטראַנק און פֿאַר אַ זיסן דרימל
און דעם ווייטיק שטילן אין גן עדן פֿון נאַראָנים.

ירושלים, 14טער סעפּטעמבער, 1981

אַלע לויבגעזאַנגען

אַלע לויבגעזאַנגען ביזן העכסטן הימל
בין איך גרייט פאַרהאַנדלען פאַר אַ פּרי אדמה,
פאַר אַ גראָז=רפואה, פאַר אַ זיסן דרימל
בין איך גרייט פאַרהאַנדלען אײַך מײַן נאָמען.

איך, וואָס מיין ווי אַלע גרויסע מיינערס,
אַז די נעמען אונדזערע שײַנען ווי די שטערן,
אַז די בילדער אונדזערע הענגען בײַ די לייענערס,
וועלכע שלינגען אונדזערע ביכער, גיסנדיק מיט טרערן,

בין געווען דער שאָרך פון מינדסטן גרעזל
אינעם כאָר פון אָפּגערוישטע מעכטיקע געזאַנגען —
אַלע שיינע צוקונפטן זענען שוין געוועזן,
אַלע אייביקייטן זענען שוין פאַרגאַנגען.

אַלע לויבגעזאַנגען ביזן העכסטן הימל
טרענקען זיך צוזאַמען מיט די זינגער אויפן שיפל,
נישט קיין סם פאַר מיר איז איצט דער זיסער דרימל,
בעסער אָבער זיך צו טרענקען אין אַ שלאָף אַ טיפן.

ירושלים, 31סטער אָקטאָבער, 1981

מײַנע זיבן שונאים

סאַראַ מאָדנע ערנסט אויף דײַן פּנים,
גלײַך דו שטייסט בײַם קייסער אויף דער וואַך,
כ׳האָב געהאַט אין לעבן זיבן שונאים,
האָט פון זיי קיין איינער נישט געלאַכט.

איינער האָט אַ מאָל זײַן גליק פאַרשלאָפן,
האָב איך פונעם שלאָף אים אויפגעוועקט,
איז ער מיט אַ האַק מיר נאָכגעלאָפן,
שיער מיך נישט דעריאָגט אין מיטן וועג.

איינער האָט פאַרליבט זיך אין מײַן מיידל,

ווען מיט איר כ׳האָב חתונה געהאַט,
האָט ער אונדז פאַרטריבן פון גן עדן
עד היום הזה אויף נע ונד.

איינער האָט געשפּילט מיט מיר אין קאָרטן,
האָב איך גלײַך אים בײַ דער האַנט געפּאַקט,
האָט ער מיר די ביימער פונעם גאָרטן
ביז צום לעצטן אַלע אויסגעהאַקט.

איינער האָט דאָס הויז מיר אויסגעליידיקט,
איינער האָט פאַרבינדן מיר די הענט
און דער דריטער איז געווען באַליידיקט,
ווען איך האָב אים לויט די האָר דערקענט.

ס׳האָט פון אַלע זיבן דאָך קיין איינער
קיין מאָל אויך קיין שמייכל נישט געטון,
וואָלט פון זיי כאָטש איינער דאָרט געווען אַ וויינער,
וואָלט אַ טרער געבליאַסקעט אויף דער זון.

סאַרע מאָדנע ערנסט אויף דײַן פּנים,
גלײַך דו שטייסט בײַם קייסער אויף דער וואַך,
כ׳האָב געהאַט אין לעבן זיבן שונאים,
האָט פון זיי קיין איינער קיין מאָל נישט געלאַכט.

ירושלים, 5טער מעו י, 1980

שונאים

אין איינער אַ שטאָט אויפן זעלבן געסל
אין זעלבן הויז אויפן זעלבן גאָרן
אין צוויי באַזונדערע דירות געזעסן
צוויי קלוגע זקנים אַלע זייערע יאָרן

און פײַנט געהאַט האָבן זיי איינער דעם צווייטן
מיט גאָר דער חכמה, מיטן גאַנצן שכל
און איינער דעם צווייטן פלעגט באַגלייטן

מיט שנאה=בליקן און שפּאָטישן שמייכל.

זיי האָבן זיך נישט באַגריסט אפילו,
ווען זייערע בליקן פלעגן זיך טרעפן,
עס האָבן קללות געברענט אויף די ליפּן,
נאָר ס'האָט זיך קיין מויל נישט געטאָן קיין עפן.

און אָט אַזוי זענען יאָרן געפלויגן,
און אָט אַזוי זענען יאָרן געקראָכן,
און ס'האָבן די אַלטע און קראַנקע אויגן
זיך איינע די צווייטע מיט שפּיזן געשטאָכן.

ביז איינעם אַ טאָג איז איינער געפאַלן
אַ טויטער און ס'האָט אים צו אַלעמענס שטוינען
דער צווייטער באַווייגט מערער פון אַלע,
מיט ביטערע טרערן באַוויינט זײַן שונא.

האָט לאַנג נישט געקאָנט דעם בראָך אויסהאַלטן
און נאָכגעשטאָרבן נאָך עטלעכע וואָכן
און לויט דער צוואה מע האָט אים באַהאַלטן
אויף דאָרטן נעבן זײַן אַלטן שכן.

ירושלים, 12טער מאַי, 1970

דער ציפערבלאַט

די וועלט אין מײַן פענצטער — אַ טשערעדע הײַזער,
וואָס טוליען זיך איינער צום צווייטן.
די צײַט אין מײַן פענצטער — אַ זייגער אָן ווייזערס
מיט אַ ציפערבלאַט אַ פאַרדרייטן.

אַ ציפערבלעטל אַזאַ צו וואָס טויג עס?
מע קאָן אויף די ציפערס נישט קוקן.
ווי לאַנג איז אין דעם, אַז דאָס איז ברוגז
געשטאַנען צו אונדז מיטן רוקן.

געווען ס׳איז אין זײַנע יונגע יאָרן,
געווען ס׳איז די בליצײַט פון צײַטן,
ביז וואַנען עס איז אַראָפּגעפּאָרן
און אויסגעדרייט זײַנע זײַטן.

צו מיר און צו אַנדערע ווייכע ייִדן,
וואָס האָבן אויף יורדים רחמנות,
אפילו מיר זענען געווען נישט צופרידן
און ווילן פאַרגעסן. דאָך איך דערמאָן עס.

למען ידעו. סע שאַדט נישט געדענקען
דעם רוקן, די גאווה, דעם ביטול
פון יורד הײַנט, וואָס מיר גייען אים שענקען
כאָטש ער האָט דאָס האַרץ אונדז געשניטן.

ירושלים, אַפּריל, 1979

גאָלד און זילבער לאָזט מען שטיין

מײַן דור גייט אַוועק אויף אַן אמת,
דער איינציקער אמת, קאָן זײַן,
דו פרעגסט נישט אפילו וועמעס
דער אמת איז — מײַנער און דײַן.

גאָלד און זילבער לאָזט מען שטיין
און אַז מע רופט, דאַרף מען גיין.

מיר האָבן געזאַמלט אין ביכער
דאָס בלוט פונעם האַרץ אין זײַן שטראָם,
מיר האָבן געהאַלטן פאַר זיכער
די ביכער — דעם לעבנס=אַלבאָם.

גאָלד און זילבער לאָזט מען שטיין
און אַז מע רופט, דאַרף מען גיין.

מיר האָבן פאַרזאָרגט זיך מיט פלעצער

אין פעלד, מיט מצבה=שטיין,
סע בלײַבן די ביכער ווי קלעצער,
ניטאָ ווער סע זאָל זיי פֿאַרשטיין.

גאָלד און זילבער לאָזט מען שטיין
און אַז מע רופֿט, דאַרף מען גיין.

ירושלים, יאַנואַר, 1979

וויפֿל דאַרף אַ מענטש דען האָבן?

וויפֿל דאַרף אַ מענטש דען האָבן?
וויפֿל קאָן אַ מענטש פֿאַרטראָגן?
מערער מערער וויל ער האָבן,
מערער ווי ער קאָן פֿאַרטראָגן.

יעדער קוקט אַרויס, דער צווייטער
זאָל דער ערשטער אויף דעם לייטער
צו דעם בוים מיט רײַפֿע עפּל
אויפֿהייבן זײַן פֿוס צום טרעפּל.

אויב דער לייטער וועט אים האַלטן
און דאָס טרעפּל נישט צעשפּאַלטן,
וועט מען שיין פֿון דאָרט אים בעטן,
אַז ער זאָל דאָס פּלאַץ אָפּטרעטן.

פֿאַר אַן אַנדערן, אַ צווייטן,
וואָס געקומען איז צום גרייטן.
אויף דעם אויסגעפּרוּווטן לייטער
וועט אַרויפֿשטײַגן דער צווייטער.

פּולע קוישן אָנגעקליבן,
פֿונעם בוים אַראָפּגעשטיגן,
ערשט אַ דריטער נעמט זיי טראָגן
גלײַך צו זיך אין גרויסן וואָגן

און אין וועג אַרײַן זיך אײַלן —
אָפּגעפּאָרן זיבן מײַלן,
קומען אָן אין וועג צוויי מאַסקעס
און מע נעמט די קוישן טאַסקען.

ווער ס׳איז שפּעטער אין דער געגנט
דורכגעגאַנגען, האָט באַגעגנט
אײנעם פֿון די צוויי דערשטאָכן
און דעם צווייטן אײַנגעבראָכן
פֿון די קוישן פֿונעם וואָגן
מערער ווי ער קאָן פֿאַרטראָגן.

ירושלים, 16טער יוני, 1980

אָן אַ האַרץ

גײסט אין גאַס און זעסט אַ האַנט
אויסגעשטרעקט צום גאַנצן לאַנד,
אויף דער האַנט אַ ווײסטער פֿלעק,
דרײ דײַן קעפּל נישט אַוועק
פֿאַר רחמנות, אָבער שטײן
זאָלסטו בלײַבן ווי אַ שטײן
אָן אַ בויג און אָן אַ נויג,
אָן אַ פֿינטל מיטן אויג
זאָלסטו קוקן ביזן גרונט
פֿון דער אײַטערדיקער ווונד.
ס׳איז גענוג אײן אויגנבליק,
נאָך דעם שנײַד אַוועק אַ שטיק
פֿון דײַן העמד, די רײנסטע טײל,
שמיר זי אָן מיט זאַלבנאײל,
בינד מיט איר אַרום, פֿאַרדעק
גאָר די ווײסטקײט פֿונעם פֿלעק
אָן אַ האַרץ, נאָר שטרענג און שאַרף
טו די אַרבעט, וואָס מע דאַרף.
אָפּגעטאָן, צי אָפּ פֿון דאָרט
אָן דײַן נאָמען, אָן אַ וואָרט.

ירושלים, אַפּריל, 1979

שטעל די פֿאַרבן אויס

שטעל די פֿאַרבן אויס אין פֿלאַמען,
שטעל די זאַכן אויס אין זאַצן
שטעל די ראַנדן אויס אין גראַמען
ווי אין לידער פֿון חרצן.

טו אַרײַן דאָס אַלץ צוזאַמען
אין אַ דרוק=טאָפּ אַ מאָדערנעם,
שטעל די זאַצן, זאַכן, גראַמען
אויף אַ פֿײַערפֿלאַם פֿון דערנער.

נישט קיין דערנער ס׳איז דאָך הערנער
פֿון אַ לעבעדיקער סטאַדע,
קומט אַהער צום פֿײַער ווער נאָר
שטאָף ער דאַרף אויף אַ באַלאַדע.

אויף אַ טרויעריקס מיט פּחדים
פֿון אַ שעפּעלע און ווײַטער
ציט דעם לאַנגן רויטן פֿאָדעם
ביז צום טאָפּ וואָס אויפֿן שײַטער.

ירושלים, אַפּריל, 1979

דער ערשטער ליגן

איך בין זיך מודה, איך פֿיל אַ תּאווה
צו עפּל ווי אדם מײַן עלטערזיידע,
עס האָט אים מײַן עלטערבאָבע חוה
מכבד געווען נאָך אין גן עדן.

ער האָט זיי מיט לײַדנשאַפֿט אײַנגעביסן
און נאָך דעם געקײַט אויף אַלע ציינער,
ס׳האָט חוה בלויז די עפּל געריסן
און ער האָט אויסגעהאַקט די ביימער.

דערנאָך אין זײַן טאָגביכל פֿאַרשריבן
דעם סאַמע=סאַמע ערשטן ליגן,
אַז גאָט האָט זיי פֿון גן עדן פֿאַרטריבן
און חוה האָט דעם אמת פֿאַרשוויגן.

ירושלים, אַפּריל 1979

שפּעט בײַ נאַכט, שפּעט בײַ טאָג

בין מיד און איך צי די מידקייט אויס
ביז שפּעט אין דער טיפֿער נאַכט אַרײַן
און כ׳וועד אַנטשלאָפֿן, כאָטש טראָגט מיך אַרויס,
איז פֿיל איך נישט ווו אויס און ווו אײַן.

נאָר דאָרטן אין שלאָף, אין חלום דאָרט,
ווו אונטערצוקוקן אַ צווייטן איז שווער,
געפֿין איך מיר אַזאַ מין אָרט,
ווו פֿייגעלעך זינגען און איך הער.

דער אמת איז, דאָס האָבן זיי מיך
געפֿונען און נאָך דעם איבערגעלאָזט
און זייער געזאַנג פֿאַרוואַנדלט זיך גיך
אין גאַסנגעררויש און אין רעדן פֿראָסט.

און איבער די פּראָסטע רייד זיך דרייט
אַ פֿאַרביק רעדל ווי אַ שלאַנג,
און נאָך דעם הער איך ווידער רייד,
און נאָך דעם הער איך ווידער געזאַנג

און נאָך דעם רוקט זיך דער הימל אַוועק
און דאָרט, ווו ס׳איז פֿריער הימל געווען,
דערזע איך אַ ברוינעם בלוטיקן פֿלעק,
וואָס איך האָב נאָך קיין מאָל נישט געזען.

דערשרעק איך זיך. צעלאַכט זיך אַ הונט,
ווי גלײַך עס וואָלט אַ בן אדם געלאַכט

און פונעם צעלאַכטן פּיסק אַ װוּנד
צעגלאַנצט זיך װי די לבנה בײַ נאַכט.

און נאָך דעם פּאַרציט זי זיך מיט מעש
אַזױ װי אַ טאָץ װאָס איבער אַ פּױק
און אונטן װאַלגערט זיך מאַרקולעשט
װי סנאָפּעס פון אַ צעװאָרפענעם סטױג.

סע טוט אַ קלונג. ס'איז טאָג, ס'איז שפּעט.
די אײניקלעך שפּילן זיך אַרום הױז.
זײ פילן נישט דעם, װאָס קרעכצט אין בעט
און רײַבט זיך פון חלום די אױגן אױס.

דאָס ליד פון אַ קנעכטישער נשמה:

די פרײַנד, װאָס יאָגן זיך נאָך מיר
זײ װעלן מיך נישט גרײכן,
איך זוך אַרום דעם שונאס טיר
און װאַרט פון אים אַ צײכן.

גענוג ער זאָל מיר טאָן אַ װוּנק,
אַ רוף טאָן מיט אַ פינגער,
פון גרױסער פרײד איך טו אַ שפּרונג
װי גאָר דער בעסטער שפּרינגער.

און כאָטש איך װײס, איך װעל דערפאַר
באַצאָלן מיט חרטה,
אױף אַלע פיר איך קריך צו אים
און טיפער אין דער בלאָטע.

און כאָטש איך װײס, ער האָט מיך פײַנט,
פאַרגינט מיר נישט דאָס לעבן,
אַנטלױף איך פון די בעסטע פרײַנד
צו אים, אין זײַנע נעגל.

די פרײַנד, װאָס יאָגן זיך נאָך מיר,

זיי וועלן מיך נישט גרייכן,
איך זוך אַרום דעם שונאס טיר
און וואַרט פון אים אַ צייכן.

ירושלים, אַפּריל, 1979

פּיפטע רעדער

לאָמיר פון די פיפטע, פון די איבעריקע רעדער
אויפבויען אַזאַ מין וואָגן, אַז אַיעדער
זאָל זיך לאָזן אויף די וועגן נאָכן וואָגן
און זאָל וועלן אים דעריאָגן.

זאָלן הייסע ריַיטער נאָכלאָזן די ציימלעך,
זאָלן פלינקע פערדלעך שפרינגען איבער ביימלעך,
לאָמיר נאָכלויפן די ריַיטער און זיי אונטערזאָגן,
ווו זיי קאָנען אָניאָגן דעם וואָגן.

לאָמיר אויפן שיידוועג זיך אַנידערשטעלן,
אויסשטרעקן אַ האַנט, אַז די וואָס וועלן וועלן,
זאָלן וויסן און נישט דאַרפן אויף דער ריכטונג פרעגן
ביַי דעם יויזל מיט צוויי הענט צעשטרעקטע אויף די וועגן.

וואָס איז דאָ שוין היַינט אונדז אָנצוּווערן?
אויך אָן פליגל גרייכט מען צו די שטערן,
מיט אַ וואָגן קאָן מען אויך זיי איבעריאָגן,
לאָמיר פון די פיפטע רעדער אויפבויען אַ וואָגן.

ירושלים, 27סטער מערץ, 1980

דאָס איבעריקע ראָד

דאָס איבעריקע ראָד, דאָס פינפטע ראָד,
דער אבן מאסו הבונים,
זיך קיַיקלט נאָך אַלץ אַרום דער שטאָט

און קאָן נישט אַרײַנפאָרן װוינען.

און װען מיר דאַכט זיך, אַז אָט=אָט=אָט,
אַז באַלד גייען אויס אים די כוחות,
איך טו אַ שפרונג צום גוססן ראָד
און רײַס פונעם פאַלן אַרויס עס.

איך טו אַ שטופּ מײַן רעדעלע=ראָד
סע יאָגט שוין גאַלאָפּ װי אַ רײַטער,
טאָ זאָל עס זיך יאָגן אַרום דער שטאָט
עד סוף כל הדורות און װײַטער.

ירושלים, 17טער פעברואַר, 1980

דו און איך

און דו האָסט געהאַלטן אין האַנט אַ שטעקן,
און דו האָסט געפירט מיטן לאַנד
און דו האָסט געהאַלטן דאָס לאַנד אין שרעקן
און איך האָב געהאַלטן דײַן האַנט.

און װיפל מאָל האָסט אים אויפגעהויבן,
דעם שטעקן, און נישט אַראָפּגעלאָזט —
צי האָט מען געוװּסט װעמען צו לויבן
און װער ס׳איז דער באַלעבאָס?

און װיפל מאָל דו האָסט אין גאַנצן
אים נישט גענומען אין דער האַנט,
צי האָט מען געוװּסט װעמען צו קראַנצן,
אין װעמענס האַנט ס׳איז דײַן האַנט?

און אַז מיר האָבן פאַרטריבן די שונאים,
ביסטו דער העלד, װאָס האָט נישט קיין פּאָר.
אויף אַלע מאַרקעס שײַנט דײַן פּנים
און איך, אין שאָטן, קעם דײַנע האָר.

ירושלים, 17טער מאַי, 1979

דער זינדיקער קאַרטאָפל=בוים

דער זינדיקער קאַרטאָפל=בוים,
וואָס וואַקסט אין סדום של מעלה,
צעוויגט די וואָרצלען איבער רוים
של מטה, וועלכע האַלט בײַם פאַלן.

דער זינדיקער קאַרטאָפל=בוים,
דער גרינער עץ התאווה,
האָט מיט אַ זיסן עפל=טרוים
צערייצט די מוטער חווה.

ווי קומט אַן עפל אויף אַ בוים
פון די קאַרטאָפל=סעדער?
אַז נישט קיין באַר און נישט קיין פלוים,
קיין פויגל און קיין פעדער

נישט וואַגן צוצוקומען וועט
צו חווהן אין איר מחנה
דאָס האָט דעם עפל אָנגערעדט
די שלאַנג, די באַבע יאַכנע.

דעם עפל האָט עס זיס געלאָקט,
צו חווהס ציין געצויגן
און מיטן ערשטן שפּראָץ אויף טאָג
די צווײַג אַראָפּגעבויגן.

דער עפל איז נישט ווײַט פון בוים
געפאַלן אין די גראָזן
ס'האָט חווהס זיסער עפל=טרוים
פאַרצויגן זיך מיט ראָזן.

און ווען זי האָט זיך נאָר געפּרוווט
דעם בורא פּרי צו זאָגן
האָט זיך אַ גרילצן אין דער לופט
דערהערט און זיך צעטראָגן.

און ס׳האָט די באַבע יאַכנע באַלד
געמאַכט אַ בייזע ברכה,
געוואָרן איז פון סאָד — אַ וואַלד,
אין וואַלד — אַ סומאַטאָכע.

קאַרטאָפל פון דער גאָרער וועלט
זיך אונטער דר׳ערד פאַראייניקט
און עפל פונעם עפל=פעלד
דעם הייליקן זיך אויסגעהייליקט.

נאָך אַ פרײַנד איז בייז געוואָרן

נאָך אַ פרײַנד איז בייז געוואָרן,
איז מיר גרינגער מיט אַ פרײַנד,
נאָך אַזוי פיל שווערע יאָרן,
יאָרן פינצטערע ביז הײַנט,
איז אַ פרײַנד מיר בייז געוואָרן,
איז מיר גרינגער מיט אַ פרײַנד.

כ׳ווייס, אַז קיינער וועט נישט גלייבן,
אַז אויך כבוד ווערט אַן עול,
ווערט אַ לאַסט, וואָס אויפצוהייבן
ווערט אַלץ שווערער וואָס אַ מאָל,
כ׳ווייס אַז קיינער וועט נישט גלייבן,
אַז אויך כבוד ווערט אַן עול.

לאָמיך אָבער אָפן זאָגן,
כ׳האָב קיין פרײַנד נאָך נישט געהאַט,
וואָס ער זאָל זיך נישט באַקלאָגן
שטענדיק אויפן צווייטן צד —
זאָלן שונאים דאָס פאַרמאָגן,
וואָס ער האָט פון מיר געהאַט.

ער, וואָס האָט געלויבט מײַן נאָמען,
האָט אויף מיר זיך נישט גערעכט,
אַז איך זאָל אים נישט דערמאָנען

אין מײַן ירלעכן באַריכט,
נישט דערמאָנען כ׳זאָל זײַן נאָמען,
זיך בפירוש נישט גערעכט.

כ׳האָב דערמאָנט דאָך די פאַרדינסטן
און וואָס יעדן איינעם פעלט.
כ׳האָב דערמאָנט די קנעכט און דינסטן,
וועלכע האַלטן ריין די וועלט,
ביזן פּאָדעם ביזן דינסטן
אין באַריכט נישט אויסגעפעלט.

נאָר מײַן פרײַנד איז אַ הורטאָוניק,
קויפט ער אַלץ, וואָס אים זיך גלוסט,
וויל ער זײַן אַ למד=וָוניק
מיט אַ נאָמען ווײַט באַוווּסט,
זאָג איך אים, אַ למד=וָוניק
און באַוווּסט, ס׳אַ גרויסער שטות.

נאָך אַ פרײַנד איז בײז געוואָרן,
איז מיר גרינגער מיט אַ פרײַנד,
נאָך אַזוי פיל שווערע יאָרן,
יאָרן פינצטערע ביז הײַנט,
איז אַ פרײַנד מיר בײז געוואָרן,
איז מיר גרינגער מיט אַ פרײַנד.

ירושלים, ווטער יאַנואַר, 1982

אייביקע וואַך

אייביקע וואַך

אברהם סוצקעווערן

איך האָב זיך פאַראַנקערט אין אַ בילד,
זיך צוגעבונדן צו אַ הויכן סטויג,
זיך ווי אַ הונט פון קייט געריסן ווילד,
זיך אָפּגעריסן און געלאָזט אַן אויג.

איז ווער זשע וועט מיר גלייבן איצט, מײַן גאָט,
בשעת איך שטיי דאָ מיטן קאָפּ אַרויף
און קוק דאָ אויף אַ הויכן הויז אין שטאָט,
אַז כ׳זע אַ סטויג דאָרט אין אַ גרויסן הויף?

און אַז איך זע דורך יענעם אויג אָט דאָ,
ווי דאָרט פאַרגנבעט זיך צום סטויג אַ פונק
און אויפן פאָן פון הימל וואָס איז בלאָ
סע שטרעקט דער סטויג אַרויס אַ רויטע צונג.

און אַז סע ברענט דער סטויג, ברענט אויך דער פלויט,
צעברענט דאָס הײַזל אינעם הויף זיך אויך
און מיטן לעבעדיקן פײַער קומט דער טויט
און גאָר דאָס לעבן גייט אַוועק מיט רויך.

דער סטויג האָט דאָרטן לאַנג שוין אָפּגעברענט,
ווי אויך דער פלויט, די ווענט און דאַך פון הויז,
נאָר איך זע אַלץ די אויסגעשטרעקטע הענט
פון די, וואָס זענען פונעם הויז אַרויס.

און מער קיין הויז נישט אויפגעבויט זיך דאָרט,
און מערער דאָרט נישט אויפגעשטעלט קיין סטויג,

דאָס אויג, וואָס כ'האָב געלאָזט אויף יענעם אָרט,
וועט וואַכן אייביק, אייביק בלײַבן אויג.

ירושלים, 6טער מאַי 1979

דער בייזער גײַסט

זײַן חומר — שפּיציקע פעלדזן גראַניטענע,
זײַן גײַסט איז אַ לשון פון ווערטער צעשניטענע,
זײַן פרייד — אַ יאַריד פון פאַרבן פאַרביטענע
און זאַלץ, וואָס שיט זיך אויף הערצער געליטענע.

זײַן גאַנג ווישט אָפּ שפּורן פון גאָט אויסגעטראָטענע,
זײַן טראָט ווי אַ שטיין אויף קערנער צעשאָטענע,
זײַן קומען — אַ פּחד פאַר פרוכטן געראָטענע,
וואָס ער דערקלערט זיי פאַר פרוכטן פאַרבאָטענע.

זײַן רום איז אַ כאָר פון לויבערס געדונגענע,
זײַן גלאַנץ איז ווי שפּליטערס פון בעכערס צעשפּרונגענע,
צעפלאַצטע געפילן היסטעריש צעקלונגענע
און ווײ טוען ווײ אים לידער געזונגענע.

ירושלים, מערץ, 1979

מיטן אויסמעקן

כ'ווייס, דו גייסט מײַן הויז צעוואַרפן,
אויפשטעלן פון דעם אַ נײַס.
מײַנע ציגל טוסטו דאַרפן,
וואָס דו האָסט זיי אָפּגעווײַסט,

אַז מע זאָל זיי נישט דערקענען
און נישט וויסן ווער און וואָס
און מײַן נאָמען ווילסט פאַרשעמען,
מאַכן נידעריק ווי גראָז.

גראָז וואָס קלײַבסט זיך צו צעטרעטן
מיט דײַן אומפאַרשעמטן טראָט,
פון די ציגל פון מײַן שטעטל
בויסטו דיר אַ הויז אין שטאָט.

מיינסט אַז מיטן איבערשטעלן
טיש און בעט, וואָס האָסט פאַרמישט,
מעגסטו שוין דײַן נאָמען שטעלן
אויף מײַן בעט און אויף מײַן טיש.

ס'וואַקסט אַ גאָרטן פון די זאָמען
פון מײַן מאַרך און פון מײַן קראַפט,
מיטן אויסמעקן מײַן נאָמען
האָט אויך דײַנער נישט קיין האַפט.

ירושלים, 24סטער אויגוסט, 1979

פאַר דײַנע אויגן

פאַר דײַנע אויגן שווינדל איך פאַרבײַ,
פאַר דײַנע אויגן פּאָך איך מיט צוויי פליגל,
וואָס כ'האָב זיי נישט און כ'פלי נישט סײַ ווי סײַ,
בשעת דו זעסט מיך פּאָכען מיט צוויי פליגל,
בשעת דו זעסט עס קלאָר ווי אין אַ שפּיגל.

זײַ מוחל מיר, ס'וועט בלײַבן נישט געדעקט
דער חוב, וואָס מיט מײַן נאָמען שרײַבסטו אונטער
און נישט דער מאָרגנדיקער טאָג מיך שרעקט,
דער טאָג פון צאָלונג, וואָס ער רוקט זיך אונטער,
נאָר דאָס וואָס מיינסט — איך בין דיר אַ בעל=וווּנדער.

איך בין עס נישט און זאָג דיר גאָרנישט צו
און דאָס וואָס שרײַבסט זיך אונטער מיט מײַן נאָמען,
האָט צוגערויבט בײַ מיר און נישט בײַ דיר די רו,
כאָטש דו, נישט איך, שרײַב אונטער מיט מײַן נאָמען
און גלייבסט, אַז איך וועל גובר זײַן, וועל קאָנען.

ירושלים, 8טער אויגוסט, 1981

דײַנע שורות

דײַנע שורות שנײַדן אין די אויגן,
טו איך אָן מיר אַ פּאָר זונענברילן.
וואָלט געווען אין זיי אַ רעגנבויגן
וואָלט איך אינעם בלאָ געקאָנט זיך שטילן,
פונעם רויטן פײַער אינעם בלאָ זיך קילן.

דײַנע שורות רײַסן אויף מײַן אויער
און זיי שרײַען איבער מײַנע נויטן.
וואָלט אין זיי געווען אַ טראָפּן טרויער,
וואָלטן נישט געפּלאַצט די זיבן הויטן
אויף מײַן לײַב מיט ברענענדיקע קנויטן.

דײַנע שורות בליצן אין די טאַצן,
אַז עס קאָן די גאַל, חלילה, פּלאַצן.

די ווערטער — איינס צום אַנדערן

די ווערטער — איינס צום אַנדערן קאַלט
און צונויפגעבונדענע מיט געוואַלט,
די שורות — איינס מיטן אַנדערן פרעמד
פאַרקליידטע, פאַרפעלצטע און דאָך פאַרשעמט
ווי נאַקעטע צווישן פרעמדע לײַט.
דער קלאַנג איז דאָ, דער באַטײַט ערגעץ ווײַט.
דער פאָדעם, וואָס ציט זיך קרום און פאַרדרייט,
האָט אַלע ווערטער אויף שטום פאַרנייט
און וויל שוין אַ וואָרט נישט בלײַבן שטום,
צעשרײַט עס זיך ווי אַ היסטערישער בעל מום.

ירושלים, אַפּריל, 1979

אמת

אמת, אמת, אמת,
הער איך טאָג ווי נאַכט,

קומט אָבער צום אמת,
איז ער אויסגעטראַכט.

איז ער נישט געשטויגן
ביי דער שיַין פון טאָג
און ער ווערט געוויגן
אויף אַ פאַלשער וואָג.

און ער ווערט געמאָסטן
מיט אַ פאַלשער מאָס,
כאָטש מע לאָזט זיך קאָסטן,
איז ער דאָך נישט דאָס.

פאַר אַ פראָסט שטיק אײַזן
צאָלט מען ווי פאַר גאָלד,
לויט די העכסטע פרײַזן
ווערט ער אָפּגעצאָלט.

אמת, אמת, אמת,
הער איך טאָג ווי נאַכט,
קומט אָבער צום אמת,
איז ער אויסגעטראַכט.

אויסגעטראַכט איז אמת?
צוגעטראַכט איז וואָר?
מעג מען פון אַ רמז,
קען מען פון אַ האָר,

אויפבויען אַ בנין,
אויפשטעלן אַ הויז,
אויפזאַמלען אַ מנין,
זאָגן, ס׳איז אַ קלויז?

איז די וואָר אַן אמת?
איז דער אמת וואָר?
איז די וואָר באמת
דאָס, וואָס רופט זיך וואָר?

אמת, אמת, אמת...

טשערנאָוויץ, 1967

דער שמאָלער שוסטער

דער שמאָלער שוסטער נייט נאָר שמאָלע שיך
פֿאַר מענער נאָר און נאָר אַן איין און פֿערציק,
אַזעלכע שיך נאָר נייט ער אויף פֿאַר זיך,
זיי קוועטשן אים, אויב זײַן שוין אָפּנהערציק.

און אויב אַ פֿוס — דאָס טרעפֿט אויף יעדן שפּאַן —
איז קלענער, גרעסער, ברייטער אָדער שמאָלער,
איז לייקנט ער — אַ ליגן, נישט פֿאַראַן
קיין אַנדער מאָס גאָר אויף דער וועלט דער גאָרער.

דער שוסטער איז אַ משל צו אַ דיכטער, וועלכער איז
געקומען ווי אַ שוסטער מיר צו חלום.
דערפֿאַר האָב איך אַרײַנגעשטעלט די מאָס פֿון שיך און פֿיס
און זאָגט נישט, אַז איך שרײַב נישט קיין משלים.

ירושלים, אַפּריל, 1979

די שותּפֿים

די שותּפֿים גייען מיר נאָך פֿוסטריט,
די אויגן בײַ זיי זענען הונגעריק=ליידיק,
זיי וואַרטן ביז איך ענדיק אַ ליד
און נאָך דעם קומט מען מאָנען חלק.

די שותּפֿים, וואָס זענען געווען אַט ערשט
די שעפּער פֿון אויפֿגעבלאָזענע ווערטן
און אויף דער פֿרײַיהײַט פֿון שאַפֿן געהערשט,
זיי ווייגען אַצינד אויפֿן רום דעם צעשטערטן.

און נישט קיין שׂריפה האָט פֿאַרלענדט
דאָס האָב און גוטס פֿון זייער פֿאַרמעגן
און נישט אַזוי גיך האָט די וועלט דערקענט
דעם שווינדל פֿון זייערע פֿאַרדרייטע וועגן.

און ווען זיי האָבן פּלוצים דערזען
די פֿלייצעס פֿון טרײַע ייִדישע לייענער
און ערגעץ ווײַטער פֿון זיי אַ טריט צען
זיך זאַמלט נאָך אַ מנין אַ קלענער

אַרום אַ לעצט און ברענענדיק ליכט,
איז האָט מען געאײַלט מיט טרייפֿענעם חלב
עס גרעבער צו מאַכן מיט נאָך אַ שיכט
און זאָל עס ווידער פֿלאַקערן פֿריילעך.

סכנות נפֿשות. דאָס טרייפֿענע שמאַלץ
פֿאַרלעשן קאָן אויך דעם רעגנבויגן,
איז זײַט זשע מיר מוחל דאָס ביסעלע זאַלץ,
וואָס כ׳האָב נישט געשיט אין די זשעדנע אויגן.

ירושלים, דער 20סטער מאַי, 1979

דאָס צענטע לידערבוך ליגט אָפֿן

דאָס צענטע לידערבוך צעעפֿנט.
מײַן גאָט, וואָס איז מיט מיר אַצינד?
צי קאָן קיין איינציק ליד ניט טרעפֿן?
צי זענען אַלע בילדער בלינד?

ווו איז דער קאַרוסעל פֿון פֿאַרבן?
ווו איז דער כּישוף פֿון געזאַנג?
צי קאָנען לידער אויבעט שטאַרבן?
צי איז מײַן חוש הטעם קראַנק?

צי איז מײַן האַרץ-אָן מיר געשטאָרבן
אַ פֿראָסטן טויט? צי איז עס מאָרד?

עס ווערט אין מיר מײַן האַרץ באַגראָבן
און אָן אַ קלאָג, אַ טרויערוואָרט.

דאָס צענטע לידערבוך ליגט אָפן,
די אויגן קלעפּן זיך, ס'איז שפּעט,
דו זאָלסט מיך פֿאַר די רייד ניט שטראָפֿן,
מײַן גאָט, וואָס כ'האָב דאָ אָנגערעדט.

ירושלים, דעצעמבער, 1978

די קרוין פֿון אײַזן

דער הימל האָט מיר אָנגעטאָן אַ קרוין פֿון אַ פֿוד אײַזן.
בין איך אַרויס אין גאַס פֿאַר בלינדע זיך באַווײַזן
און ווען איך האָב געזען, אַז קיינער וויל נישט קוקן
און קיינער וויל זיך צו מײַן קרוין נישט בוקן,
האָב איך אַ כאַפּ געטאָן די קרוין בײַ די סאַמע הערנער
און אָפּגעטראָגן זי צו מײַן חבר יאָסל לערנער,
האָט ער זי פֿון די הענט גלײַך פֿאַר מײַנע אויגן
אַראָפּגעלאָזט, ווײַל זי האָט, ווי געזאָגט, אַ פֿוד געוויגן
און גלײַך געווענדעט זיך צו אַנדערע פּאָעטן
און פֿרויקע רויטמאַן צו דער קרוין פֿאַרבעטן,
ער זאָל זי אויפֿהייבן פֿריער אויף די אַקסל
און נאָך דעם אויפֿן קאָפּ, וועט ער העכער וואַקסן.
האָט ער אַרויסגערוקט אַ טענה, קאָן זײַן, אַז אַ גערעכטע —
דאָס אײַזן איז קיין אײַזן נישט, די קרוין איז נישט קיין עכטע.
דאָ האָבן מיר שוין אַלע דרײַ טשערנאָוויצער שרײַבער
אין דער היים באַראָטן זיך מיט די קלוגע ווײַבער
און ס'האָבן אונדז די ווײַבער אונדזערע געראָטן
די קרוין צו לאָזן ליגן און זיך ניצן מיט איר שאָטן.
סע ווערט פֿון איר דער קאָפּ נישט שווערער אויף קיין האָר נישט
ווײַל אײַזן צי נישט אײַזן, דער שאָטן וועגט נישט גאָרנישט.
וואָלט שיין געווען דאָך, פֿײַן און גוט, אַזוי צו זאָגן,
ווען ס'וואָלט די קרוין די שווערע שאָטנס דרײַ פֿאַרמאָגן.

ירושלים, 1979

דער זקן משה

דער זקן משה שטייט אויף פון געלעגער,
ווו ער איז אַ וואַכער געלעגן,
דער זקן משה, דער אייביקער פרעגער
איז מיד שוין געוואָרן פון פרעגן.

און איצט וואָס טוט מען? פרעגט ער ווידער
און מישט די בלעטלעך מיט ציטער,
די כתבים זײַנע, פאַראַן אויך לידער,
ער לייענט, אַנטציקט זיך און שמייכלט ביטער.

און אָט איז די ערשטע שורה פראָזע,
אַ דין פאַראַקערטע מעזשע.
אַ מעשה — אַ דאָרף שלאָגט זיך מיט קאָסעס —
ווערמעזשע צי מעדוועזשע?

אַ שלאַכט פאַרן איינציקן וואָרט — דער נאָמען
פון דאָרף מיט אַנאַלפאַבעטן
און איבער דער שלאַכט דער גײַסט פון המן,
וואָס קוקט מיט פאָגראָם צום שטעטל.

"די ווינער קאַרעטע" ליגט צעבראָכן.
— גערעדנקסטו ווי שטאָלץ זי איז אָנגעפאָרן?
ווער ווינט אַצינד אינעם הויז פונעם שכן
און וואָס איז פון מלמדס שטוב געוואָרן?

אין שטוב, אין גאַס און אויף די וועגן,
ער הערט נישט אויף זײַנע פראַגעס צו וועבן,
ער וועט נאָך לאַנג נישט אויפהערן פרעגן
און אַלע ענטפערס איבערלעבן

ביז וואַן סע וועט בלײַבן אַן איינציקע פראַגע
אַ נישט פאַרענטפערטע פון קיינעם,
וואָס ער האָט געבראַכט פון סאָוועטישן לאַגער,
זי אויסגעהיט פון חברים און שכנים.

זי אויסגעהיט פון פרײַנד און משפחה,
פּאַר זיך אַליין בסוד זי געהאַלטן
די שווערע פּראַגע, דעם קאָפּ זיך געבראָכן,
וואָס ווערט אים אין שלאָפלאָזע נעבעך צעשפּאַלטן.

— כ׳האָב אָנגעהויבן, זאָגט ער, מיט חלום
און אָפּגעהאַרעוועט אַ לעבן,
אים אויסצובויען און ווײַטער אים מאָלן
און זע: איך שטיי אויפן אָרט אויפן זעלבן.

און ווידער הבל, דער זאַטער רשע,
און ווידער קין, דער דאַרער מערדער,
און איך האָב געהעלדעוועט מיט לשון,
משיחן ברענגען געוואָלט מיט ווערטער.

ס׳אַ וועלט מיט זינד און מיט פאַלשע צדיקים,
ס׳דערגייט צו מײַן טויבן אויער אַ רוישן —
דעם רשע אין זיך, צי האָב איך דערשטיקט אים
ווי משה רבינו, דער ערשטער משה?

אַזוי צי אַזוי.. יתגדל ויתקדש,
אַ קדיש נאָך זיך אַליין לאָזט מיך זאָגן,
מע וועט מיך מקבר זײַן אום שבת,
מע וועט מיך אין גוישן פעלד באַגראָבן,
איז לאָזט מיך בײַם לעבן אַליין זיך באַקלאָגן,
אַ קדיש נאָך זיך אַליין לאָזט מיך זאָגן:
יתגדל ויתקדש — —

ירושלים, דער 29סטער נאָוועמבער, 1981

מאָטל סאַקציער:

אַ ווײַסער וואָלקן אויפן הימל האָט
ווי מילעך אויפן פלאַם זיך אויפגעהויבן,
אַ ווײַסער רעגן איז איבער דער שטאָט
אַראָפּ מיט רויש און נאַס געמאַכט די שטויבן

און נאָכן רעגן, ס'איז געווען פאַר נאַכט,
בין איך מיט דיר אַרויס ווי יענע יאָרן,
מיר האָבן ווידער אַזוי יונג געלאַכט,
ווי ס'לאַכט אַקעגן אונדז אַצינד דאָס יונגע פאָרל.

דו רופסט מיך אַלץ ווי דעמלט סאַקציער,
כאָטש מאָטל רופן מיך אפילו פרעמדע,
אויך מאָטעלע מיך רופט נאָך עמעץ=ווער
ביים אַלטן יוגנט=נאָמען אומפאַרענדערט.

און דו בלייבסט סויקעלע ביז הונדערט צוואַנציק יאָר,
אויך ווען דו וועסט מיט גליק אַ באָבע ווערן,
מיר זענען ביידע דאָך פון גאָט אַ פּאָר
און ביידע קוקן מיר בשותפות צו די שטערן.

נאָר ווי מע זאָל נישט רופן אונדז, איך טראַכט,
ס'איז נאָכן רעגן פונקט ווי יענע יאָרן,
מיר לאַכן איינס צום צווייטן, ווי סע לאַכט
אַצינד אַקעגן אונדז דאָס יונגע פאָרל.

איך לייען דיר יענע לידער, וואָס איך האָב
געזאָלט דיר דעמלט לייענען בעתן קושן,
געווען איז יונג, מיט לידער פול, מיין קאָפּ,
נאָר נישט געוואַגט דאָס יונגע האַרץ און פול מיט בושה.

און נאָך עפּעס, דער עיקר, איך האָב נאָך
נישט אויפגעשריבן דעמלט יענע לידער,
כ'האָב אָנגעשריבן זיי ערשט יענע וואָך
מיט אַלטער טינט אויף אַלט פּאַפּיר און דאָך
איך לייען זיי דיר אַצינד און קוש דיך ווידער.

דער יונגער סאָנעטן=דיכטער.

פון מיינעט ווען האָט גענומען פורעמען סאָנעטן
פּעטראַרקע נאָך מיט אַזוי פיל יאָרן פריר
און נאָך דעם האָבן גאַנצע דורות פון פּאָעטן
צו מיר אַרויפגעבויט זיי, צו מיר, צו מיר, צו מיר.

און אַז איך בין אַוועק אין קאָסמישע העט=העטן,
האָב איך צו די גאַלאַקסן מיטגעבראַכט מיט זיך
מײַן רום אין גרויסן דרויסן, אַ גאַנצן קראַנץ סאָנעטן,
אַ קלינגענדיקן נאָמען און אַ גרויסן=גרויסן איך.

און וואָס מיך טרײַבט אַרײַן סײַ דאָ, סײַ דאָרט אין טרויער
און וואָס סע ערגערט מיך און אַלץ, וואָס איך באַדויער —
סע ווייסט נאָך נישט דאָס פאָלק, ווי באַרימט איך בין.

אָט שטיי איך אויף מײַן גאַנעק פאַרפּאַנצערט און פאַרקאָוועט
און וואַרט, דאָס פאָלק זאָל קומען און קרוינען מיך מיט כבוד,
וואָס קומט מיר מער פון אַלעמען, וואָס איך האָב עס פאַרדינט.

מ. מ. שאַפּיר:

איר לאַכט פון "קאַשע מיט מאָן"
און איך האָב עס אויסגעמישט
ווען איר זענט אויבן אָן
געזעסן בײַ מײַן טיש.

און איר האָט נישט געוווּסט
מיט וואָס איר האָט זיך געקוויקט
און איר האָט אַ וואָרט געזוכט
צו געבן אַ נאָמען דעם גליק.

און איך האָב (דער שאָצער יאָלד)
געזאָגט: ס׳איז קאַשע מיט מאָן.
איך ווייס, איר וואָלט טײַערער געצאָלט,
ווען כ׳רוף עס אַנדערש אָן.

נאָר כ׳זוך נישט אײַער געצאָלטס,
איך וועל אָן דעם זיך באַגיין
און האַק מיט אײַך ווידער האָלץ,
ביז וואַנען איר וועט עס פאַרשטיין,
ביז וואַנען איר וועט דעם מיין
פון קאַשע מיט מאָן פאַרשטיין.

דער עקשן

האַרבקייט, האַרטקייט, אײַנגעשפּאַרטקייט,
ס׳איז פאַרקרעמפּעוועט מײַן פויסט,
כ׳האָב אַזאַ אַהער געבראַכט אים,
כ׳לאָז קיין פינגער נישט אַרויס.

ס׳איז די זעלבע צײַט, וואָס נעכטן,
אייערנעכטן, יענע וואָך,
כ׳בין אַרויס פון די געפּעכטן
און אַרײַן, דאָס זעט איר דאָך.

כ׳שווים אין שלאָבט און לייג די קלאַפּטער
מיטן פויסט מײַנעם אויך הײַנט,
כ׳האָב זיך אײַנגעקויפט שוין מפטיר
בײַ די סאַמע בעסטע פרײַנד.

און איך ענדער נישט מײַן טבע,
און איך בײַט אויך נישט מײַן הויט,
און איך שיט אויך זאַלץ און פעפער
אויף מײַן אייגן שטיקל ברויט.

און איך קריץ די ציין בײַם קײַען,
שלינג און זינג מיר מײַן געזאַנג
און איך האַלט אין איין באַפרײַען
די באַפרײַטע שוין פון לאַנג.

און צום טײַוול אַלע געטער,
גאָט איז איינער אויף דער וועלט,
כ׳וויל נישט וויסן, ווען איך קלעטער,
ווער דעם לייטער ס׳האָט געשטעלט.

ווער עס האָט אים צוגעפּעסטיקט
צו דעם הימל=שפּיץ פאַר טאָג
און די ערד מיט אים באַלעסטיקט
אויסצוהאַלטן אַזאַ וואָג.

כ׳בין געקראָכן אָן צו וועלן
וויסן ווער און ווען און וואָס,
ווו אַ פעסטן טראָט צו שטעלן,
ווו ס׳איז שטיין און ווו ס׳איז גראָז.

צי מײַן שליחות איז געענדיקט,
צי זי ציט זיך אָן אַ סוף
און איך וויל נישט און איך קען נישט
נישט אַראָפּ און נישט אַרויף.

ירושלים, 1980

בין גרייט

בין גרייט אַיעדן גוטן פרײַנד
צו זײַן אַ פרײַנד אַ גוטער
און ווען איך זע, זײַן פּנים שײַנט,
צעגייט זיך מײַנס ווי פּוטער.

נאָר ווען מיר דאַכט זיך בלויז, אַז קרום
ער קוקט אויף מיר, מיך שנײַדט בײַם האַרצן
און ווי אַן אבל גיי איך אום,
וואָס זעט די גאַנצע וועלט אין שוואַרצן.

אויף יעדן טריט און שריט אַ שניט
דערפיל איך טיף ביז צו דער לעבער
און ווי אַ שלאַנג, מײַן פּען אין ליד,
זיך וואַרפט און שילדערט דעם באַגרעבער.

צי האָב איך ליב דעם העלד, דאָס בילד,
וואָס כ׳שילדער מיט די ביינער, שטיינער,
איך ווייס עס נישט, נאָר הייס און ווילד
כ׳האָב ליב דעם לעבעדיקן לייענער.

ירושלים, 10טער דעצעמבער, 1981

ווידמונג

פאַר רבקה קאָפּע

פון דייַנע שורות פּרוּוו איך אויסשנייַדן דייַן פּנים
און פּרוּוו פון זייער ניגון אויפהייבן דייַן קול.
איך ווייס אַז אַלע דיכטער האָבן דיכטער=שונאים
און זעלטן=ווען אַ פרייַנד (דאָס טרעפט זיך אויך אַ מאָל).

איך שרייַב די ווידמונג דיר פון מאָדנע ווערטער,
פון רעכטס אויף לינקס שטעל איך זיי צונויף,
מיר ווינען אין צוויי ווייַטע איינס פון צווייטן ערטער
און זענען שכנים פונעם זעלבן הויף.

מיר קומען איינס צום צווייטן אויף באַזוכן,
ירושלים רוט.סע ווילדעוועט פּאַריז.
מיר לאָזן נישט גערירט דעם כּיבוד=קוכן,
די פרייַנדשאַפט נישט צו שטערן מיט קיין זיס.

מיר לאָזן נישט גערירט דעם גאַנצן כּיבוד —
די עפּל און די טייטלען, די פייַגן און די ניס
און לאָזן נישט קיין רגע גיין לאיבוד.
ירושלים רוט.סע ווילדעוועט פּאַריז.

ירושלים, נאָוועמבער, 1979

צווייטער בריוו צו ל. מילער

און ווידער אַ בריוו און ווידער צו דיר —
מע זאָגט, כ'האָב פאַרשוועכט די אייביקייט
דערמיט, וואָס כ'האָב אָנגעשריבן אַ שיר
השירים דער מיטלמעסיקייט.

און נישט נאָר מע זאָגט, נאָר שוואַרץ אויף ווייַס
עס אָפּגעדרוקט אין די בלעטער.
איך לייען און קוק זיך צו, ווי מע רייַסט

זיך איבער אַ פּלאַץ אויף שפּעטער.

אויף איבער הונדערט מיט צוואַנציק יאָר
פאַרגרייט מען זיך פּיראַמידעס
און קוקט מען זיך צו, דערמאָנט עס נאָר
די פּרעהס און זייערע מידות.

מיר שווימען דאָך אַלע אויף דער שיף
דער זעלבער איבער תהומען און טיפן
און ס'לויערט די טיף אויף אונדזער שיף
און מער ווי אויף אַנדערע שיפן.

צו וואָס דער געראַנגל און דאָס געשלעג
אַרום דעם רודער אויבן —
פאַרמאַכט נישט די אויגן אין מיטן וועג,
זאָל קיינער נישט שפּילן דעם טויבן.

נאָר קוקט אַראָפּ צום וואַסערלאָך,
נישט דער וואָס בײַם ראָד דער רונדער
וועט ראַטעווען די שיף פונעם בראָך,
נאָר דער וואָס טונקט זיך אונטער.

כ'געדענק — איך בין אַ יינגל געווען,
געמיינט, אַז איך בין דער ערשטער,
וואָס האָט די אייביקייט דערזען
אויף גראָזן אויף מאַרקולעשטער.

און אָט האָב איך איין מאָל אין אַ בוך
געלייענט דײַנע טעניס=לידער
און איך האָב דאָס ערשטע מאָל פאַרזוכט
דעם טעם פון וואָרט אין זײַן ציטער.

עס האָט זיך געקײַקלט ווי אַ באָל,
געמאַכט אין דער לופט אַ בויגן
און דאָס איז געווען גענוג סע זאָל
דערפרייען מײַנע אויגן.

איז ווי זשע ווערט מען עס אַזוי קלוג
בײַם טרינקען ווײַן אויף דער עלטער
אַרײַנצושפּײַען אין דעם וואַסער פון קרוג,
וואָס שטראָמט פון אַ קוואַלן=קעלטער.

באַהיט מיך, גאָט, פון אַזאַ מין זינד,
פון טאַדלען אַ דיכטערס אַ לויבער,
איך קאָן דאָך דערמיט פאַרשעמען דאָס קינד,
וואָס ער האָט אַ מאָל באַצויבערט.

און דאָס איז אַלץ. איך ענדיק דאָ
און בעט בײַ דיר מחילה,
וואָס איך האָב צעשטערט דאָס שטילע גראָ
פון דײַן גן עדן צווישן די שטילע.

ירושלים, סעפּטעמבער, 1979

קלאָרקייט

1

קלאָרקייט איז ווונדער, איז פולער געניוס,
קלאָרקייט איז רײַפקייט — אַ פולע נוס,
ריר אָן די שאָלעכץ אין סאַמע ברוסט,
עפנט די נוס זיך און אַלץ איז באַוווּסט.
קלאָרקייט איז שלמות איז מאה אחוז.

קלאָרקייט איז אָפן — אַן אָפענע קאָרט,
קלאָרע דיבורים, אַ וואָרט איז אַ וואָרט
אויסגעשליפן און אויסגעקלאָרט,
אויבן איז אויבן און דאָרט איז דאָרט.
קלאָרקייט — אַ שליסל צו יעדער אָרט.

אויב סע טרעפט אַ נעפל אַ מאָל
און אַ הייזעריק ווייטיקדיק קול
שרײַט פון שפּיטאָל, פון פאַרנעפּלטן טאָל,
לײַטערט דער טאָל זיך אויס מיט אַ מאָל,

לײַטערט זיך אויס אויך דעם קראַנקנס קול,
שטייט דער שפּיטאָל ווי אַ שלאָס פֿון קרישטאָל.

קלאָרקייט איז היילונג, איז וואַרעמע וואָל.

ירושלים, 8טער אויגוסט, 1979

2

ווי שאַרף. ווי קלאָר. ביז ווייטיק קלאָר.
דער ווייטיק לאָזט די אויגן נישט פֿאַרמאַכן
כאָטש אויף אַ קליינער רגע נאָר,
סע באָדן זיך אין קלאָרקייט אַלע זאַכן
און טויכן אויף נאָך מערער קלאָר,
נישטאָ ווו צו אַנטרינען פֿון דער וואָר.

די קלאָרקייט רײַסט אַראָפּ פֿון דער הויט דאָס קלייד,
די קלאָרקייט רײַסט אַראָפּ פֿון לײַב די הויטן
און ס'רינען בלוטן אָפּגעדעקטערהייט
און ביין און פֿלייש באַגיסן זיך מיט רויטן
און קלאָר דער טויט אונדז פֿאַר די אויגן שטייט
און דאָך אַזוי איז קלאָרקייט פֿרייד.

ירושלים, 20סטער אַפּריל, 1980

מיר נעמען אַרום

מיר נעמען אַרום דעם ים מיט אַ בויגן,
דער אין=סוף דערנענטערט דעם ים צו די אויגן
און אונדזערע אומרוען ווערן אַנטשלאָפֿן
אויף כוואַליעס, וואָס וויגן אַהער זיך פֿון צפֿון.

די כוואַליעס שווימען ווי שיפֿלעך און שיפֿן
און שלעפֿן מיט זיך פֿון דער ווײַטן די טיפֿן,
די משא איז אונטן און אויבן — דאָס רוישן,

ס'איז אויבן דער שוים און אונטן — די קווישן.

מיט פיש און מיט שליים און בלאָטעס מיט רויגן,
די ווינטן ברענגען דאָס גוטס צו די אויגן
און פירן אַוועק עס פון דאַנען אַלץ ווײַטער —
עס האָט זיך דער הימל אין ים אויסגעלײַטערט.

די זון אין דער ווײַט האָט זיך אָנגעהויבן זעצן,
מיר נעמען צונויף דעם בויגן ווי נעצן,
מיר טרייסלען אַרויס פון די נעצן די טראָפּנס
און טרעפן אין דר'היים — אַ חלום צוקאָפּנס.

ירושלים, אַפּריל, 1979

ווי אַ רויבער

אַ ליד איז מיך באַפאַלן ווי אַ רויבער,
בײַם האַלדז מיך אָנגעכאַפּט, אַרויסגעשלעפּט די צונג,
געטענהט שטרענג: ביסט דאָך נישט קיין טויבער,
קיין שטומער נישט, איז טו, מײַן קינד, אַ זונג.

אַרויס איז פון מײַן האַלדז מיר מאָדנע קלאַנגען
און מאָדנע ווערטער, וואָס נאָך נישט געהערט
און אָט אַזוי אין זײַנע הענט געפאַנגען
איך האָב געזונגען און זיך נישט געוווערט.

ביז וואַן די קלאַנגען האָבן זיך געלאָשן
איז באַלד דאָס ליד, דער רויבער, אויך געוואָרן שוואַך
און אַלע ווערטער פונעם מאָדנעם לשון
זיי האָבן אויך שוין נישט געזאָגט קיין סך.

ווײַל נישט געוווערט כ'האָב זיך מיטן באַצווינגער
און נישט פאַרשווענדט די כוחות אויף געשלעג,
איז ער געבליבן ליגן נעבן זינגער,
וואָס איז פון אים אַוועק זײַן אייגענעם וועג.

ירושלים, פעברואַר, 1979

אַלטע אָנגעהויבענע לידער

אַלטע אָנגעהויבענע לידער,
איבערגעריסענע געשרייען
כאַפּן זיך אויף און שרײַען ווידער,
ווידערגעשרייען פון אַלטע ווייען.

שפּרינג איך אַראָפּ פון בעט צום טיש,
זיץ איבער לידערשטיקער פון נעכטן,
כ'האַלט אַ וואָרט ווי אַ גאָלדן פישל,
כ'וויל די שטיקער צוזאַמענפלעכטן.

שרײַען און רײַסן זיי זיך פון די הענט מיר,
שרײַען אַריבער דאָס שטילע פישל,
רײַסט זיך דאָס פישל ווי פון אַ ווענדטקע,
שפּרינגט אַרײַן אין אַ טרוקענער שיסל.

אַלטע אָנגעהויבענע לידער,
לידער פון נעכטן, פון הײַנט און פון שטענדיק
בלײַבן אָנגעהויבענע לידער,
בלײַבן אַזוי שוין נישט געענדיקט.

ירושלים, נאָוועמבער, 1979

כ'וויל פאַר דײַן הנאה וועגן

כ'וויל פאַר דײַן הנאה וועגן
אויסשמידן אַזאַ מין ליד,
אַז דו זאָלסט נישט דאַרפן פרעגן,
וואָס דער שרײַבער מיינט דערמיט.

זאָלסט עס קאָנען מיט זיך טראָגן
ווי אַ זייגער אויף דער האַנט.
ווען די גוטע שעה וועט שלאָגן,
זאָלסטו עפענען דעם באַנד.

און אויף יעדן בלאַט עס טרעפן,
עס דערקענען לויטן קול,
ווען דו טוסט דעם באַנד אַן עפן
נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל.

זאָל פון יעדער זײַט באַזונדער
דיר אַ שפּיל טאָן מיט געזאַנג,
זאָל אַ זינג טאָן דיר דער װוּנדער,
וואָס ער מאָלט דיר אויס דעם קלאַנג.

זאָל עס דיר אין גליק דערמאַנען,
זאָל דיר ווערן זיס און גוט,
זאָלן אַלע גוטע טעַמען
זיך צעזינגען אין דײַן בלוט.

אויב דאָס שמידן וועט געלינגען
וועט עס אויך פאַר מיר, דעם שמיד,
זײַן דאָס גליק, דאָס גליק פון זינגען,
וואָס סע זינגט אַרויס פון ליד.

ירושלים, 2טער מערץ, 1980

לייוויק פילט נישט

לייוויק פילט נישט, אַז איך לייען איצט זײַנע לידער,
לייוויק איז געשטאָרבן און אָן אים איצט לייען איך זיי.
וויפל זענען מיר געוועזן? דרײַצן גוטע=ברידער,
זענען מיר געבליבן זיבן, זעקס און איצטער צוויי.

איינער איך, פאַרשטייט זיך, און דער צווייטער —
וואָס איז מיר דער חילוק, ווער דער צווייטער איז —
דאָ איז דאָס לאַנד פון פאָטער יעקבס לייטער,
נישט ניו=יאָרק און אַוואַדע נישט פּאַריז.

און ווער וואַגט עס הײַנט נאָך וואַרשע צו דערמאָנען
אָן אַן איכה=ניגון נאָך איר קינד און קייט

און ווער וואַגט עס ווילנע אָנרופן בײַם נאָמען
אָן אַ קדיש זאָגן נאָך איר יידישקייט.

בײַ דעם ברעג פון ירדן זינגט מען אויס דעם טרויער
פון די הונדערט בבלס אויף דער גאָרער וועלט,
ביז סע עפנט זיך פון זיך אַליין אַ טויער
און די לייטער יעקבס שטייט אַוועקגעשטעלט.

יעקבס לייטער ביז צום הימל הויכן,
דאַרף מען דאָך קיין בבל=טורעם נישט,
סײַ ווי איז דער טורעם שוין פון לאַנג אַ שוכן
עפר און די לייטער שטייט זיך יונג און פריש.

און אויף אָט דער לייטער, אויף די לייטער=טרעפּלעך
שטײַגן די מלאכים, שטײַגן אויף און אָפּ
און זיי פּינטלען פּײַער מיט די אויגן=לעפּלעך
און דאָס פּײַער לאָזן זיי אויף דער ערד אַראָפּ.

און בײַ אָט דעם פּײַער לייען איך לייוויקס לידער,
און בײַ אָט דעם פּײַער זע איך ווי דער שניי
פון די ווײַטע=ווײַטע וועגן די סיבירער
ווערט צעגאַנגען אין די לידער, נו איז לייען איך זיי.

ירושלים, 4טער אָקטאָבער, 1981

קלאָג זיך נישט

קלאָג זיך נישט, דיכטער, אויף קיינעם
און אויך נישט אויף די, וואָס אַליין
זיי לעבן זיך אויס און זיי מיינען,
זיי קאָנען אָן דיר זיך באַגיין.

און אויך נישט אויף די, וועלכע דראָען
דײַן נאָמען צו מאַכן צו נישט
און האָבן אַ וויסטע הנאה
צו זען, אַז דו פעלסט בײַם טיש.

און זיי — אָט די וויסטע קראָען,
זיי וועלן דאָך סוף סוף פֿאַרשטיין —
אָן דיר איז נישטאָ קיין הנאה
פֿון דעם, וואָס איז אמתדיק שיין.

ל. אַנדזשעלעס, 13טער אַפּריל, 1981

די תּפֿילה פֿון פּאָעטן

צינד מיר אָן דעם קאָפּ מיט ווערטער
און זאָל פּלאַקערן אַ ליד,
ס׳האָט אַ קלאַנג אַ ווײַט=געהערטער
זיך די פֿליגל אָפּגעבריט
בײַ דעם פֿײַער פֿונעם ליד.

צינד מיר אָן דאָס אויג מיט פֿאַרבן
און זאָל אויפֿפֿלאַמען אַ בילד,
ס׳האָט אַ קראַנקער ביז צום שטאַרבן
אין אַ טאַנץ געלאָזט זיך ווילד
אינעם רעמל פֿונעם בילד.

צינד מיר אָן אַ וואַלד אין אויער
און זאָל דונערן אַ שלאַכט.
ס׳האָט די קיניגין אין טרויער
שבֿעה זיך געזעצט בײַ נאַכט
נאָכן זיג און נאָך דער שלאַכט.

צינד מיר אָן דאָס האַרץ, די בלוטן
אין די אָדערן פֿון גוף,
כ׳האָב פֿאַרטריבן דעם נישט=גוטן
און געקומען אויף דײַן רוף
מיט מײַן ברענענדיקן גוף.

איצטער וויל איך קניען, בעטן —
צינד נישט מערער אָן קיין זאַך,
ווײַל די תּפֿילה פֿון פּאָעטן

איז אַ זאַך פון זייער פאַך,
צינד נישט מערער אָן קיין זאַך.

ירושלים, אַפּריל, 1979

כ׳וועל אַזוי שוין

כ׳וועל אַזוי שוין דיכטן אָן אַ סוף,
ביז דער סוף פון אָן־אַ־סוף וועט קומען
און קיין חילוק צווישן טויט און שלאָף
וועט נישט פילן מײַן פאַרשטײַפטער גומען.

סוף כל סוף האָב איך דאָך פריער געוווּסט
אויסנווייניק אַלע קלוגע זאַכן —
אַז אויף יענער זײַט פון באַרג איז נאָענט־נאָנט
דאָס וואָס נאָענט איז אויף גלײַכע שליאַכן.

סוף כל סוף האָב איך דאָך פריער געדאַרפט
הערן, וואָס דאָס מידע האַרץ זאָגט אונטער,
אַז די שײַן, וואָס שײַנט צו זײַן נאָך שאַרף,
שײַנט (און צאַנקט), ווי ווען די זון גייט אונטער.

ווייס איך עס און דיכטע אָן אַ סוף
און איך וועל נישט אויפהערן צו דיכטן,
ביז עס וועלן קומען טויט צי שלאָף
מיטן לעצטן ליד דעם אומגעריכטן.

ירושלים, מערץ, 1979

נאָכן ענדיקן דאָס ליד

נאָכן ענדיקן דאָס ליד
בלײַב אין ליד, אין זיך פאַרזונקען,
בלײַב אין אַש אַ פונק, פאַרהיט
אויך דאָס אַש, וואָס היט די פונקען.

נאָכן ענדיקן דאָס ליד
קער זיך צו דער ערשטער שורה,
זאָל נישט בלײַבן דײַן געמיט
נאָך דער שלאַכט אַ העלד אָן גבורה.

נאָכן ענדיקן דאָס ליד
הייב עס אָן אויף ס'נײַ, דאָס זעלבע,
אויף די פעלדער נאָכן שניט
אַקערט מען די זעלבע פעלדער.

נאָכן ענדיקן דאָס ליד
בלײַב אין ליד, בלײַב אין ליד.

ירושלים, 3טער מערץ, 1980

שיר — אַ געזאַנג

שיר — אַ געזאַנג צו אַלע געזאַנגען
אויסגעזונגענע ביז הײַנט,
צו אַלע זונען, וואָס זענען פאַרגאַנגען
און צו אַלע געבליבענע פרײַנד.

שיר — אַ געזאַנג צו אַלע געזאַנגען,
וואָס האָבן באַגלייט אונדז אַ לעבנלאַנג,
אין אַלע גיהנומס אונדז נאָכגעגאַנגען
און אויך אויף שמחות — שיר — אַ געזאַנג.

שיר — אַ געזאַנג צו אַלע וווּנדער,
צום מאָרגן, צום איבערמאָרגן אויך,
צום איבעראַיאָר, צום איבער הונדערט,
ווי ווײַט נאָר אונדזער קול דערגרייכט —
שיר — אַ געזאַנג.

סע שלעפערט

סע שלעפערט. איך שלאָף און אין שלאָף

זיך וועקן שורות מיט ווערטער
ווי באַסאַראַבער שאָף,
וואָס טרעטן אויף גראָזיקע ערטער.

און יעדער שאָף איז אַן אות
געשריבן פון פּאַסטעכס שטעקן,
וואָס טרײַבט זיי און שטעלט זיי אויס —
פּאָרויס דער באַראַן מיט גלעקל.

און נאָכן גלעקל אַ מע,
סע מעקעט די גאַנצע סטאַדע
און פון די טריט זייערע זע:
אַ שורה, אַ ליד, אַ באַלאַדע.

אַ שאָטן פּאַרפּלייצט דאָס גראָז
און לאָזט מיך נישט לייענען אָן ברילן,
עס קאָן נישט קיין איינציקער אות
דעם דאָרשט פון די אויגן מיר שטילן.

איז שטרענג איך זיך אָן און אָט,
איך עפן פון שלאָף די אויגן.
מיין חלום ווו איז, מײַן גאָט?
ער איז צו דיר פּאַרפלויגן.

ירושלים, יולי, 1979

איך האָב מײַנע טרוימען צעהאָנגען

איך האָב מײַנע טרוימען צעהאָנגען
ווי וועש אויף אַ גראָבן שטריק
און מײַנע באַסאַראַבער געזאַנגען
צעזונגען ווי טעאַטער=שטיק.

זיי זענען מיר טרוקן געוואָרן
ווי לײַלעכער אויפן ווינט,
די טרוימען פון קינדער־יאָרן

די טרוימען פון אַ קינד.

און אַז אַ טרוים ווערט טרוקן,
איז ער שוין נישט מילד און ווייך,
איז אויך מײַן געזאַנג בײַם קוקן
געוואָרן טרוקן אין בלייך.

דער זיג פון דער שיינקייט

איך ווייס נישט, וואָס מיר איז דעמלט געשען,
פאַרוואָס האָב איך פריער גאָרנישט געזען,
פארוואָס גראָד אַצינד, ווען כ׳האָב נישט געטראַכט
צו זען בײַ טאָג, וואָס סע קער צו דער נאַכט.

די זונה, מילא, זי איז שוין געוווינט
זיך נישט צו שעמען און פאַר אַ לוין
זי וועט אויף וועלכן אויפן איר ווילט
פאָזירן אין סאַמע העסלעכסטן בילד.

און לאָזן טאָן מיט זיך, וואָס סע גלוסט
זיך נאָר דער מענערשער גאוה, וואָס פוסט
פאַרשטעלט זי זיך פאַר דער תאוה, וואָס ברענט
בײַ מענער מיט כלומרשטן טעמפעראַמענט.

נאָר איינצײַטיק האָבן דאָך מיידלעך געוויס
געשטעלט ערגעץ ווו געטאָקטע פיס
און יינגלעך מיט שיינע צעשויבערטע קעפ
געגאַנגען אַקעגן זיי אויף טרעפּ.

און איינס קעגן צווייטן זיך אָפּגעשטעלט,
און איינס מיטן צווייטן געשטאַלטיקט אַ וועלט,
וואָס וואַרט אויף אַ ברכה פונעם פאָעט,
נאָר איך האָב די שיינקייט דערזען צו שפּעט.

ווײַל קודם האָב איך גאָרנישט געקוקט,
דערנאָך האָט די מיאוסקייט זיך אונטערגערוקט,
געזען כ׳האָב בײַ טאָג, וואָס סע קער צו דער נאַכט

און שיער נישט אויף דעם די ברכה געמאַכט.

נאָר סוף כל סוף האָט די שיינקייט געזיגט —
דאָס בילד פון אַ מוטער בײַם קינד אין אַ וויג,
דאָס וויגליד, וואָס האָט די וויג צעוויגט,
דער שיינקייט האָט סוף כל סוף אָפּגעגליקט

ירושלים, 25סטער פעברואַר, 1980

דער טאָג איז אַרויס פון דער מאָדע

דער טאָג איז אַרויס פון דער מאָדע,
די נאַכט נעמט די מאָדע אײַן,
טאָ זינג צו דער נאַכט אַן אָדע
און לויב זי אין טאָג אַרײַן.

דער טאָג איז אַרויס פון דער מאָדע,
געוואָרן אַ נעבעכדיקער טאָג,
די נאַכט וואַרפט אַראָפּ אירע בגדים,
דאָס העמד און אַ זאָק נאָך אַ זאָק.

די נאַכט טוט זיך אויס פאַרן שלאָפן,
די נאַקעטקייט צינדט אָן דאָס בלוט
און וועקט אין דײַן אָדע די סטראָפן,
וואָס בײַטן זיך יעדע מינוט.

זי טרײַבט פון דער מאָדע די בושה
און ברענגט אין דער מאָדע אַרײַן
דאָס אָפענע אָפּטע זיך קושן
אין גאַס בײַם לאַמטערן=שײַן.

דער טאָג איז אַרויס פון דער מאָדע
און קוקט דורך שפּאַקטיוון פון ווײַט.
צי וואַרט ער, דער טאָג, אויף פּאָגאָדע?
צי קערט ער זיך אום צו דער צײַט?

דער טאָג קערט זיך אום צו דער מאָדע,
די נאַכט איז אויף קויטיקע פיס
אַוועק און געלאָזט דאָ דײַן אָדע
זיך וואַלגערן אויפֿן מיסט.

ירושלים, דעצ. 1980

זאָגט דער יצר טוב:

שיינקייט, ווײַז דײַן פּנים, טו די מאַסקע אויס —
אין די קליינע שיינע אויערן לאָז די אויערריגלעך בלויז,
עפֿן אויף דאָס גרויסע פֿענצטער און די אויגן עפֿן גרויס.

שיינקייט, הייב אָן ווידער פֿונעם אָנהייב, לערן זיך דעם אלף=בית,
נעם, באַדין זיך מיט די שאָטנס, וויש מיט זיי דיר אָפּ דעם שווייס,
ווען אין דרויסן ברענט דער זומער און די שטיינער זענען הייס

שיינקייט, ריר זיך און אָן פּחד מאַך דעם ערשטן פֿרײַען שפּאַן
נאָך דעם דרייסטער גיי דײַן וועג דיר, וועסטו פֿילן, ס'איז פֿאַראַן
אַזאַ היטער, וואָס ער היט דיך, אַזאַ ריטער, אַזאַ מאַן.

קראַפּט און שיינקייט, כ'וויל אײַך בענטשן פֿון מײַן ווינקל, פֿון אַ זײַט,
אײַער גיין און אײַער שטיין אין דער נאָענט, אין דער ווײַט
און דערנאָך וועלן זיך בענטשן מיט זיווג גאָט און לײַט.

ירושלים, מערץ, 1979

געלעכטער

סאַראַ בייז געלעכטער
נעמט אַרום די ערד
און די טויבע וועכטער
מיט די בלינדע בערד
זוכן אום דעם שעכטער
מיט דער שאַרפֿער שווערד

און דאָס בייז געלעכטער
בייזער בייזער ווערט.
קומען שיינע טעכטער
פון אַן אַנדער ערד,
קלינגט זייער געלעכטער
אַנדערש און פאַרקערט.
נישט קיין בייז געלעכטער,
נישט קיין שאַרפע שווערד,
נישט קיין טויבע וועכטער
נישט קיין בלינדע בערד,
נאָר אַ שיין געלעכטער
קלינגט און ווערט געהערט
פון די שיינע טעכטער
אויף דער שיינער ערד.

ירושלים, 1טער דעצעמבער, 1981

אַ וואַזע

פאַר איצעלע גאָטעסמאַן

אַ וואַזע אַ דינע
פון דינענקן גלאָז
באַשאָסן פון קנאה
אַ שאָס נאָך אַ שאָס.

די קנאה די אַלטע
אויף אַלץ, וואָס איז יונג,
די קנאה די קאַלטע
אויף יעטוועדן פונק.

צי האָט איר געהערט שוין
צי האָט איר געזען,
עס זאָל אונדז באַשערט זײַן,
וואָס נאָך נישט געשען?

אַ ציטריקע וואַזע
נישט ציטערן זאָל,
נישט ווערן קיין בלאַסע
פון שרעק מיט אַ מאָל.

אַ וואַזע אַזאַ מין
זאָל שטיין אויפן טיש
ביים ראַנד בײַ דעם סאַמע
אַראָפּפאַל און נישט

קיין ריר זיך, נישט פאַלן,
קיין ציטער נישט טאָן,
אפילו, ווען שטראַלן
טאַנצן אין קאָן.

און ווילן פאַרפירן
די תמימות און דאַן
מיט קרעלן באַצירן
דעם האַלדז פון אַ שוואַן.

דעם וואַזע=האַלדז דינעם
באַשווערן מיט וואָג
עס זאָל זי צום גרינעם
צום גראָז טאָן אַ יאָג.

עס זאָל זי אַ צי טאָן
דער העל=גרינער גלאַנץ,
עס זאָל זי אַ ברי טאָן,
זי פאַלט און בלײַבט גאַנץ.

ניו=יאָרק, 6טער מאַי, 1981

אַ מיידל מיט אַ בוך אין האַנט

אַ מיידל מיט אַ בוך אין האַנט און מיט אַ חלום אין די אויגן,
אַ מיידל פון אַ גרויסן דאָרף צי פון אַ קליינעם שטעטל

איך ציטער פאַר איר גיין און קוקן אויף די וואָלקנס אויבן,
מע זאָל נישט איבערפאָרן זי, מע זאָל זי נישט צעטרעטן.

נאָר אַלע=אַלע גייערס, זע איך, מאַכן איר אַ וואַרע
און אַלע פאָרערס האַלטן איַין אין מיטן וועג די רעדער,
זי גייט און האַלט דאָס בוך אין האַנט און פון די אויגן גייט אַ פאַרע
אַ פאַרביקע, וואָס שוועבט אַוועק ווי אַ פאַווע=פעדער.

מיט אָפן מויל איך קוק איר נאָך... פאַרלוירן פון די אויגן
דאָס מיידל פון אַ גרויסן דאָרף צי פון אַ קליינעם שטעטל,
איך ציטער אַלץ נאָך פאַר איר קוקן אויף די וואָלקנס אויבן,
מע זאָל ניט איבערפאָרן זי, מען זאָל זי ניט צעטרעטן.

ירושלים, נאָוועמבער, 1978

דער זינגער האָט פאַרשפּעטיקט

דער זינגער האָט פאַרשפּעטיקט צום קאָנצערט,
זיַין וואָגן האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַן אַנדער ריכטונג,
דערוויַילע האָט דער עולם אויפגעהערט
צו רעדן ייִדיש און צו לייענען דיכטונג.

דער זינגער האָט געכאַפּט זיך, אַז ס'איז שפּעט
דעם וועג צו זוכן, שפּעט זיך אומצוקערן
און דאָ האָט ער, דער זינגער, דער פּאָעט
זיך אויסגעדרייט און זיך צעזונגען פאַר די שטערן.

וויַיל צו די שטערן איז אַ גליַיכער וועג
און לידער צו די שטערן ווערן נישט פאַרלאָשן,
דערוויַילע איז דער עולם פון קאָנצערט אַוועק
צו אַנדערע קאָנצערטן אויף אַן אַנדער לשון.

די גאַסן שטייען ליידיק. האַלבע נאַכט.
דער עולם שלאָפט שוין לאַנג אין זיַינע בעטן
און נאָר דער זינגער, דער פּאָעט איז וואַך
און לאָזט נישט שלאָפן אויך די אַנדערע פּאָעטן.

דער טעות פון דער טויב

ס׳האָט היינט אַ טויב פאַרבלאָנדזשעט צו דעם דעכל פון מיין טיר
און אויף איר ווייסן פליגל ווי אויף אַ ווייס פּאַפּיר
איז אויפגעשריבן גאָר אַן אַנדערער אַדרעס —
צי איז עס גלאַט אַ נס,
צי סתם אַ טעות אויף די פליגל פון אַ טויב,
ווי ס׳טרעפט אַ מאָל, מע שיקט צו עמעצן אַ לויב
און אונדזער חלום בעסערט אויס זי פון דער ווייט
און וואַרפט די לויב אַריבער אין אַן אַנדער זייט
און איבער גאָר אַן אַלטן פלויט, וואָס פאַלט פון אַלטקייט אום
און בייגט זיך רעכטס און לינקס זיגזאַגיש=קרום
און עפנט אויף די גרענעץ, וואָס געווען איז זי פאַרצוימט
ווי מיט אַ וואַלד פאַרבוימט.
די טויב איז, דאַכט,
פאַרזאָרגט, פאַרטראַכט,
איך נעם אַראָפּ זי פון מיין דאַך
און רעד מיט איר אויף טויבן=שפּראַך
און רעד איר איין — דעם טעות האָט געמאַכט
דער שרייבער פון אַדרעס און נישט די טויב — מיין ווייסע פראַכט,
וואָס האָט די לויב געבראַכט.

ירושלים, דעצעמבער, 1979

ס׳איז אַלע מאָל אַן אַנדער חלום

ס׳איז אַלע מאָל אַן אַנדער חלום
און אַלע מאָל די זעלבע וואָר
און נאָר געקנייטשטער ווערט דאָס פּנים
און גרויער אויפן קאָפּ די האָר.

איין חלום מאָלט זיך אויפן צווייטן
אַרויף און מישט די פאַרבן אויס,
אַ דריטער חלום קומט צום גרייטן
און טרייבט די ערשטע צוויי אַרויס.

און כאָטש געננוי דער זעלבער גורל
וועט אויך דעם צענטן חלומס זײַן,
איז שוין דער עלפטער אויך געבוירן
אויף צו פֿאַרגיין, אויף נישט צו זײַן.

דער חלום שפּילט אויף צו פֿאַרלירן,
נאָר וואָר אַליין קאָן נישט באַשטיין,
זי קאָן זיך אָן דער שפּיל נישט רירן
און אָן דעם חלום אין די ציין.

ירושלים, מוצאי שבת, 15טער מאַי, 1982

מאַרקולעשט

פּאָעמע

*
* *

אַ שוואַרצע מאַמעליגע
פון וואַסער און פון ערד
ליגט אויסגעקנאָטן ווייך
פון רעדער און פון פערד.

פון פּריזבעס געל באַזוימט
דאָ און דאָרט אין גאַס,
צעשניטן און צעטיילט
פון ריטשקעס זוניק=נאַס.

די בלאָטע אויפן מאַרק,
די בלאָטע אויפן וועג,
זיי ליגן אויפן דנאָ
פון טיפע בלאָטע=טעג.

איך שטעל זיך אויף דער שוועל
און זוך אַ ברעט, אַ שטיין
און זע אַ באָרוועס קינד
אין טיפער בלאָטע שטיין.

*
* *

שטייט אַ ייִדענע אַן אַלטע
אין אַ שאַל געהילט אַ נאַסן
אויסגעשטעלט צום זעלבן גורל
ווי די דעכער און די גאַסן.

שטייט אין מיטן פונעם שטעטל
אויפן מאַרק=פּלאַץ אויפן גרויען
אויפן רווישנדיקן רעגן
צווישן לויפנדיקע פרויען.

האַלט דעם קאָפּ אראָפּגעבויגן,
אין דער האַנט אַ קויש אַן אַלטן
פול מיט שווערע צרות גרויע
אונטערן נאַסן שאַל באַהאַלטן.

דאָס ערשטע קאַפּיטל.

נעבן אונדזער חרוב שטעטל
שטעלן זיך נישט אָפּ קיין וועגן,
נישט געפאָרן נישט געטרעטן
ווערט אַצינד אין אונדזער געגנט.

ס'ווערט אַ וועג נאָר עטוואָס ברייטער,
דאָרט ווו ס'איז אַ גאַס געוועזן,
אין דער בלאָטע שטייט אַ לייטער
און סע וואַלגערט זיך אַ בעזעם.

ציט זי זיך די גאַס צי געסל
אָן די הײַזער בײַ די זײַטן
און דער וועג לויפט בעטלען עסן
בײַ די פעלדער אין די ווײַטן.

נאָר די פעלדער זענען אויכעט
חרוב ווי די יידישע שטעטלעך
און געקרייציקט און געקוילעט
הענגען געטער אויף די ברעטלעך.

בײַ די ראַנדן פון די ווייצן,
בײַ די ראַנדן פון פּאַפּשויעס
האָט דאָס אָפּבילד פון געקרייצטן
איבער קניענדיקע גויעס

זיך אַראָפּגעלאָזט, פאַרגראָבן
און אַרויסגעשטראָמט אין טרערן,
איצטער וואַרט ער אין די גראָבנס
ווידער לעבעדיק צו ווערן.

אויף די ברינעמער די קילע
זומער, ווען די טײַכן זידן,

ליגן איצט פאַרגראָבן, שטילע,
לעבעדיקערהייט ווי ייִדן.

קיינער קומט נישט פון די דערפער
מיטן וועג די פערד צו פויען,
פרעמדע קליידער אויף זײַן קערפער
האַלטן אין דער היים דעם פויער.

ציט דער שניט אים צו די פעלדער,
וויל ער דאָך די קליידער היטן,
אָנגעטון אין פרעמדן עלטער,
זעט ער, ס'איז דער וועג פאַרביטן.

און פאַרביטן איז דער הימל —
וואָלקנס טרענקען זיך ווי שיפן,
איבער טײַכן הענגען בריקן,
הויכע בריקן איבער טיפן.

ער פאַרטיפט זיך אין זײַן קלערן —
קינדער=יאָרן, ווײַטע טויבן
און ער היט זיך מיט די טרערן
פאַר די נישט=פאַרהענגטע שויבן.

ער באַקלערט די לעצטע צײַטן
און פאַרהענגט מיט ד'הענט זײַן פּנים,
נישט באַדאַרפט מיט היימישע לײַטן
האַנדלען ווי מיט פרעמדע שונאים.

נישט באַדאַרפט די שאַפע נעמען
מיט די קליידער פון די ייִדן,
ווײַל די קליידער, פילט ער, ברענען
אויף זײַן לײַב דעם שוויסיק=מידן.

און ער טוט זיך אויס די שוואַרצע
שבתדיקע קליידער פרעמדע,
ווערט אים גרינגער אויפן האַרצן
אין זײַן ווײַסן לײַוונט=העמדל.

עפנט אויף די טיר און נעמט זיך
גיין אין הויף אַרויס, אין דרויסן,
ס׳האָט דער דרויסן אָפּגעפּרעמדט זיך
און דעם הימל ווײַט פֿאַרשטויסן.

דאָס צווייטע קאַפּיטל

ווער וועט אים אַקעגנקומען
אויפֿן וועג מיט אַש פֿאַרבלאָזן?
וואָס וועט אים אקעגנשווימען
אויפֿן הימל דעם פֿאַרלאָזטן

סײַ פון פייגל, סײַ פון ווײַסע
וואָלקנדלעך — מלאכים פרומע?
נאָר דער טרויער מיט אַ שוואַרצן
וואָלקן אויף די פּלייצעס קרומע.

שוין נישטאָ די אײַנפֿאָרהײַזער
און נישטאָ שוין יענע צײַטן
מיט די ייִדן וועגנווײַזער
אין דער מיט פון אַלע ווײַטן.

זאָל ער שפּאַנען פערד און וואָגן?
איז נישטאָ וווהין צו פֿאָרן.
וואָס זאָל ער די פערדלעך זאָגן
וועגן אָט די וויסטע יאָרן?

ייִדן פלעגן זיי די רוקנס
מיט די פינגער גלעטן, בערשטן
און געבעטן זיי צוריקוועגס
צו געניסן דאָ דעם גערשטן.

וואַרטן אויפֿן שטרוי דעם פרישן
פלעגן פערד אין שטאַל געראַמען,
ביז דער שמײַסער פונעם קישן
וועט זיך אויפכאַפּן זיי שפּאַנען.

...פלעגט ער צו אַן אַלטן ייִדן
צוגיין האַלטן זיך אַן עצה...

און אַרויספאָרן פון טויער
מיט אַ פײַף אינעם פרימאָרגן,
פונעם שטעטל פלעגט דער פויער
טרײַבן מיט אַ בײַטש די זאָרגן.

דאָרט אין נעפּלדיקן אומעט,
וואָס פלעגט אײַנהילן די דעכער,
האָט זײַן פנים זיך צעזוניקט
און זיך אויפגעהויבן העכער.

און אין פענצטער פון די קלויזן
האָט אַן אָפּשײַן זיך צעפלאַקערט
און אַ צי געטאָן אין דרויסן
פונעם עמוד ביזן אַקער.

און אַ צי געטאָן די ייִדן
צו די פעלדער צווישן וועגן,
נישט געווען קיין אונטערשידן
צווישן פעלד און פעלד אַקעגן.

אים באַקאַנט געווען דאָס שטעטל
מיט די ייִדן פון בית מדרש
ווי דער קלויסטער פון זײַן דערפל,
ווי זײַן ברודער בײַ דעם דרעשען.

אָפט אין טומל פון יאַרידן
מיט אַ זעקל אויף דער פּלייצע
פלעגט ער צו אַן אַלטן ייִדן
צוגיין האַלטן זיך אַן עצה.

און דער פויער טוט אַ ציטער
און עס קלאַפט בײַ אים אין האַרצן
און אַ טרער געזאַלצן ביטער
רעגנט אויפן אַש דעם שוואַרצן.

און ער פאַלט אַוועק אַ מידער,
פאַר די אויגן טוט אים שווינדלען

און די שטעטלדיקע בילדער
טוען זיך אַליין דערשפּינען.

דאָס דריטע קאַפּיטל

איבער שטעטלדיקע שטיבער,
איבער שטעטלדיקע שטויבן
האָט אַ טויב זיך שטילער=שטילער,
העכער=העכער אויפגעהויבן.

ווי די תּפילה פון אַ ייִדן
מיט אַ שטימע אַ געשמאַקער,
פון אַ ייִד, וואָס איז צופרידן
פון דער זון בשעתן אַקער.

און בײַם עמוד קלינגט זײַן גלויבן
אין געזאַנגען און עס דאַכט זיך,
אַז אים ציט, זיך אויפצוהויבן
צו די תּפילות און באַטראַכט זיך,

אַז מע טאָר דאָך נישט פאַרלאָזן
אָט די ערד, וואָס איז געגעבן
אים, דעם מענטשן, אים דעם פּראָסטן
אויף צו האָרעווען און לעבן.

און ער גייט פון עמוד טאַקע
גלײַך אין פעלד דורך שטויב און וועגן
און צום עמוד פונעם אַקער
קומט ער בעטן גאָט אויף רעגן.

רעגן פאַרן דאָרשט פון פעלדער,
רעגנס אויך פאַר פולע טײַכן,
וועלכע כוואַליען זיך באַשטענדיק
ווילן הויכע ברעגעס גרייכן.

רעגנס פאַר די קרומע דעכער,

וועלכע גלאַנצן נאָך דעם אַנדערש,
ווען דאָס ווינטל ווי אַ פּעכער
בלאָזט די זונענשײַן פונאַנדער.

רעגנס פֿאַר די גרויסע וועגן,
וועלכע שטיקן זיך פון שטויבן.
פֿאָרנדיק דאָ נאָכן רעגן,
טוט ער בענטשן גאָט און לויבן.

ער, דער קאָלאָניסט דער ערשטער,
פונעם יישוב פונעם היגן
אויף די סטעפּעס מאַרקולעשטער
האָט געבויט דאָס ערשטע שטיבל.

ער אַליין בײַם טײַך אין גריבער
האָט די ציגל אויסגעקנאָטן,
באָרוועס מיט די פּיס ביז איבער
זײַנע קניִעס אין דער בלאָטע.

באָרוועס האָט ער דאָ געקנאָטן
ערד און וואַסער און צופרידן
אָפּגערוט די פּיס אין שאָטן
פון די ציגל=פּיראַמידן.

גאָט האָט אויבעט פון דער בלאָטע
זיך דעם מענטשן אויסגעקנאָטן
און דער מענטש האָט אויסגעקנאָטן
זיך אַ שטעטל פון דער בלאָטע.

בײַ די ברעגעס פונעם שטעטל
איז דער טײַך זיך דורכגעשוווּמען
צו די ווײַטן, זיי פֿאַרבעטן
זיך אין שטעטל דורכצוקומען.

ס'איז דער טײַך דאָ האַלב אַ רונדער
ווי אַ סערפּ אין פעלד געליגן
און פאַרקערעוועט דערנאָכדעם

צו די ווײַטע וואַסערמילן.

האָבן באַלד פֿון יענער געגנט
דערפֿער מיט פֿאַרשיידענע נעמען
זיך געלאָזט אויף נײַע וועגן
צו דעם שטעטל, זיך באַקענען.

און אַזוי איז עס געוועזן
אַלע שפּעטערדיקע יאָרן,
צו די ייִדן האָט מען וועגן
אויסגעטראָטן, אויסגעפֿאָרן.

ז׳האָבן אויפֿגעהויבן בריקן
איבער טײַך אויף סלופּעס שטאַרקע
און געבעטן לאָזן ליקן
דורכצופֿאָרן צו די מאַרקן.

און עס האָבן זיך די שטיבלעך
אויסגעבויט און אויסגעשטעלט זיך
מיט אַ ברונעם אין דער מיטן
פֿאַר די מענטשן, פֿערד און קעלבלעך.

ייִדן האָבן צוגעהאַנדלט,
רײַכע ייִדן מיט פֿאַרמעגנס,
און דאָס שטעטלע פֿאַרוואַנדלט
אין אַן אמתדיקער פֿעסטונג.

ס׳האָט זיך אויפֿגעבויט אַ שטעטל
מיט אַ באָד און זיבן קלויזן,
אַ בית עלמין און אַן עירוב
פֿון אַ דינעם דראָט אַ לויזן.

און אומזיסט דעם דראָט געשמיסן
האָבן שטורעמס, זאַווערוכעס,
ווער זשע האָט אים הײַנט צעריסן,
וועלכע שדים, וועלכע רוחות?

דאָס פערטע קאַפּיטל.

יאַנקל איז אַ ייִד געווען
גאָר אַ פּראָסטער, נאָר אַ פרומער
הין און קריק צום פעלד פון שטעטל
פלעגט ער גיין אַ גאַנצן זומער.

צײַט געהאַט צו האַלטן יאָרצײַט
נאָכן טאַטן, נאָך דער מאַמען
און צו שלאָפן נאָך אַ מאָלצײַט
און די אַרבעט נישט פאַרזאַמען.

אָפּגעלייגט די טלית און תפילין
אײַלט ער זיך די פערד צו פויען
און צעזינגט זיך מיט געפילן
ווי אַ חזן נישט קיין פויער.

איז אין קלויז אַ פאָלנער רבי,
איז אין פעלד אַ העלד, אַ רײַטער,
דורכגעפאָרן דורכן לעבן
און אַוועקגעריטן ווײַטער.

און געלאָזט אי זין אי טעכטער,
אייניקלעך מיט זייערע קינדער,
שנײַדער=מיידלעך, סטאָליערס, בלעכערס
און אַ פעלד מיט שאָף און רינדער.

און אַ גאַנצע גאַס מיט שכנים
און אַ שטעטל קרובים סאַמע,
איבער הונדערט צוואַנציק נעמען
נאָך זײַן טאַטן, נאָך זײַן מאַמען.

ס'איז זײַן ווײַב נישט לאַנג געשטאָרבן,
איז שוין דאָ אַ נאָמען רחל,
איצט איז יאַנקל קראַנק — אַ קרבן
פונעם בענקען נאָך איר קאָכן.

גויסענדיק, האָט ער די גראָע
וואָנצעס פונעם מויל פאַרנעמען
אויסנווייניק די צוואה
אָפּגעקנאַקט מיט אַלע נעמען.

ראובן, שמעון, מײַנע קינדער,
לוי, יודל, איר געטרײַע,
זעט דער טאַטע שטאַרבט אַצינדער
אין די שטיוול אין די נײַע.

ס'וויל נישט וואַרטן גאָט, ביז וואַנען
כ'וועל זיי אָפּטראָגן אין גאַנצן,
כ'האָב געחלומט, נישט נאָר שפּאַנען,
נאָר אין זיי אויף שמחות טאַנצן.

אָט די שטיוול לאָז איך איבער,
הערט, איך זאָג עס אָפנהערציק,
יאָסלען, אים דעם שיינעם גיבור,
וואָס טראָגט אויך אַ פּיר=און=פערציק.

פרויקע רײַטער, עלטסטער איניק,
כ'לאָז דאָס פערדל דיר דעם גניאַדן,
ראַז דער קאַרע איז דיר ווייניק,
וועט ער זײַן אַ פּאָר צום נדן,

וואָס דײַן שווער האָט נישט דערגעבן,
זיבן יאָר דער רוגז דויערט,
רוגז פירט מען נאָר בײַם לעבן,
פאַרן שטאַרבן מע באַדויערט.

כ'זע מײַן שטאַם בײַ זיך אין שטעטל
אַ פאַרצווײַגטער, אַ פאַרמערטער,
נישט מחילה קומט מיך בעטן,
הערט אויס בעסער מײַנע ווערטער —

אָנגעהויבן מיט אַן אָנזאָג,
מיט רמזים און פּילדײַטיק,

אָנגעהויבן האָט ער מאָנטיק
און געענדיקט האָט ער פרײַטיק.

אַלע זענען דאָ געווען,
ניש געוואַגט אַ וויין טון, קלאָגן,
ס'האָט געריעדט זײַן גאַנצער וועזן
און געזאָגט אַזוי צו זאָגן:

— ווען אַ מאַן אַ שווערן האַמער
האַלטן אין די הענט און שלאָגן
און צורעכט מאַכן אַן אַקער
צי אַ ראָד פון פויערס וואָגן.

ווען אַ פרוי אין מולטערס גרויסע
שווערע זעק מיט מעל פאַרקנעטן
און אַרויסנעמען פון אויוון
אָפּגעברוינטע הייסע ברויטן.

ווען אַ שנײַדערל בײַם שטעפּן
זיך צעזונגען ווי בײַם עמוד,
ווען אַ בעל=עגלה שלעפּן
מיטן פערד געשפּאַנט אין כאָמעט.

וואָס איר זאָלט בײַ טאָג נישט מאַכן,
האַנדלען אַקערן צי זייען,
קלעפּן, שטעפּן דינע זאַכן
קלאַפּן, זעגן, שמידן, נייען,

זאָלט איר אין די נעכט פון זומער
גיבן רו דעם גוף דעם מידן
און אויף שבת אינעם רו=טאָג
נישט פאַרגעסן, איר זענט ייִדן.

ווער פון אײַך אָבער אויף וועגן
מוז די וואָך זײַנע פאַרברענגען,
זאָל זיך קיין מאָל נישט דערוועגן
האַלטן שבת אין די שענקען.

און ער זאָל די פערד נישט לאָזן
אין אַ פרעמדן דאָרף פאַרהאַלטן
און מיט גערשטן, נישט מיט גראָזן
זאָלן פערדלעך שבת האַלטן.

ס'איז נאָך דאָ אַ סך צו רײדן
און צו זאָגן אײַך נישט װײניק,
אײדער כ'לאָז מיך אין גן=עדן
װיל איך זען אַ צװײטן אײניק.

אָט דאָס שטיבל, װאָס איז ענגלעך
פאַר אַזױ פיל קײן עין הרע,
לאָז איך אײן זײַט, דיר, מײַן גערטנער
מיטן גאָרטן, װאָס פון פאָרנט.

און די זײַט די צװײטע לאָז איך,
לאָז איך, לאָז איך, לאָז איך איבער — —
מיטן סוף פון דער צװאה
איז ער צו דעם טױט אַריבער.

דאָס פיפטע קאַפּיטל

ס'האָט דאָס שטעטל גלײַך געכאַפּט זיך
מיט התמדה, הײסן װילן,
מיט די הענט געקלאַפּט אין האַרץ זיך,
די צװאה אױסצופילן.

פונעם שטעטלדיקן טאַטן,
זײדן אַלטן, עלטערזײדן,
װאָס, די רו זאָל אים נישט שאַטן,
אַרבעט איצטער אין גן עדן.

דאָרטן, אין גן עדן, אױבן,
לערנט מען אָנשטאָט צו לעבן,
אָבער ער, געװױנט צו שטױבן,
זאָגט זיך אָפּ פון הױכן שװעבן.

ווײל ער דאַרט אַ טרונק, למשל,
ווײל ער שעפּן אים פון ברונעם,
ס'וועט זײַן דאַרשט דאַרט נישט געלאָשן,
איבער דער טרונק איז גרינג געקומען.

איז נישטאָ קײן ברונעם דאָרטן,
שטעלט ער זיך דעם ברונעם גראָבן
צו באַגיסן דאָרט דעם גאָרטן
און אין אים אַ חלק האָבן.

פּרוּוו נישט מיט קײן עצות קומען
און קײן מוסר דאַרט נישט זאָג אים,
ער אַהין האָט מיטגענומען
פונעם שטעטל די מנהגים.

און דאָס שטעטל, אונדזער שטעטל,
אונדזער עיקרדיקע טעמע,
ס'וועט נישט קענען עס פאַרטרעטן
דער גן עדן אין דער פאָעמע.

מאַרקולעשט מיט זיבן געסלעך,
זיבן קלויזן, זיבן ברונעמס
און מיט זיבן פענסער=פּעסלעך,
זיבן קלײנע רונדע טורעמס

איז פון שבעה אויפגעשטאַנען
נאָכן עלטסטן, נאָכן גרינדער
און געלאָזט זיך ווידער שפּאַנען
אַלט און יונג און ווײַבער, קינדער.

איבער געסלעך פון דער נידער
אויפגעגאַנגען אַ פרימאָרגן,
זענען אויפגעשטאַנען ווידער
אַלע וואָכעדיקע זאָרגן.

האָט דער בעקער ברויט געבאַקן,
דער מלמד האָט געשלאָגן,

העקער איז אַוועק צום האַקן
און דער פויער האָט געגראָבן

סטאָליערס האָבן מיט די זעגן
אין דער לענג פון ברעט געשניטן
און געגנעבטיקט אויף די וועגן
האָבן קרעמערס פון יאַרידן.

שוסטערס האָבן קליינע לעכלעך
אין די זוילן אויסגעשטאָכן
און די שוסטערישע פלעקלעך
זענען אין דער זויל געקראָכן.

שנײַדערס אויף די ניי=מאַשינען
מיט די פיס געדרייט די רעדער,
סופר האָט אויף פּאַרמעט דינעם
לײַכט געסקריפּעט מיט דער פעדער.

אויף די דעכער פון די קלויסטערס
האָט געקלאַפּט אַ ייד אַ בלעכער
בעת זײַן זון אין שטאָט אין גרויסער
איז געשטיגן, דאַכט זיך, העכער.

העכער פון די קלויסטער=טורעמס
פון אַ דערפל אַ פּאַרוואָרפנס,
איז ער דאָרט אין שטאָט, אין שטורעמס
הויך געריטן אויף די וואָלקנס

און נאָך העכער און געפלויגן
אויפן הימל און פאַרגעסן,
אַז ער האָט זיך אויפגעהויבן
פון אַן אָרט נישט ווײַט פון דניעסטער,

ווו זײַן זיידע צווישן יידן
האָט זיך בײַ דער ערד געהאַלטן,
אינעם שטעטל, ווו עס ליגן
איצט דעם זיידנס ביינער אַלטע.

ווּ דעם זיידנס זון דער עלטסטער,
ער, זיַין טאַטע ראובן קייסער
האָט מיט זיַינע ברידער, שוועסטער
אויסגעבויט אַ געסל היַיזער.

ווּ זיַין מאַמע האָט, די טריַיע
פון איר טאַטנס טונקלעם קעלער
דאָ ערשט אָפּגעאָטעמט פריַיער
אינעם שטעטל, וואָס איז קלענער

פון דער שטאָט, ווּ זי געבוירן.
יונגערהייט נאָך האָט זיַין באָבע
לאַנג געקרענקט און זיך גשווירן
מער קיין קינדער נישט צו האָבן.

דאָרטן וווינט איצט דער מעזיניק
פון דער באָבעס בת=יחידה.
ווייניק עסט ער, ד'ער מפונק,
ביכער שלינגט ער דאָרט מיט לידער.

און ער קנאַקט זיי אויסנווייניק,
זיי, חלילה, נישט פאַרגעסן
אָט דער מאָדנער ווילדער אייניק,
וואָס ער שלאָפט נישט, וויל נישט עסן.

דאָס זעקסטע קאַפּיטל.

ראובן קייסער, וואָס זשע איז עס?
ס'איז אַ צונאָמען אַזאַ מין,
די פאַרשריבענע פאַמיליעס
וויסן נאָר די פאָטשטאַליאָנען.

שמעון שמאַטע, לוי פלויער,
יודל פידל — דער ציגיַינער,
פראַדל פריילעך, בתיה טרויער,
פרץ פרינץ און הערש אוקריַינער.

ברוך באָרשט און יאָסל=ראָסל,
הינדע=האָן, און קלמן=קאַטשקע,
אָרן=קאָרן און פעסיע=פּראָסע,
גדליה=גוי און חײַקע=פּראַטשקע.

איציק=שפּיציק, אהרון=באַרן,
שמואל בטחון "גאָט וועט געבן"
שלמה "לאָמיר זיך נישט נאַרן"
שלימע "לאָמיך אַזוי לעבן".

משה=קרישע=לאָמפּאַמפּירל,
בערל=קערל, יעקל=פּלעקל,
שײנדל מיטן הינטערטירל,
שרה צרה מיטן פּעקל.

יעדער צונאָמען באַזונדער
האָט געהאַט זײַן גרונד, זײַן סיבה,
מ'האָט ארײַנגעלײגט אין זײ דאָרט
װעמען חוזק, װעמען ליבע.

ראובן איז געװען אַ תּכשיט,
װאָס ער פּלעגט אַ מאָל בײַם קאָסיען
מיט דער קאָסע זיך פֿאַרטײַען,
צו אַ פֿרעמדן פֿעלד פֿאַרבלאָנדזשען.

ער געקענט אַ פּאַטש דערלאַנגען
און אַ פֿרעמדן זאַק פֿאַרשלעפּן,
פֿאָרן איבער גרינע זאַנגען,
צו אַ פֿרעמדן װײַב זיך טשעפּען.

אָבער אײנס האָט אָפּגעהיט ער,
כּבוד אם, דאָס זאָגן אַלע,
אויף די הענט ער האָט זײַן מוטער
אומגעטראָגן װי אַ כּלה.

און דערפֿאַר זי פּלעגט אים רופֿן
"קײסער מײַנער" צװישן לײַטן,

איז אַזוי פֿאַרבליבן, "ראובן
קייסער" שוין אויף אַלע צײַטן.

דאָס זיבעטע קאַפּיטל.

ס'איז נחמה קייסערינע,
ווי דאָס שטעטל האָט געקרוינט זי,
נאָך געווען גאָר אַ גרינע
אינעם געסל, ווו געוווינט זיך

האָט איר ראובנדלס משפּחה,
באַסאַראַבער גראָבע ייִדן
ס'האָט מיט איר די שוויגער ראָבע
שטענדיק זיך געזוכט צו קריגן.

דאָס האָט ראובן די "מציאה"
זיך אַהיימגעבראַכט פֿון סלוזשבע,
איז זי אומגעגאַן, געשוויגן,
נישט געזעצט זיך אויף דער פּריזבע.

אין אַ וואַרשעווער הינטערגעסל,
אין אַ שטיינערדיקן הויפֿל,
ווו דעם טאַטנס שנײַדערפּרעסל
פּלעגט פֿאַרטשאַדען זיבן הויפֿן.

איז געוואַקסן די בת=יחידה,
ביז איר חתן איז געקומען,
ביז אַ זעלנער אַ נישט היגער,
נאָר אַ ייִד האָט זי פֿאַרנומען.

כאָטש קיין פּריצה פֿון פּאַלאַצן,
דאָך אַן איידל שטאָטיש ווײַבל,
זשאַל, ס'האָט נישט געלעבט חרץ נאָך,
דעמלט נאָך זי צו באַשרײַבן.

מע דערציילט זיך אָן חידושים,

אַז גערעדט די ערשטע צײַטן
האָט זיך עפּעס אויף אַ ייִדיש,
וואָס מע הערט נישט דאָ בײַ לײַטן.

כאָטש זי רעדט דאָס זעלבע לשון,
אַנדערש אָבער ווי די היגע
און זי ווייסט נישט אָפּצוקאָכן
כאָטש אַ פּראָסטע מאַמעליגע.

אַז זי קען אין מאַרק נישט ריידן
מיטן מינדסטן פּראָסטן שיקסל
און שפּאַצירט אַרום אין קליידלעך
פֿון אַ שטאָטישער מאָדיסטקע.

שווער=און=שוויגער און די שוואָגערס
און די שוועגערינס זיך קליגלען,
לאַכן אויס אירע שיגאָנען
זיך צו פּוצן און צו שפּיגלען.

זי בפּירוש האָט געליטן
פֿונעם חוזק און געלעכטער,
ביז זי האָט די היגע זיטן
פֿונעם שווער=און=שוויגערס טעכטער,

ביז זי האָט זיך אויסגעלערנט
אַלע תּורות באַסאַראַבער,
ס׳איז זי גאָרנישט צו דערקענען,
שוין אַ ווײַב ווי אַלע ווײַבער.

צו דעם פּריפּעטשיק געוווינט זיך,
צו דעם קעסל מיט פּאַפּשוי=מעל,
ווייסט שוין, אַז פֿון זונענרויזן
קוועטשט מען אויס דעם געלן בוימל.

און זי האָט דעם מאַן געבוירן
זיבן קינדער, בנים סאַמע,
מיטן טאַטנס הויך און גבורה,

מיט דער שיינקייט פון דער מאַמען.

האָט דער עלטסטער ליב אַ לאָשעק,
ציגן, פיש און הינט און טויבן.
און דער זיידע רופט אים באָסיעק,
הערט נישט אויף דעם איניק לויבן

אים האָט ער עס אָפּגעשריבן
פאַרן טויט דאָס בעסטע פערדל,
מיט דער שטאַל, וואָס נעבן שטיבל,
מיט די ליים=געשמירטע ערדן.

נאָר נחמה האָט געקלאָגט זיך
אויף איר זון און אויף איר שנירל
און האָט שיער נישט אָפּגעזאָגט זיך
צו דער חופּה זיי צו פירן.

ס'איז איר גאַנצע טרייסט געבליבן,
ווען ז'האָט אויפגעהערט צו קינדלען,
פון די קינדער אירע זיבן
דער געראָטענער מעזיניק.

זי, די שטאָטישע בת=יחידה,
דאַרף שוין איצטער מערער קיינעם
און זי האָט זיך אויסגעקליבן
פון די קינדער אירע איינעם.

אין דער וואָך פון זײַן געבוירן
האָט זי שוין געטון אַ נדר
און בײַ נחת זיך געשווירן,
אַז זי וועט אים נאָכן חדר.

נאָכן חדר, נאָך בר=מצווה,
שיקן לערנען אין גימנאַזיע
און ער וועט אַיעדן זומער
זיך אַהיימקומען באַוויַיזן.

מיט אַ גלאַנצנדיקן דאַשעק
און אַ קנעפּלדיק מונדירל,
ער אין דעם וועט בלײַבן דווקא
פרום ווי אַלע פרומע ייִדן.

און אַזוי איז דער מעזיניק
בײַ דער מאַמען אויסגעוואַקסן,
אַ געצאַצקעטער מפונק
מיטן טאַטנס ברייטע אַקסל.

מיט דער מאַמעס איידלקייטן
און אַ קעפּל אַן אַנטיקל,
האָט זי אָנגעהויבן גרייטן
אין איר היימשטאָט אים צו שיקן.

צו די טאַטע=מאַמע אירע,
זאָל ער דאָ פאַרגרעבט נישט ווערן
ווי די עלטערע, די ברידער,
וועלכע ווילן זיך נישט לערנען.

דאָס אַכטע קאַפּיטל

פון די עלטערע זעקס ברידער
זענען צוויי בײַם טאַטן בלעכערס,
אַנדערע צוויי געוואָרן שמידערס,
נישט געוואָלט דערגרייכן העכערס.

און נאָך איינער איז אַ בעקער,
בײַ דעם אויוון שוין אַ מײַסטער,
גאָר דער עלטסטער איז בײַ פערדלעך
מיט דער בײַטש אַ פּראָסטער שמײַסער.

איבער זיבן יאָר שוין פּאָרט ער
שטענדיק מיטן וועג דעם זעלבן
און די פור מיט משא פירט ער
צו די קוימענעס די בעלצער.

פירט ער זעק מיט זונענרויזן,
אויך צוריקוועגס פֿאָרט נישט ליידיק
און די שווערע פֿור די גרויסע
שלעפּן פערדלעך אויסנווייניק.

דורך אַלעקסאַנדרענער געסל,
איבער די קיינאַרער בריקלעך,
צו די שטעטלשע אַדרעסן
ברענגט פֿאַרשווינען ער אַנטיקלעך.

ברענגט אַ בחור ער אַ געלן
אָנקוקן אַ מויד מיט קלײַען,
אויב זיי וועלן זיך געפֿעלן,
וועט עס זײַן מן השמים.

דורכן גרינסן=מאַרק, ווו אַלע
דאָרפֿס=בחורים גייען שפּאַצירן,
נאָך אַ פֿור מיט חתן=כּלה
פֿאָרט ער נאָך די פֿאַסאַזשירן.

פֿאָרט ער דורך דער גאַס צו געסלעך,
קלינגענדיק מיט זיבן גלעקלעך
און עס לויפֿן נאָך די פּיסלעך
פֿון די קינדער — זיסע ברעקלעך.

שפּרינגען פערדלעך לוסטיק, מונטער
און באַמיסטיקן די שטויבן
און די ווײַבער לויפֿן אונטער
און די באַליגעס זיי קלויבן,

וואָס מיט ליים זיי קנעטן איבער
און מע שמירט דערמיט די ערדן
אינעווייניק אין די שטיבער
און מע בענטשט אַיעדער פערדל.

און סע דרייען זיך די רעדער
אין די דין צעמאָלטע שטויבן,

פאַלט אַ פעדער נאָך אַ פעדער
פון די פליענדיקע טויבן.

פאַלן אויפן שמײַסערס היטל
אָן צו מעלדן, אָן צו פרעגן,
ווײל אָבער זײַן ווײַבל וויסן,
ווו איז ער עס דאָרט געלעגן,

וואָס אין פעדערן אין ווײַסע
איז ער פול און אײַנגעטונקען
און — דערצייל מיר נישט קיין מעשה,
האָסט אין וועג זיך אָנגעטרונקען.

און געהוליעט מיט די מיידן,
וועלכע דינען אין די שענקען
און געלאָזט מיך מיט די קליינע
ווערעם אין דער היים דאָ קרענקען.

אָט אַזאַ מין ברוך הבא
שטאַט אַ וועטשערע מיט גריוון
הערט דער שכן אַרקע גבאי
דורך דער וואַנט צו זיך אין שטיבל.

דאָס האָט ער, דער זיידע יאַנקל,
ווי פאַרגעסנדיק אין גלות,
אָט דאָס הײַזל מיטן גאַנעק
מיט צוויי זײַטן ווי צוויי פאָלעס

אויסגעבויט און צוגעבויט זיך
נאָך אַ הויז מיט נאָך אַ גאַנעק,
נאָך אַ געסל און מע האָט זיך
איבער דער ירושה יאַנקלס

אויך געריסן און געקריגט זיך,
ייִדן שיער זיך נישט געשלאָגן,
ייִדענעס האָבן געקוויטשעט,
"צווישן מענטשן" זיך געלאָדן.

...צו דעם טײַך קאַמיש צו ברענגען

נאָר דאָס איייניקל, דער שמײַסער,
מיט זײַן ווײַבל, דאָס אַנטיקל,
ציט אַרײַן זיך בשעת מעשה
דורך אַ שמאָלן הינטערליקל.

און גיי לאָד אים און גיי וואַרף זיי
פון דער שטוב אַרויס די בעטן,
אַז מ׳האָט נעכטן ערשט געפּראַוועט
זייער חתונה אין שטעטל.

אויף דער חתונה געוועזן
אַלע ברוגזע מחותנים
און געטרונקען און געגעסן
פעטע חתונה=מאכלים.

נאָך די קלעזמערישע מאַרשן,
נאָך דער חופּה מיט די שטאַנגען,
נאָכן לעקעך מיטן בראָנפן
איז מען באַלד אַ טאַנץ געגאַנגען.

צו דער וועטשערע דער ערשטער,
צו דער וועטשערע דער צווייטער
האָט די לופט די מאַרקולעשטער
זיך צעוויגט פון פידלען, פלייטן.

אין אַ שער מע האָט געלאָזט זיך,
ס׳האָט געטאַנצט דער פלויט, דער טויער
און אַ פעטער ווי אַ פאַסטעך
האָט צעווײנט זיך ווי אַ פלויער.

אַלע זענען דאָ געוועזן
אָנגעגעסן אָנגעשיכורט,
האָט מען אין דער קריג פאַרגעסן,
ביז מע האָט זיך אויסגעניכטערט.

זענען שוין אין שטוב געשטאַנען
טאָקע זייערע דרשה=געשאַנקען —

בעטן, שפּיגלען, טאַצן, פאַנען
מיט די מעש=צעגלאַנצטע קלאַנגען.

האָט מען שוין די זײַט די צווייטע
אײַלנדיק פאַרקויפט אין שטעטל.
אַרקע גבאי איז אויף גרייטן
זיי געקומען איבערבעטן.

האָט דאָס בערדל צוגעגלעט זיך
און האָט אויסגעשטרעקט דעם שטעקן,
מיטן שכן אָפּגערעדט זיך,
אַז מע דאַרף דאָס דעכל דעקן.

און מע האָט זיך אײַנפאַרשטאַנען,
אַז מע טאָר נישט וואַרטן לענגער,
איז געגאַן דער שמײַסער שפּאַנען
צו דעם טײַך קאַמיש צו ברענגען.

דאָס נײַנטע קאַפּיטל.

פון זײַן מאַמעס וויגל, שטיבל
האָט זיך סיאָמע אויפגעהויבן
און מיט יונגע פרישע פליגל
אין דער וועלט אַוועקגעפלויגן.

און געלאַנדעט אויף אַ בעטל
פון זײַן זיידנס קעלערשטיבל,
האָט זײַן קינדהײַט פונעם שטעטל
זיך דערפילט ווי אין אַ גריבל.

ער, דאָס אייניקל געראָטנס
פונעם באַסאַראַבער זיידן
האָט פאַרקלערט זיך דאָ אין שאָטן
פונעם זיידן פונעם צווייטן.

בײַ זײַן מאַמעס טאַטע=מאַמע,

בײַ די אַלטע, גראָע, קראַנקע,
האָבן זיך אין פרילינג סאַמע
אים פֿאַרװאָלקנט די געדאַנקען.

נישט געדונגען זיך קיין צימער
מיט אַ פּיאַנע בײַ די פענצטער,
בײַ זײַן זיידן פלעגט ער װינטער
אין דער קעלט און אין דער פינצטער

זיצן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן
און געפּילט אַ גרויס אחריות,
ס'האָט זײַן מאַמע אים דערצויגן
אויף צו האָבן פון אים נחת.

און ער קען זיך נישט פֿאַרגינען
זײַנע יונגע טעג פֿאַרברענגען
און ער מוז אַליין פֿאַרדינען,
עפּעס נאָך דער באַבען ברענגען.

און אויך צוהעלפן דעם זיידן,
װעלכער זעט שוין נישט צו נייען
און געזאָרגט פֿאַר יענע פריידן,
װעלכע קענען אים דערפרייען.

אים צוליב האָט ער געדאַװנט,
זיך צוליב געמאַכט די קלאַסן
און מיט ייִנגלעך זיך געחברט
אין דער שול און אויף די גאַסן.

מיט אַ ייִנגל מיט אַזאַ מין
פלעגט ער אָפט אַ שותפות מאַכן
טראָגן רענצלעך צו די באַנען
אָדער אַנדערע שװערע זאַכן.

און זיי פלעגן זיך צעטיילן
מיט די גראָשנס די פֿאַרדינטע,
נאָך דעם פלעגן זיי זיך אײַלן

שטאָלץ ווי העלדן גאָר באַרימטע.

אין די היימען זיך צו טרעפן,
סײַ בײַ יענעם, סײַ בײַם זיידן,
נישט אפילו אויף די טרעפּלעך
נישט געווען קיין פּלאַץ פּאַר ביידן.

האָט דען נישט געוווּסט זײַן מוטער
ווו זי שיקט דעם ליבלינג אירן?
אַז צום ברויט זײַנעם איז פּוטער
אין איר היים נישטאָ צו שמירן.

דאָ — אַ שטוב פון אַלעם גוטן —
מעל און אייער, מילך און האָניק.
בלויז קיין געלט נישטאָ, וואָס טוט מען,
וואָס זשע שיקט מען אים פון דאַנעט?

זאָל זי שיקן אים אַ הייסע
יויך מיט מאַנדעלעך ווי שטערן?
וועט די יויך אין וועג, דאָס ווייסט זי,
ביז אַהין אַ קאַלטע ווערן

שיקן אייער אים אַ מאה,
וועלן זיי אין וועג זיך ברעכן,
שיק אַ קוילעטש ערשט פון פײַער,
וועט ער פריש אַהין נישט גרייכן.

ז׳האָט אים פּלעצלעך מיטגעגעבן
אויף אַ האַלבן יאָר זאָל סטײַען,
לייגט די באָבע זיי דעם זיידן
אין דער טיי צו קענען קײַען.

סיאָמע עסט אַ סופּקאַרטאָפל,
פילט אין אים ער אַלע טעמים,
ס׳האָט אפילו שוין געטראָפן
גראַדע ערב דעם עקזאַמען,

נישט געהאַט קיין צײַט צו עסן,
נישט געהאַט קיין צײַט צו שלאָפֿן
און אַזוי, נישט אויפֿגעגעסן
האָט געוואַרט דער סופּקאַרטאָפֿל.

פֿאַרן ערשטן, פֿאַרן צווייטן,
דריטן, פֿערטן קלאַס צוזאַמען,
מוז זיך סיאָמע איצטער גרייטן
אָפּצוגעבן דעם עקזאַמען.

ס'איז שוין שפּעטע נאַכט אין דרויסן
(אין דער היים איז אויסגעשטערנט)
סיאָמע זיצט זיך ווי פֿאַרשטויסן
און ער לערנט, לערנט, לערנט.

צו דער שײַן פֿון לעמפּל קליינעם
גיסט זיך צו די שײַן פֿון ביכער
און זיי לויכטן שוין אין איינעם
ווי די שײַן פֿון טויזנט ליכטער.

דאָס צענטע קאַפּיטל.

סיאָמע פֿלעגט סוף חודש סיוון
זיך צום שטעטל דורכקומען,
אומגעבלאָנדזשעט מיט אַ כיוון
און אין שטעטל=טײַך געשווומען.

פֿלעגט דאָס שטעטעלע באַטראַכטן,
וואָס איז קלענער איצט געוואָרן
נאָך די ריזיקע פֿאַרנאַכטן
איידער ער איז אָפּגעפֿאָרן.

ס'איז די מאַמע אויף דער פּריזבע
פֿריער געווען אַזאַ מין גרויסע
און דאָס שטעטל האָט צעשפּרייט זיך
אויפֿן גאַנצן זומער=דרויסן.

אויף די הײַזלעך הימל בלויער
האָט אויף אַלע פיר צעלייגט זיך
און דער ווינט האָט ווי אַ קונה
אומשפּאַצירט איבער די קלייטלעך.

און גערייצט זיך מיט די מיידלעך
מיט נאָך קינדערישע צעפּלעך
און געפּרוווט זיי מאַכן פריילעך
ביים פאַרקויפן יאָרצײַט=לעכטלעך.

נאָך אַ באָבען, נאָך אַ זיידן,
וואָס מע הערט זיי, דאַכט זיך, טענהען,
אַז ס׳איז טונקל אין גן עדן
און זיי דאַרפן ליכט פון דאַנען.

לעכט פאַר קינדער, וואָס געשטאָרבן,
אומגליקלעך פאַרליבטע טעכטער,
וועלכע האָבן נישט פאַרטראָגן
שפּאָט פון לײַטישן געלעכטער.

קלייטן שיך און קלייטן שטיוול
פאַרן בלאָטיקן הינטערגעסל,
ווו פאַר יעדן צווייטן שטיבל
רייכערט זיך אַ שנײַדער=פּרעסל.

און סע זיצט אַ באַלעבעסל
און ער אַרבעט מיט די מענטשן,
האַלט אין האַנט אַן אַרבל, פלייצעס
פון די פויערישע פּרענטשן.

מיטן דין=פאַרשפּיצטן פאָדעם
נעענטער צום ליכט פון לעמפּל
סיליעט ער דורך דינער נאָדל
און אַ צווייטער זיצט בײַם שטעפּן.

סיליעט דורך דער נאָדל דינער
שײַן אַ פּאַסיקל אַדורעך

און בײַם פּרעסל שטייט אַ דריטער,
פּאַרעט עפּעס, זינגט אַ וואָלער.

דורכגעצויגן, דורכגעסיליעט
לעצטע שײַן שוין פון די אויגן
און דער באַנוול ציט דאָס כּיעס
און ער בלײַבט נישט דורכגעצויגן.

ביז סע קומט צו הילף זײַן ווײַבל
און זי מאַכט עס פּראָסט און איידל,
טראָגט אים צו די שער צום שנײַדן
און צום צייכענען דאָס קרײַדל.

און די שנײַדער=יונגען זינגען
טרויעריקע ליבע=לידער,
וועלכע קלינגען הויך און שפּרינגען
זייער גרענעץ ווײַט אַריבער.

סיאָמע פּילט, ס׳איז ענג אים אין דער
וועלט פון זײַנע קינדעריאָרן,
וואָס איז, דאַכט זיך אים, אַצינדער
אײַנגעשרומפּענער געוואָרן.

וואָס איז איצטער בערל אײַזיקס
גביריש הויז אַקעגן יענע
גאַסן גאָרנדיקע הײַזער?
און די גאַסן האָבן נעמען.

וואָס איז איצטער שלמה בענציעס
קלייט אַקעגן יענע קלייטן
מיט די גרויסשויביקע פענצטער —
שפּיגלען איינער קעגן צווייטן?

אמת דאָרט איז אויך פאַראַנען
שמאָלע געסלעך פול מיט שטויבן
און בײַם פײַפן פון די באַנען
ציטערן אין זיי די שויבן.

און קבצנים דאָרט פֿאַראַנען
מערער ווי אין הונדערט שטעטלעך
גרעסערע ווי די פֿון דאַנען
די קבצנים און די בעטלערס.

די קבצנים און די שלעפּערס —
ס'יאָמע כאַפּט זיך שטיין געבויגן
און ער פּילט זיך שולדיק עפּעס
ביים פֿאַרמאַכן זיינע אויגן.

דאָס עלפֿטע קאַפּיטל.

אַרקע איז געווען גבאי
אינעם שניידערשן בית=מדרש,
פּלעגט ער יעדן שבת פּראַווען
נאָכן דאַווענען אַ קידוש.

און עס פּלעגט זיך ביי אים גיסן
פֿון די פֿלעשלעך ווי פֿון פֿעסער,
בראָנפֿן איז געווען פֿאַר טרינקערס,
ס'איז געווען אויך פֿאַר די עסערס.

אויב נישט קיין מאָדערנע טאָרטן,
איז געשמאַקער האָניק=לעקעך
און אַ שבתדיק געבראָטנס
נאָכן וואָכעדיקן הערינג.

און זיין שכן פֿון דער דירה
האָט פֿאַרלאָזט די באַלעגאָלעס,
איז אַריבער, זיך געייחוסט
מיט די שניידערס, בעל=מלאכהס.

מיטן תירוץ, ס'איז אים נענטער
צו דער שול, וואָס קעגן איבער,
איז ער נאָך פֿאַריאָרן ווינטער
צו דער שניידער=שול אריבער.

האָבן זיך די באַלעגאָלעס
פון דערפון געפילט באַלײדיקט,
האָט מען אײן מאָל אים דעם האָבריק
פונעם זעקל אויסגעלײדיקט.

און געלאָזט די פערדלעך, נעבעך,
פאַסטן אויפן װעג אין מיטן,
ס'האָט דער באַלעבאָס געזינדיקט
און די פערד האָבן געליטן.

אַרקע האָט זײ אָנגעטראָפן
און גאָר פײַן זײ אויסגעמוסרט —
"אָט מײַן ברודער איז אַ סטאָליער
און ער דאַוונט מיט די שוסטערס".

אַרקע איז געבליבן גבאי
און זײַן שטוב איז נישט געפאַלן
אויך, װען װײַט האָט זיך צעפלאַקערט,
אַ מלחמה איז אָנגעפאַלן.

ערגעץ װײַט איז אָנגעגאַנגען
בלוטיקע און שװערע שלאַכטן,
װײַט פון באַסאַראַבער קאַנטן
מיט די פרידלעכע פאַרנאַכטן.

נאָר מע האָט די זין פאַרנומען
און די מענער פון די טעכטער
און נישט אַלע גאַנץ געקומען
זענען פון די פרעמדע ערטער.

װען עס האָט די װעלט צעװיגט זיך
און אַראָפּגעװאָרפן צאַרן,
זענען איבערן פּרוט געקומען
די באָיאַרן, נײַע האַרן.

מיט זשאַנדאַרן אין די שטעטלעך,
אין די דערפער און אויף װעגן

און דער פויער האָט געווערט זיך
און האָט זיך געשטעלט אַקעגן.

רוסלאַנד האָט איר ערד די גאָרע
בײַ די פּריצים אָפּגענומען
און זי אומגעקערט דעם פויער,
ווײַל די ערד איז אים געקומען.

האָבן אויכעט די באָיאַרן
נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה
און די ערד די באַסאַראַבער
אײַלנדיק פּאַרטיילט, פּאַר מורא.

און די מאַרקולעשטער ייִדן
האָבן אויך געפּאַקט אַ חלק,
מ׳האָט געמאָסטן און געשניטן
און געטיילט אי ביין, אי ביילק.

ערד איז פעט און ערד איז מאָגער,
מ׳האָט געקרײַדלט מיט אַ שטיינדל.
דער, וואָס איז געווזן אָרעם,
צוגעוואָרפן אים אַ ביינדל.

ס׳איז די טאָליקע געבליבן
פאַר דער טשערעדע פון שטעטל
און אַזוי האָט מען פאַרשריבן
און אַזוי האָט מען געשטעמפּלט.

האָט אַ ייִד אַ סטאַדע לעמער
אייגענע פאַרמאָגט אַ גרויסע
און דערצו געווען אַ קרעמער
און דערצו געווען אַ סוחר,

האָט ער באַלד און אָן צו פרעגן
זיך צעשפּרייט אויף אַלע גראָזן,
ווײַל מען בויען דאָרט פאַבריקן,
שווערט ער זיך, ער וועט נישט לאָזן.

און ער פאָרט אַוועק אין צענטער,
קויפט דאָרט דעם, וואָס לאָזט זיך קויפן
און ער ברענגט פון דאָרט אַן ענטפער,
טראָגט אים איבער אַלע הויפן.

וויל מען בויען דאָרט אַ סטאַנציע,
ווײַזט אַ פײַג ער פון זײַן גאַנעק,
קום געפונעלט זײַן ווײַבל חאַנציע
לאָזן בויען אַ פאָלסטאַנעק.

פאָרן צו דער באַן באַלגאָלעס,
פירן זעק און פירן פעסער
און מע פירט פון דאָרט די סחורות
פון די שטעט, וואָס זענען גרעסער.

זעק מיט ברויט און פעסער בוימל
שיקט דער וועלט דאָס קליינע שטעטל,
שיקט די וועלט צו אירע קונים
סחורות גאָר אַ לאַנגן צעטל.

הערינג, צוקער, ציץ און לעדער,
ברעטער, בלעך און אַנדערע זאַכן
נאַפט און זייף און זאַלץ די קרעמערס
זייערע קראָמען פול צו מאַכן

באַלעגאָלעס האָבן סוסים,
טרעגערס האָבן בלויז די פלייצעס,
זענען יענע מיוחסים
און זיי האַלטן פעסט די לייצעס.

און מע זיצט אין שול אין מזרח
און מע קויפט זיך טײַערע עליות
און מע פילט, אַז עפּעס איז דאָך
דאָ אַ גאָט אַ גרויס חריפות.

פרויקע ראובנס, אַרקעס שכן,
אויפגעקומען אויך, אַפּנים,

טוט אים באַנג, וואָס ער פֿאַרקראָכן
צו די שנײַדערס, די קבצנים.

חנה אַרקעס, אַרקעס טאָכטער
טראָגט זיך עפּעס אום מיט סודות
און אין איר איז אַ פֿאַרקאָכטער
סיאָמע ראובנס און נחמהס.

שנײַדעריונגען, אַרקעס מענטשן
גרייטן זיך צו גרויסע טאַטן
אַרקעס טאָכטער טוט זיי בענטשן
אויף אַ שטרײַק קעגן איר טאַטן.

און זיי פֿאָדערן און מאָנען
אַכט שעה אַרבעט אויפֿן זייגער,
בעסער עסן, גראַמער ווינען,
לעבן לויט אַ נײַעם שטייגער.

און סע ענטפֿערט אַרקע גבאי
אויף די טענות זייערע אַלע:
גראַמער ווינען? אַדראַבע,
ער וואָלט אויך געוועו אַ בעלן.

בעסער עסן? ער אַליין דאָך
עסט מיט אַלע פֿון איין שיסל.
נעמט ער זיך דען מער קאַרטאָפֿל?
עסט ער מער פֿון זיי אַ ביסן?

אַכט שעה אַרבעט? נו און ער וואָס?
אַרבעט ווייניקער פֿון אַלע?
זײַנע ייִנגלעך גייען באָרוועס
און זײַן טאָכטער באַלד אַ כלה

האָט קיין איינציק לײַטיש קליידל
צווישן מענטשן זיך צו ווײַזן,
ז'איז צו לײַטן שוין אַ מיידל,
און איז אויכעט נישט פֿון אײַזן.

בעסער לעבן? ס׳קען נישט שאַטן,
נאָר וואָס וויל פון אים די טאָכטער?
בונטעווע אַקעגן טאַטן,
וואָס ער האָט זי אויסגעבאָוועט.

מערער צאָלן? ער וואָלט אויכעט,
ווען ער וואָלט זיך נאָר נישט שעמען,
מער געמאָנט פאַר נייען הויזן,
ווען ער וואָלט געהאַט ביי ווען.

נאָר די פויערים, די קונדן,
ס׳לעבט זיך זיי דאָך אויכעט ביטער
מיט דער קו אין איינעם וווינען,
זייער סוף איז אויכעט שיטער.

אַרקעס טאָכטער, די בת יחידה
אין אַ פויערישן קליידל
האָט אויך אָפּט צונויפגעקליבן
אַרום זיך אַ דאָרפיש ריידל.

אויפגערירט די גאַנצע געגנט —
אַלע דערפלעך, אַלע שטעטלעך,
אַלע וואָגנס אויף די וועגן
זענען פול געווען מיט בלעטלעך.

ז׳האָט געפּרוּווט אַרייַנציען סיאָמען,
ראובנס זון, דעם האַלבן דאָקטער,
וואָס וועט שוין אַזוי [illegible]
זיצן ווי אַן אָנגעקלאָגטער

אין דער היים ביים קליינעם טישל
ביי דעם פענצטערל דעם קליינעם
און וועט מישן, מישן, מישן
און וועט לייענען, לייענען, לייענען.

מישן, לייענען, טראַכטן איידל
וועגן זין פון אָט דעם לעבן,

וועט מקנא זײַן דאָס מיידל,
וועלכע רוט נישט אויף די וועגן.

טרוימען וועט פון חנה אַרקעס,
וואָס ער האָט זי ליב באַקומען
און פון איר אַן איבעראַשטער
וועט ער שוין צו זיך נישט קומען.

דאָס צוועלפטע קאַפּיטל.

ווײַט אויף יענער זײַט פון שולדראַך
ווו די פייגל טראָגן אָפּ זיך,
דאָרט איז לעבעדיק און פריילעך
און מע קושט זיך און מע שלאָגט זיך.

דאָרטן אויפן מאַרק אין שענקען,
אויפן קײַלעכדיקן געסל,
רײַסט פון הערצער זיך דאָס בענקען
ווי דער ווײַן פון פולן פעסל.

און די פויערים מיט לײַבער
און מיט פּנימער צעצונדן
נעמען דאָ פּאַר זייערע ווײַבער
זייערע הערצער אויפצובינדן.

זיי צעלאָזן זיך אין לידער
בײַ דער שײַן פון גרויסע לאָמפּן,
לעשט דאָס האַרץ זיך, גיסט מען ווידער
צו אַ ביסל ווײַן צי בראָנפן.

אָבער פון אַזאַ מין לעשן
ברענט די שריפה שטאַרקער, העלער
און אַ פלעשל נאָך אַ פלעשל
ברענגט מען פונעם פאַס אין קעלער.

ווערן שווערע קעפּ אַלץ שווערער:

— זיידעס, מיר, די קינדערס קינדער,
— זיידעס, איר פלעגט טרינקען מערער
פון די אייניקלעך אַצינדער

איר פלעגט טרינקען גלײַך פון עמער
און אויך אונדז דערצו געצווונגען,
איז פון גלעזער דען נישט שענער
און אויך שענער ווערט געזונגען.

שענער ווערן אויך די לידער
אָפּגעפּײַלטער, אויסגעאיידלט,
כאָטש מע זינגט דאָס זעלבע ווידער,
ליד פון בחור, ליד פון מיידל.

ליד פון זעלנער אין די ווײַטן,
ליד פון מיידל צו איר זעלנער,
בענקשאַפט נאָך די פרידנס=צײַטן,
ווען ס׳האָט קיינער נישט געפעלט נאָך.

צי דער עיקר איז דער דער פלאַקער
פונעם האַרצן פול מיט ווייטיק,
וואָס איז ווי דאָס פעלד צעאַקערט
און דער ווײַנרעגן איז נייטיק.

אויפצופרישן יענע זומען,
וועלכע ליגן טיף באַגראָבן.
און עס גייט באַלד אויף אין רוימען
אַ געזאַנג געמישט מיט קלאָגן.

אַ געזאַנג אַזאַ אַ זשעליע,
אַ געזאַנג אַזאַ אַ דוינע,
שפיל, מאָלדאַווישע קאַפּעליע,
דאָס געזאַנג ווי ווײַן זאָל שוימען.

פון די ליידן, פון די פריידן,
פון די יונגע שטאַרקע יאָרן,
ווען מע פלעגט נאָך מיטן זיידן

זונטיק אין די מאַרקן פאָרן.

אויסגעפוצט די פערד און וואָגן,
אויסגעצירט די אייגענע שליאַפּעס,
אָפט מאָל פלעגט מען זיך צעשלאָגן
איבער שיינע פּאַטאַ=מאַרעס.

האָבן מיר דאָך אַלע וועגן
דורך די פעלדער אויסגעפאָרן
שמעקנדיקע אויף די רעגנס
פון די פרילינגדיקע יאָרן.

פון די פעלדער די צעשפּרייטע
פלעגט מען צו די סטערטעס טראָגן
רײַפן שניט צונויפגעלייגטן
און אויף וואָגנס אים געלאָדן.

אים געדרעשעט און געווייעט
אויף דער זיפּ אין ווינטן העלע
און פון זיפּן האָט געשנייעט
מיטן רײַפן ווייץ דעם געלן.

און די ציידעס די מבינים
פלעגן אָננעמען אַ זשמעניע
און ווי אמתע נביאים —
שאַרפע אויגן פול מיט זעונג.

ערב אָסיען פאַר די בלאָטעס,
טאָמער האָט געקרעבצט אַ רעדל
האָט מען עס געפירט צום דאָקטער..
צו דעם קאָוועל פונעם שטעטל.

נאָך דעם שטיל געפירט די תבואה
און אין וועג זיך נישט פאַרהאַלטן
ביז די סוחרים, וואָס געווינט נאָך
אונטן אויפן מאַרק דעם אַלטן.

איינער פונעם צווייטן עלטער,
ייִדן כלומרשט עם=ארצים,
אַרבעטן אַליין די פעלדער,
שאַצן מיטן אויג דײַן פּראַצע.

און די בערד פון זיידעס גראָע
מיט די בערד פון גראָע ייִדן
האָבן אויף אַ וווּנדער=לשון
צווישן זיך זיך דורכגעשוויגן.

אָפּגעווויגן אַלע זעקלעך,
זיך בײַם ציילן נישט געהײַעט
און געלאָזט זיך מיט די געלטער —
פּאַרביקע פּאַפּירלעך נײַע —

צו די ווײַנקעלערס די גרויסע
מיט די שטיינערדיקע טרעפּלעך
און געמאַכט האָט מען אַ כוסה
מיט אַ מאָל פון אַלע פעסלעך.

ס׳האָט זיך זיידע פריילעך, שיכור,
מיט די אייניקלעך געבאָרעט.
ער, ווי גיך זיך אויסגעניכטערט
און ווי שווער אונדז אויסגעבאָוועט.

יאָרן רוסישע און לאַנגע,
טויזנטמײַלעדיקע וועגן,
דורכגעפאָרן, דורכגעגאַנגען
אויף דער זון און אויפן רעגן.

בײַ די רוסן אויסגעוואַקסן
און געדינט בײַ די רומענער,
זיך גערופן מאָלדאַוואַנער,
ווײַל דאָס קלינגט אונדז נענטער, שענער.

אויספּאַרקויפט דעם ווייץ און קאָרן
און דאָס לאָשעקל, דאָס ביקל,

הויל מאַלײַ געגעסן יאָרן,
צוצוקויפן ערד אַ שטיקל.

שווערער ווערן אַלץ די צײַטן,
קלינגט דער טרויער יעדן אָוונט,
סיאָמע האָט געפילט פון ווײַטן
זייער ווײַטן ווייטיק נאָענט.

דאָס דרײַצנטע קאַפּיטל.

ס׳האָט די פּני פון קליינעם שטעטל
זיך פאַרזאַמלט און באַשלאָסן
מע זאָל פאָרן, מע זאָל בעטן
די נאַטשאַלסטווע, זי זאָל לאָזן

אַ גימנאַזיע צו גרינדן,
מיט פיל קלאַסן, קראָרידאָרן
און נישט דאַרפן זאָלן קינדער
אין די פרעמדע שטעט צו פאָרן.

אויסצובויען אַזאַ בנין
קאָסט, פאַרשטייט זיך, נישט קיין דרײַער,
נאָר אַז מע באַטראַכט דעם ענין,
קאָסט די פרעמד דאָך אויכעט טײַער.

מ׳האָט אַראָפּגעבראַכט די בויער,
אָנגעפירט אַ באַרג מיט שטיינער,
אויסגעבויט אַ שיינע מויער
און געפלאַנצט אַ גאָרטן ביימער.

און אַ סטאָראָזש גלײַך געדונגען
און געקויפט אים אַ פּאָר שטיוול
און אַ גלאָק, וואָס האָט געקלונגען,
אויסגעבויט אים אויך אַ שטיבל.

און געבראַכט אויך פּעדאַגאָגן

און אויך סיאָמען אײַנגעלאַדן,
כאָטש ער שטאַמט, ווי אַלע זאָגן,
פונעם שטעטלס פּראָסטע גראַדן.

אויפגעגנייט האָט מען די קינדער
קנעפּלדיקע אוניפאָרמעס,
וואָס נישט אָנגעזען מ׳האָט ווינטער
אונטער קינדערשע פּאַלטאָעס.

דעם בופעט האָט אָפּגעדונגען
שמואל דראָנג אויף אַלע יאָרן,
ס׳האָט דער סאַמאָוואַר געזונגען
איבער אַלע קאָרידאָרן.

האָבן קינדער אויף די לעקציעס
קוים דערוואַרט זיך די הפסקות,
זיך צו קוויקן מיט די פּלעצלעך,
וואָס ס׳האָט אָנגעבאַקן סאָרקע.

שמואלס ווײַב, די ״גימנאַזיסטקע״
ווי מ׳האָט זי געצומען רופן,
פריער געווען אַ מאָדיסטקע,
איצטער העכער מיט אַ שטופּע.

זי געווען, מעג מען זאָגן,
סיאָמעס גאָר אַ נאָענטע קרובה,
פּלעגט זי אים אַקעגנטראָגן
ס׳בעסטע פּלעצל פון איר אויוון.

לערער האָבן אויף דעם חשבון
שטילערהייט זיך דורכגעווונקען,
מאַכט זיך סיאָמע, ער באַמערקט נישט
און געקײַט, מיט טיי פאַרטרונקען.

ס׳האָט פאַרמאָגט אָט די גימנאַזיע
שילער דרײַ הונדערט מיט איינעם,
מע דערציילט בײַ דער אָקאַזיע

אויך אַ וויץ און גאָר אַ שיינעם.

ס׳האָט דעם שטעטלס פּאָסט=נאַטשאַלניק,
ער אַ קריסט געווען אַ פרומער,
זיינס פאַרמאָגט אַ זון וויטאַליק,
וואָס געהינקט, געווען אַ קרומער.

איז געווען אַ שאָד אים שיקן
אין פלאָרעשטער שקאָלאַ מעדיע,
האָט ער אָפּגעטאָן אַ שטיקל
און געשיקט אים אין גימנאַזיע.

די גימנאַזיע, וועלכע ציילט איצט
שילער — אַ דריי הונדערט ״גויים״
און איין קריסט, אָט דאָס דער וויץ איז,
וואָס כ׳דערצייל אייך דאָ גענוי אים.

ס׳איז געווען באַפרייט וויטאַליק
פון תּנך און פון העברעיִש,
זענען אים געווען מקנא
יאַפּע לייב און ווייסבוך בעריש.

פילט דער קריסט, ער האָט קיין גלייכן
און ער רעדט אויף הויכע טענער,
פאַרן קול זיינעם דעם הויכן
מ׳האָט געשטעלט אים סאַמע צענער.

בלויז ביי סיאָמען איז דער נומער
ביי לאַטיין נישט אָנגעגאַנגען,
האָט דאָס טאַטעלע, דער פרומער
אומעטום פאַרשפרייט די קלאַנגען

וועגן סיאָמע דעם זשידאַנעק,
אַז ער איז דאָך טרייף און פּסול,
רעדעס האַלט ער פונעם גאַנעק
צו די ייִדלעך פון זיין געסל.

סיאָמע איז צוריקגעטרעטן
פון דער אַרבעט אין די קלאַסן
און געציטערט האָט דאָס שטעטל
און געשראָקן זיך די גאַסן.

און מיט לעקציעס מיט פריוואַטע
האָט ער זיך אַצינד פאַרנומען,
אָנגעקוועלט האָט איצט דער טאַטע
פונעם זינדל פונעם קרומען.

דאָס פערצנטע קאַפּיטל.

אויף דעם סטעפּ דעם קוים באַוווינטן
האָבן זיך געמערט די דורות,
זיך ווי גאָרנס אויפגעהויבן
אויפן פונדאַמענט פון זיידעס

וויפל האָט אַ בוים עס בלעטער?
וויפל האָט אַ פאַסטעך רינדער?
סיאָמע מיט די דרײַצן פעטערס
האָט דאָך הונדערט שוועסטערקינדער.

חוץ די פרײַנד און די באַקאַנטע,
חוץ די אָנהענגער, פאַרערער,
חוץ די לײַט אינטעליגענטע,
חוץ דעם בעדער און דעם שערער.

קען ער יעדער הויז באַזונדער,
אַלע קנייטשן, אַלע פאַרבן,
יעדער נײַס איז דאָ אַ וווּנדער,
יעדער וווּנדער פול מיט פאַרבן.

צווישן פעלדער האָבן דערפער,
האָבן אויך די קליינע שטעטלעך
צוגענומען נײַע ערטער,
צוגעבויט זיך און צעשטעלט זיך

אויפן נײַעם מאַרק אין דרויסן
ווי אַ רונדער, גראָער טעלער,
ברענגט מען גאָרנדיקע קוישן
צו די נײַע פּרוכטנקעלערס.

קעלערס פול מיט רויטע עפּל,
געלע באַרן, שוואַרצע פלוימען,
איבער קעלערס הענגען טרעפּלעך,
פירן זיי אַרויף צו קראָמען.

ענגע קראָמען אָנגעשטאָפּטע
זאַלץ און צוקער, בוימל האָניק,
פעסלעך הערינג, אָנגעקלאַפּטע
נאָפּט אַ פעסל אויפן גאַנעק

פול מיט שניט=סחורות די קלייטן
און מיט צעלניק פול די קראָמען
און מיט טיכעלעך מיט קווייטן
און מיט שמעקנדיקע בשמים.

קראָמען הויכע, פולע ראַפּטן
ביז דער סטעליע אָנגעהויפּטע,
שטייען פון דער שטאָט געבראַכטע
צוגעדונגענע פאַרקויפערס.

און זיי רעדן מיט די פּראָסטע
פויערים אויף איידל=לשון,
אַז דער פויער פילט, סע פּאַסט ניט
גלאַט אַזוי די קלייט פאַרלאָזן.

און נישט קויפן כאָטשבי זאָקן
פאַר דער כלה=מויד, דער טאָכטער,
וועלכע טאַנצט שוין אויף די זשאָקן
מיט אַ שיינעם, פײַנעם בחור.

נאָר ווי גאָרנס האָבן קראָמען
איבער קעלערס הויך געריטן,

האָבן פּרוכטן דורכן זומער
אין די קעלערס זיך געביטן.

שפּעטע קאַרשן האָבן דאָרטן
מיט די פלוימען זיך באַגעגנט,
אויב ס׳איז זון געווען אין גאָרטן
און ס׳האָט נישט געשטערט קיין רעגנס.

און די ווײַנטרויבן די גרויסע
נאָר ווי שיינע קינדערטרערן
קוועטש זיי אויס און מאַך אַ כוסה
ועסטו באַלד געגעזן ווערן.

אין די קעלערס הערט דער רעש זיך
פונעם גרינס אין דרויסן אויבן,
גערטנער האָבן זיך פאַרזאַמלט
אויף אַ שטיקל ערד מיט שטויבן.

בײַ האָלאָבליעס אויפגעשטעלטע,
צי אַראָפּגעלאָזטע דישלען
פון די פורלעך אויסגעשטעלטע
צווישן קוישן, שטעלן, טישן.

שטייען פערדלעך אויסגעדרייטע
מיט די קעפּ אַרײַן אין וואָגנס,
מיט די הינטנס צו די קלייטן
און מע זאָטלט אָן די מאָגנס.

אויף דער זון אין ענגן דרויסן
פאַר די קעלערדיקע שוועלן,
באָרוועס און אין רײַטער=הויזן
שטייען זיצערס בײַ די שטעלן.

רופט מען דאָרטן אויס די סחורות
און מע טוט די סחורות לויבן
און נישטאָ קיין אפּיקורס,
וואָס ער זאָל אין דעם נישט גלויבן.

קאַוונס, רויטער פון דער זון נאָך,
דיניעס זיסער נאָך פון צוקער
און די טרויבן — פון דערפון דאָך
ווערט מען צען מאָל מער געזונטער

און סע הערן זיך די שרײַיערס —
קליידלעך, טיכלעך, הייזלעך, שיכלעך
און די פויערטעס מיט אייער,
ייִדענעס מיט קוואַס און קיכלעך.

סיאָמע דרייט זיך אום פאַרשלאָפן
אויפן מאַרק דעם אים באַקאַנטן
און מע קוקט אויף אים ווי אויפן
טערקיש=טראָלדיקן געזאַנדטן.

כ׳האָב פאַרטראַכט קאַפּיטלעך זיבן
כ׳ענדיק ס׳פערצנטע קאַפּיטל,
כ׳האָב שוין, דאַכט זיך, אַלץ באַשריבן
און איך האַלט נאָך אַלץ אין מיטן.

דאָס פופצנטע קאַפּיטל.

ס׳איז אַן אַלטער בחור סיאָמע
און אַ נאַר און אַ פאַרליבטער,
נישט קיין נחת פאַר זײַן מאַמען
און אַ פרעמדער צווישן ברידער.

סיאָמע פילט, אים דאַרף דאָ קיינער,
שוואַרץ דער עתיד פון די ייִדן,
דרייט ער זיך — אַ ליידיקגייער
אויף די סוחרישע יאַרידן,

וועלכע ווערן אויך צעטריבן
אין די לעצטע טונקעלע צײַטן
און די טונקל — ווייַ געשריגן,
ס׳קומט די פינצטערניש זי בײַטן.

גוט באַקאַנט די געגנט דאָ איז
סיאָמען — דערפער אַרום שטעטל
און ער פלעגט אין די חגאות
איבערגיין דאָס בריקל=ברעטל.

פאַרבן מיט די אויגן שלינגען
אויף דער סטעזשקע צו די זשאָקן,
דורך די לאָנקעס, וועלכע קלינגען
ווי דער סטאַדעס גרויסע גלאָקן.

אויף אַ ברייטן פלאַץ פול שטויבן
גלײַך דער מאַרק ווי אַלע וועגן
האָבן זיך צונויפגעקליבן
זייערע שטויבן אָפּצולייגן.

דרייען זיך אַרום די ריידלעך
בלאָ און רויט און ראָז=פאַרפּוצטע,
די בחורים און די מיידלעך
אָפּגעברוינטע און פאַרשוויצטע

און ציגײַנער=פידלען שפּילן,
און ציגײַנער=פויקן קלאַפּן,
און די פרילינג=ווינטלעך קילן,
העלפן זיי דעם אָטעם כאַפּן.

סיאָמע טאַנצט נישט. אַ פאַרקלערטער,
זאַט פון פאַרבן און פון קלאַנגען,
ער מיט קנאה צו די דערפער
איז צום שטעטל היימגעגאַנגען.

ער מיט רויט=צעברענטע אויגן
פלעגט אַרומגיין, אַלץ באַטראַכטן,
ווען די זון אין רויטע שויבן
פלעגט זיך זעצן אין פאַרנאַכטן.

דעמלט פלעגן די פאַרוואַלטערס
עפענען די ביבליאָטעקן

און אויף ביידע ברייטע גאַנעקעס
פלעגט קיין פלאַץ נישט שטענדיק קלעקן.

סיאָמע דאָ צווישן יוגנט
נישט געפילט אין זיך קיין עלטער
און געצויגן פאַרגעניגנס
פון די רייד און שפיל פון ווערטער.

מ׳האָט אין שטעטל אָנגעהויבן
רעדן שענער, מער געמאָסטן,
אין די באַסאַראַבער שטויבן
האָט געבליט דאָס ריינסטע לשון.

און נחמה, סיאָמעס מוטער,
האָט זיך צוגעהערט מיט חידוש —
״ס׳איז אַהערצו דאָך געקומען
פון דער ווײַט מײַן מיידלש ייִדיש״

״פלעגט מען דאָך פון מיר דאָ לאַכן
פון מײַן לשון פון מײַן ווײַטן,
איצטער האָבן שוין די זאַכן
זיך געביטן, נײַע צײַטן.״

״איצטער לייענט מען ביכער, בלעטער
און מע רעדט דאָ ווי מײַן געסל
אויף אַזוי פיל יאָרן שפּעטער,
ווען איך האָב עס שוין פאַרגעסן.״

ס׳האָט איר סיאָמע נישט פאַרלוירן
גאָר זיין חן אין מאַמעס אויגן,
ז׳האָט געציטערט פאַר זײַן גורל
און נישט אויפגעהערט אים לויבן.

סאַראַ גוטער, סאַראַ שיינער,
ס׳פּאַסט אים, וואָס ער זאָל נישט טראָגן,
״מיר זאָל זײַן פאַר זײַנע ביינער,
פאַר זײַן סאַמע מינדסטן נאָגל״.

איינס פֿאַרשטייט זי נישט, זײַן מאַמע —
אַלע זין שוין אויסגעגעבן
און דער ייִנגסטער מיט דער חנהן
שלעפּן זיך אויף אַלע וועגן.

כאָטש איר טאַטנס ייִחוס, אַרקעס,
איז נישט דער, וואָס זי וואָלט וועלן,
וואָלט געקומען כאָטש צו תּכלית,
וואָלט מען כאָטש אַ חופּה שטעלן.

זי אַליין אַ שנײַדערס טאָכטער
וואָלט זי פֿאַר איר סיאָמעס וועגן
וועלן בעסערס, וועלן העכערס,
נישט איז נישט, זי איז נישט קעגן.

דאָס זעכצנטע קאַפּיטל.

דאָרט אין וואַרשע פֿריער די באָבע
און דערנאָך דער אַלטער זיידע
זענען ביידע אָפּגעשטאָרבן
און אויף די לוויות ביידע

איז די טאָכטער נישט געוועזן,
ווײַל עס האָט אַזוי געטראָפֿן,
מאַרקולעשט איז שוין רומעניע,
וואַרשע — פּוילן, מער נישט אָפֿן,

ווי געווען ס'איז פֿריער מיט יאָרן,
ווען זי איז אַהער געקומען,
שפּעטער איז אַ זון געפֿאָרן
און דעם וועג צוריק גענומען.

סײַ די מענטשן, סײַ די צײַטן
האָבן זיך אַ סך געענדערט,
קינדער שיקט מען אין די ווײַטן
לערנען זיך אין אַנדערע לענדער.

נאָכן ענדיקן די קלאַסן
נישט געזאָרגט האָט מער דאָס שטעטל
אויפבויען אויף אייגענע גאַסן
אייגענע אוניווערסיטעטן.

און אין יאַס צי טימישאָרע
בוקאַרעסט צי אַנדערע ערטער
שרײַט מען זיי: זשידאַן אַפאַרע!
און אויך אַנדערע גראָבע ווערטער.

שיקט מען זיי קיין ליעזש אין בעלגיע,
שיקט מען זיי קיין רוים — איטאַליע
און קיין אָסלאָ אין נאָרוועגיע
און קיין לאָנדאָן אין בריטאַניע.

פאָרן זיך צונויף סטודענטן
צו די שטעטלדיקע טאַטעס
און מע שפּילט אויף אינסטרומענטן
און מע שפּילט זיך אין טעאַטערס.

און מע אָרדנט אײַן משפּטים
אויף די העלדן פון די ביכער.
איינער מאָטקע, כ׳געדענק מע האָט אים
פרײַ געלאָזט, כ׳געדענק עס זיכער.

און מע האָט נאָך אײַנגעפונען,
אַז ער דאַרף אַ פּרעמיע קריגן
פאַר די לייד, וואָס אָפּגעקומען
איז ער אין זײַן מאַמעס וויגל.

אַז אין אַלע שלעכטע זאַכ׳נעס
שולדיק די געזעלשאַפט תּמיד,
די געזעלשאַפט טראָגט אחריות,
וואָס אַ גנב איז דער יחיד.

ס׳איז דער עולם שטאַרק צופרידן,
מאָטקע פרײַ, אַזוי איז בעסער

...אין דער ביבליאָטעק דער נײַער

און סע לויפן היים די ייִדן
און מע פרוּווט דערווײַל די שלעסער.

און דאָס שטעטל מאַכט שוין וויצן,
מ׳האָט געפּאַקט אַזאַ גערזעלשאַפט,
דאַרף מען עס אויף שטיין פֿאַרקריצן
ווי אויף לוחות נאָך דער קנעבטשאַפט.

אַ בעל חוב אַ ייִד אין טרײַשאַפט
ער דערקלערט זיך די סטודענטן,
כ׳צאָל דעם קרן, די גערזעלשאַפט
זאָל באָטש צאָלן די פּראָצענטן.

ס׳האָט אַזוי נישט לאַנג געצויגן,
ביז דער עולם זיך צעפאָרן,
דער פּראָצענטניק האָט געזויגן
ווי ער טוט עס אַלע יאָרן.

ס׳האָט דער זיצער נישט דערוויגן,
ס׳האָט דער קרעמער נישט דערמאָסטן,
ס׳האָט דער קונה אָפּגעצויגן
פֿון דער פּרײַז אונטער די קאָסטן.

און דאָס לעבן פֿונעם שטעטל
האָט געשטראָמט און האָט געבוואַליעט
און געשיקט האָט מען פּאַקעטן
קיין פּאַריזש און קיין איטאַליע.

און געשיקט האָט מען די קינדער
געלט און אַלע זיבן זאַכן
און געוואַרט אַ גאַנצן ווינטער,
אַז דער פֿרילינג זאָל דערוואַכן.

אַז דער פֿרילינג זאָל שוין קומען
מיט די קינדער פֿון די ווײַטן,
די סטודענטן זאָלן זשומען
ווי די שטעט דאָרט, ווי בײַ לײַטן.

סע זאָל ווידער ווערן פריילעך
פון די שפּילן און געוועטן,
סיאַמע, וואָס איז זייער מלך,
ווען זיי קומען היים אין שטעטל,

זאָל זיי ווידער לייענען לידער
וועגן שטעטלדיקן לעבן
און פֿאַרפֿאַלן ווערן ווידער
מיט זײַן חנהן אויף די וועגן.

חנה האָט זיך אירע קרײַזן
פֿונעם שטעטלס אַרבעטאָרערס
און עס הייבן אָן זיך ווײַזן
ביכער פון דער וועלט דער גאָרער.

אין דער ביבליאָטעק דער נײַער,
וואָס זי האָט פֿאַר זיי געגרינדעט
אין דער ווייניק צײַט דער פֿרײַער
זיצט מען בײַ אַ בוך, מע זינדיקט

בײַ טרייף=פּסולדיקע ביכער
אין די כשר=שיינע טאָוולען,
חנה דרייט זיך ווי אַ וויכער
אָפּט מאָל, ביז ס׳הייבט אָן צו טאָגן.

לייזער מוסר איז אַלמעבטיק,
טוט די גאַס צו אים זיך בוקן,
חנה זאָגט, ער איז פֿאַרדעבטיק,
הייבט ער אָן איר נאָכצוקוקן.

איז ער שטיל איר נאָכגעקראָכן,
איז מען אים אויך נאָכגעגאַנגען
און די ביינער אָנגעבראָכן,
ביז די זון איז אויפֿגעגאַנגען.

האָט ער אָנגעהויבן שפּײַען
מיטן בלוט פון זײַנע לונגען,

חנהן עצהט מען, נישט סטײַען,
האָט אַ פורל זי געדונגען

צו דער באַן אויף איבערמאָרגן,
זונטיק, ווען די שטאָט וועט שוויצן
אויפן מאַרק און אויף די טאָרגן,
וועט זי אין וואַגאָן שוין זיצן.

דאָס זיבעצנטע קאַפּיטל.

חנה אַרקעס גרייט אין וועג זיך
אין דער שטאָט דער סאַמע גרעסטער
פונעם לאַנד. צו די פאַבריקן
און וואַרשטאַטן בוקאַרעסטער.

סיאָמע ראובנס דיכטעט עפּעס
וועגן סטעפּעס, גרינע בלעטער
און עס זאַמלען זיך די ״סטעפּעס״
אין די ״טשערנאָוויצער בלעטער״.

סיאָמע ראובנס פּאָרט אַריבער,
דינגט אין טשערנאָוויץ אַ שטיבל
בריוולעך שרײַבט ער צו זײַן ליבער
און זי ענטפערט אים, איר ליבן.

זי מיט אים איז נישט צופרידן,
מיט די לידער און פּאָעמעס,
מיט זײַן שרײַבן וועגן ייִדן,
נישט קיין סאָציאַלע טעמעס.

סיאָמע האָט זי ליב דאָס לעבן,
אָט דאָס רירעוודיקע מיידל.
אויף די טענות אירע וועגן
טעמעס ענטפערט ער איר איידל.

האָסט זיך אָנגעזען מיט צרות,

נויט און הונגער, שווערע ליַידן,
אויסצורעבענען כ׳פאַרשפּאָר עס,
האָסט אַ האַרץ פון סאַמע זיַידנס.

האָסט אַ האַרץ אַזאַ, וואָס בלוטיקט
פאַר דער קלאָג פון גאַסנקינדער,
האָסט אַ כוח, וואָס דערמוטיקט
און וואָס מאַכט די צרות לינדער.

ביסט אַ מענטש אין פולן זינען,
ווי מע זאָגט, פון מיר ביסט בעסער,
נאָר איך בין נישט גרייט דיר דינען,
נעם כאָטש שנייַד מיך מיט אַ מעסער.

לעבנס=חכמה האָסטו מערער
נאָר דו קענסט נישט קיין געשיכטע,
זיַי זשע מוחל מיר דעם לערער,
פאַר די ווערטער אומגעריכטע.

כ׳זע דיַין כעס און כ׳זע דיַין שמייכל,
ווען דו לייענסט די ווערטער מיַינע,
האָסט געוואָלט מיך לערנען שׂכל
מיט אַ טענה נאָך אַ טענה.

חנה, כ׳ווייס, פון מיר ביסט קליגער,
כ׳האָב עס קיין מאָל נישט פאַרשוויגן,
כ׳בלאָנדזשע אום ווי אַ נישט היגער,
ווו דו מיינסט, דו ביסט אַ היגע.

ליבע חנה, איך וועל קיין מאָל
וואַגן, דיר דיין וועג צו שטערן,
גיב אַ טראַכט אָבער כאָטש איין מאָל,
אַז איך מוז דיך אויך נישט הערן.

כ׳האָב דיך ליב, דאָס ווייסטו, דאַכט זיך,
האָסט מיַין ליבע נישט פאַרמיטן,
נאָר ביַי נאַכט, ווען איך פאַרטראַכט זיך,

דאַכט זיך מיר, איך ווער צעשניטן.

וואָס מיר קאָנען נישט אין צווייען
זינגען לויט די זעלבע נאָטן
און מיר מוזן זיך גאָר דרייען
איינער אַרום צווייטנס שאָטן.

כ׳געדענק נאָך חנה יענעם רעגן
האַנט אין האַנט מיט דיר, מײַן זיסע,
אונדזער ליבשאַפט אויף די וועגן
האָט נישט אָפּגעשטעלט דאָס גיסן.

נאָר פאַרבלײַבן אויף די וועגן
זענען מיר דאָך נישט פאַרבליבן
ס׳האָט זיך זײַנס געטון דאָס לעבן,
אונדז צעשיידט און אונדז צעטריבן.

מיר גייט נאָך דער פּאָסט=נאַטשאַלניק
מיט זײַן תקיפותדיק זיך פירן,
מיך פאַרפאָלגט זײַן זון וויטאַליק,
וואָס וועט מאָרגן דיר דיקטירן.

הײַנט ער שטייט נאָך דיר אַקעגן,
שנײַדסט אים מיט דײַן כּוח שאַרפן,
שנײַדסט אַ וועג פון זײַנעט וועגן,
מאָרגן וועט מען דיך נישט דאַרפן.

פרייד מע האָט אויך פון די בלומען,
וואָס מע זעט אין פרעמדע הענט זיי,
פרעמדע זענען אויבעט בלומען
פאַרן אויג, וואָס האָט דערקענט זיי.

אָבער, אַז מע טוט אַ פרעג מיך,
וווּ זשע זענען דײַנע בלומען,
זוך איך, טײַערע, אַ וועג זיך,
כ׳זאָל צו מײַנע בלומען קומען.

אַז דו ווערסט אַוועק פון דאָרטן —
איך בין זיכער, זיכער, זיכער,
וועל איך אויספּוצן מײַן גאָרטן
און ווען שרײַען: גיכער גיכער.

קום און זע, איך האָב געפונען
און איך וויל מיט דיר זיך טיילן,
כ׳האָב געפונען, מײַנע בלומען,
ווי אַזוי? כ׳וועל נאָך דערציילן.

דאָס אַכצנטע קאַפּיטל.

די סטודענטן זיך צעפּאָרן,
דאָך דאָס שטעטל איז נישט פּוסטע,
ס׳קומען אָפּט די לעצטע יאָרן
אַקטיאָרן גאָר באַוווּסטע.

ס׳קומען ״ווילנער״ שפּילט מען אַשן
שפּילט מען הירשביינען און פּינסקי,
אין די גאַסן טוט מען רעשן —
בולאָוו, טורקאָוו און קאַמינסקי.

ציוניסטן און ליגיסטן,
מע פאַרשפּרייט אין שטאָט בילעטן,
יובילייען, בענעפּיסן.
דורך די נעכט סע לעבט דאָס שטעטל.

און פון ביידע ביבליאָטעקן
אַלע לייענער דיסקוטירן
און מע רעדט און רעדט דאָרט וועגן
שטיק, וואָס קאָן אַ שטיין אויך רירן.

וועגן אָסיפּ דימאָוס יאָשע
וועגן דער רביצן פון קראָקע,
וועגן יעקעלע שאַבשאָוויטש,
וועגן שימעלע סאַראָקער.

...ס׳ קומען אָפט די לעצטע יאָרן אַקטיאָרן גאָר באַוווּסטע...

נאָך דעם קומען אויך די היגע
טשערנאָוויצער, בוקאַרעסטער.
און מע שפּילט "די בייזע שוויגער"
און מע שפּילט "די קלענסטע שוועסטער".

מיידלעך, יינגלעך, אַמאַטאָרן
שפּילן איבער אַלע סצענעס —
"ער, ווו נעמט מען יענע יאָרן"
זינגט מען איבער די רעפּרענעס.

סיאָמע פעלט נישט אויס קיין אָוונט
ער מיט אַלע אַקטיאָרן
איז באַפרײַנדעט און איז נאָענט
גלײַך מע קען זיך שוין פון יאָרן.

בײַ די "ווילנער" פרעגט אויף וואַרשע
און דערציילט זיי וועגן שטעטל
און ער לייענט זיי פּאָר אַ פּרשה
פּול מיט צונעמען אַ צעטל.

קוקן זיי זיך אַלע איבער
און מע נעמט דעם שאַרפסטן נאָמען
און מע טראָגט אים באַלד אַריבער
אויף דער גלאַוונער פּרימאַדאָנע.

קומט עס אָן צו אירע אויערן,
מאַכט זי סיאָמען אַ געוויטער,
אַז פון אַלע זיסע טרויערן
פון איר שפּילן ווערט אים ביטער.

לויפט ער באַלד אַהיים, פאַרשליסט זיך,
זיצט אַליין אָפּ גאַנצע וואָכן,
דורכן פענצטער ער באַגריסט זיך
מיט די פערדלעך פון זײַן שכן.

ווען ער זעט אַ מענטשן קומען,
ער פאַרהענגט די קליינע שויבן

און גיי רעד עס מיט אַ שטומען
און גיי רעד עס מיט אַ טויבן.

אַז ער וויל פון קיינעם וויסן,
אַז אַזוי, זאָגט ער, איז בעסער,
אַז אַ מענטש וויל זיך פאַרשליסן,
דאַרף ער נישט קיין טירן, שלעסער.

דאַרף ער נאָר דאָס מויל פאַרמאַכן
און די אויגן זיך פאַרשטעלן
און נישט וויינען און נישט לאַכן
גאָרנישט זען און גאָרנישט וועלן.

וויפל קאָן אַ באַסאַראַבער
אויסהאַלטן אַזאַ מין שיטה?
ס׳קומט און קלאַפּט אָן אַרקע גבאי,
סיאָמע בעט אים: ביטע, ביטע!

אַרקע נעמט אַרויס פּאַוואָליע
פון דער קעשענע אַ בריוול
און ער קראַצט די האַנטמאַזאָליע
אין דער כאָליעווע פון שטיוול.

און ער טוט זיך אָן די ברילן,
ווען סע לייענט דאָס בריוול סיאָמע
מיט אַ קול אַ צאַרטן, שטילן
לייענט ער: ליבע טאַטע=מאַמע.

כ׳בעט אײַך, האָט נישט קיין פאַריבל
כ׳האָב אײַך קיינעם נישט פאַרגעסן,
דעם, וואָס ברענגט אײַך אָט דאָס בריוול,
זאָלט איר געבן אָפּצועסן.

און נישט רעדן און נישט פרעגן,
וואָס און ווער און ווען, פון וואַנען.
ווײַזט בײַ נאַכט אים אָן די וועגן,
ווײַל ער טאָר זיך לאַנג נישט זאַמען.

״און אַ גרוס מײַן פרײַנד און חבר״
חנקע רופט נישט אָן קיין נאָמען,
נאָר סע ווייסט עס אַרקע גבאי,
אַז זי מיינט דעם שכן סיאָמען.

סיאָמע טוט דעם ערשטן שמייכל,
ווידער פריילעך איז דער בחור,
אַרקע זעט אין דעם אַ צייכן
פונעם כוח פון זײַן טאָכטער.

דאָס נײַנצנטע קאַפּיטל.

סע דערנענטערט זיך צו פּסח
און דאָס שטעטל וויגט זיך, הוידעט
און רעב ברוך ״האָב איך, עס איך״
עסט נישט, ווען ער האָט קיין ברויט נישט.

און אַ מכה זאָל מען וויסן
(נישט פון גלאָז אין דאָך דער מאָגן)
אָבער, אַז סע קומט צו פּסח
און מע דאַרף אויף מצות האָבן,

וואַקסט ער אויס בײַם ״מעות חיטים״
און ער שטעלט זיי צו אַ צעטל:
מצות, ווײַן און אייער פרישע
פאַר די אָרעמע פון שטעטל.

און אַ וואָגן פול מיט זעקלעך
מיט קאַרטאָפל און אַ פעסל
ווײַן און מצות פערציק פּעקלעך
ער צעפירט איבערן געסל

און כדי די ייִדן יורדים
זאָלן זיך נישט שעמען נעמען,
נעמט ער זיך די ערשטע פּאָרציע,
טוט זיך קיינער שוין נישט שעמען.

און געפּראַוועט ווערט אַ סדר
אין אַיעדער שטוב באַזונדער
און די קינדער פונעם חדר
פרעגן קשיות אויפן וווּנדער,

וואָס געשען אַ מאָל איז, דעמלט,
ווען מיר זענען קנעכט געווען
און דאָס פּסח=לעמפּל פלעמלט
אויפן פּסחדיקן עסן.

סע פאַרשטייט זיך, נישט אין יעדער
הויז די זעלביקע מאכלים,
אָבער איבער יעדן סדר
שוועבט דער זעלבער שיינער חלום

פון באַפרייַונג, פון גאולה,
וואָס דאָס פאָלק דאַרף האָבן ווידער,
איבער ארבע כוסות פולע
קלינגען די הגדה=לידער.

נעבן זיבן מינים קעזלעך
איז מען אויך מיט מצה יוצא,
אָבער אין די אָרעמע הײַזלעך
עסט מען טאַקע כולו מצה.

עסט מען מצה צו קאַרטאָפל
אין די יום טוב=טעג די שטילע,
טיי מיט מצה פאַרן שלאָפן,
באָרשט מיט מצה, אַז אפילו

פון די גראָבע מאַמעליגעס,
וואָס די ווײַבער קאָכן, מישן
און מע שנײַדט זיי מיט פאַסטריגעס
אויף די שנײַדערישע טישן.

פון די מאַמעליגעס קאַלטע,
וואָס מע לאָזט פון נעכטן איבער

און מע שנײַדט זיי מיט די דראַטוועס
אין די שוסטערישע שטיבער.

קאָן אין בויך נישט אַזוי ווי טאָן
ווי פון ווייצן=מצות דאַרע,
נישט פון יעדער שטוב אין שטעטל
גייט פון פסח אויף אַ פּאַרע

פון די יויכן פון די קניידלעך,
ווײַסן פלייש פון ווײַסן טעלער,
ס׳טרעפט אין מאָגן דרייען דריידלעך
ווי מיט טענץ אויף גוישע בעלער.

און נאָך אײדער ס׳האָט דער יום טוב
זיך דערצויגן ביז נאָך יום טוב,
יאָגט דער דאָקטער מיטן זאָנטיק
אויף דער זון אין מיטן מאָנטיק.

און ער אײַלט פון הויז צו הײַזל
און ער היילט דעם קראַנקן עולם
פונעם אָרעמען הינטערגעסל
און סעצאָלט דער ״עזרת חולים״

ס׳איז אַ קאָמיטעט אַזאַ מין
פון די זיבן קאָמיטעטן —
עזרת חולים, עזרת עניים,
צוויי פון צוויי ביבליאָטעקן

איינער נאָך — הכנסת כלה,
איינער נאָך — הכנסת אורחים
און דער זיבעטער פון אַלע,
פרעגט, זײַט מוחל, בײַ רעב ברוך.

ס׳איז דער אויבן שוין דערמאָנטער
״מעות חיטים״ ערב פּסח,
ס׳איז דער אַלטער גוט באַקאַנטער
אונדזער ברוך ״האָב איך עס איך״.

דאָס צוואַנציקסטע קאַפּיטל.

די ציונים פונעם שטעטל
רעשן זיך אַרום די שקלים,
קומט אַ טוער מיט אַ צעטל
צו דײַן טיר, איז נעם באַצאָל אים.

יעדער באַלעבאָס אַ שקל
קויפט און גרייט זיך צו די וואַלן,
גרייט זיך פּײַוול, גרייט זיך יעקל
און ס'איז יעדערער אַ בעלן

דעות זאָגן די קאָנגרעסן
ערגעץ ווײַט דאָרט אין שווייצאַריע,
טומלט מען אויף יעדן געסל
בײַ די שטעטלשע פּאָנאַרן.

און די יוגנט פון "השומר
הצעיר" און פון "מכבי",
פון "ביתר" מיט די ל"ג־בעומר=
ביקסן נוסח באַסאַראַביע

פירן צווישן זיך וויכוחים,
אָפט אַ ברודער מיט אַ שוועסטער
און אין די וויכוחים זוכט מען,
וועלכער איז דער וועג דער בעסטער.

ייִנגלעך, מיידלעך לאָזן איבער
היימען וואַרעמע און זאַטע
און מע שווימט דעם ים אַריבער
צו די אבות ווײַט פון טאַטן.

פריער לערנט מען די אַרבעט,
הכשרה ווערט דאָס גערופן —
אַקערן און שנײַדן, גאַרבן,
מאַכט מען דורך דאָ אַלע שטופן

פון דער ערד=אַרבעט דער שווערער,
וואָס די זין פון קאָלאָניסטן
קאָנען בעסער פון די לערער
און פון זייערע גימנאַזיסטן.

אייגן לאַנד און פּראָדוקטיווקייט,
יוגנט גייט אין שיינע וועגן,
דאָך אין שטעטל איז אַ טיפקייט,
איז אַן אָפּגרונט טיף געלעגן

צווישן גאַס און הינטערגעסל,
צווישן האַנטווערקער און קרעמער,
ס'איז אַ הענדלער=באַלאַבעסל
פון אַן אַרבעטאָרער שענער.

ייִחוסדיקער און דער ייִחוס
גייט פון דור צו דור אַריבער,
גלײַך סע וואָלט אַ וואַנט געווען
צווישן גאַסן, צווישן שטיבער.

צווישן גאַסן, צווישן שטיבער
און מען האָט זיך נישט געוווּנדערט,
וואָס די אַרבעטער דעריבער
האָבן אויך זיך אָפּגעזונדערט.

אין קולטור=ליגע זיי זאַמלען
זיך צונויף בײַ ביכער, בלעטער,
רעדן ליטעראַריש, שטאַמלען
נאָך דערווײַלע אָבער שפּעטער

שאַרפט זיך אָן בײַ זיי דאָס לשון
און מע קנאַקט מאָדערנע ייִדיש,
טײַטשט מען אויס אַ שטיינבאַרגס משל
און אַ וואָרט פון פּרצס חסידיש.

סיאָמע פּרווּוט צונויפצוברענגען
ביידע צדדים אָבער ביידע

זענען שטאָלצע, זענען שטרענגע
און פון דורות לאַנג צעשיידטע.

סיאָמע טראַכט: ס׳איז קאָמיש, מאָדנע —
דער וואָס לערנט שנײַדן, דרעשען
חברט זיך נישט מיטן באָדנער
אין דער היים, בײַ זיך אין געסל.

דער וואָס גרייט זיך זײַן אַ פּויער
דאָרט אין ארץ אבותינו
האַלט זיך גרויס אין טאַטנס מויער,
אָפּגעשיידט פון אָרעמע שכנים.

אויפרײַסן דאָס שטעטל, קלערט זיך
סיאָמע און דאָס פאָלק צעיאָגן,
אַז מע וועט זיך טרעפן ערגעץ,
וועט מען זיך גוט־מאָרגן זאָגן.

אַ געפּעכט איז אָנגעוואַקסן —
שפּראַך פון תּנך צי ייִדיש לשון,
ס׳האָט אַ שטורעם, ס׳האָבן שלאַקסן
שיער נישט ביידע אויסגעלאָשן.

ס׳זענען חנה אַרקעס מענטשן
אין קולטור־ליגע געקראָכן
און מיט פאַלשן ייִדיש־בענטשן
די קולטור־ליגע צעבראָכן.

פריער לייענט מען פּרץ, אַנסקי
נאָך דעם טראָגט מען אום אַ בלעטל
פאַרן פאָלק אויף מאָלדאָוואַנסקי
אין די דערפער אַרום שטעטל.

דאָס איין און צוואַנציקסטע קאַפּיטל.

אברהם־בער דער בעל עגלה

האָט זײַן אײגנס — פערד און וואָגן,
אַ פּאָר שטיוול — לעבער גאָלע,
וואָס מע קען זיי מער נישט טראָגן.

און אַ לאַטע אויף אַ לאַטע
איז זײַן פּעלץ דער אויסגעפּלעקטער
ווי דער דאַך, וואָס אויף זײַן כאַטע
מיט קאַמיש אַ צוגעדעקטער.

און זײַן קוטשמע — אָפּגעריבן,
זעט ער אויס ווי אַ פֿאַרשטעלטער
מיט די וואָנצעס — צוגעקליבן
צו די ציין צו די פֿאַרגעלטע.

פֿונעם רייכערן אָן אויפֿהער
האָט ער נישט געלאָזט זיך צוימען,
פֿון זײַן ליולקע ווי אַ שופֿר
האָט געזועצט ווי פֿון אַ קוימען.

ער געריכערט נאָר אין דרויסן,
ווײַל אין שטוב זײַן קראַנקע באַשע
וואָלט אים נישט פֿאַרריכט די הויזן
און קיין העמד נישט אויסגעוואַשן,

נישט געבאַקן ברויט און חלה
און נישט אָפּגעקאָכט אויף שבת,
וואָלט ער ווי דער שוסטער צאַלע
בײַם פֿאַרריכטן זײַנע שקראַבעס,

צוגערייכערט און דערהרגעט
מיטן רויך זײַנע בני=בית —
ס׳איז אַ דרויסנדיקע אַרבעט
בײַם באַלגאָלע, ס׳איז אַ חיות

זיצן, טרײַבנדיק די סוסים,
און אַ פּיפּקע טאָן די פּײַקע
ווי דער אַלטער שמײַסער זוסיע,

וואָס אַריבער שוין די נײַנציק.

אין דער פינצטער ווי צו סליחות
שטייט ער אויף, שפּאַנט פערד און וועגל
און ער פאָרט אַרויס אין שליחות
פון די סוחרים אויך אין רעגן.

און ער פאָרט אַרויס אין שליחות
פונעם טויער, וואָס בײַם הײַזל,
ס'איז זײַן הײַזל אַ בעל ייִחוס
זיך צו רימען און באַווײַזן.

דאָ, אין אָט דעם קליינעם שטיבל,
האָט דער סופר אלימלך
ספרי תורות אָנגעשריבן,
ווען געוווינט דאָ, אלימלך.

זײַנע קינדער דאָ געבוירן,
זיי אַרויסגעפירט צו לײַטן,
דאָ געעפנט זיי די טויערן
צו דער וועלט און צו די ווײַטן.

קומען אָן אין שטעטל קלאַנגען
וועגן עלטסטן יהודה=לייבן
און זיי זענען שוין דערגאַנגען
אויך צום הײַזל, קוים צו גלייבן,

אַז יהודה לייב דעם סופרס
איז אַ מלך און אַ נביא,
אַז ער זיצט אין סאַמע מזרח
בײַ דעם כותל מערבי.

אַז ער קומט צו גאַסט אין גיכן
ווי אַ לאָרד אין אַ צילינדער,
ר'וועט דאָס הײַזל אויך באַזוכן —
ס'וווינט דאָ אברהם=בער אַצינדער.

איז זײַן װײַב, די קראַנקע באַשע
אױפֿגעשטאַנען פֿון איר בעטל
און געמאַכט פֿון קאַלך אַ קאַשע
און די װענט געגומען גלעטן.

און די ערד מיט ליים צו שמירן
װי אַ געלעכל זאָל בליאַסקען,
װען מע װעט דעם אורח פֿירן
און די סװיטע זײַנע טאַסקען.

באַשע האָט זיך אירס אין זינען,
אפֿשר װעט עס זײַן אַ מעלה
אויף אַ שידוך צו געפֿינען,
אַז די מויד זאָל װערן אַ כּלה.

אין דער גרױסער שול בשכנות
מיטן קלײנעם פּיצל הײַזל
װערט באַגריסט אויף ריין העברעיש
אונדזער גאַסט און גאָר אָן גרײַזן.

דאַנקט דער גאַסט: רבותי, ייִדן!
כ׳בין דאָך דאָ בײַ אײַך געבוירן
און ער מישט זײַן ייִדיש איבער
מיט פּסוקים פֿון דער תּורה.

פֿון דער שול צו אבֿרהם=בערן
גייט דער גאַסט אין טאָג אין קלאָרן,
זוכט אין שויב בײַ טאָג אַ שטערן,
יענעם פֿון די קינדעריאָרן.

און ער קוקט אין יענעם װינקל,
װוּ זײַן װיגל איז געשטאַנען,
אינעם װינקל אינעם לינקן
אָט אַ האַלבן טראָט פֿון דאַנען.

אבֿרהם=בער אין נײַעם היטל
(װאָס געקויפֿט ערשט פֿאַראַכטאָגן)

זעט: דער גאַסט שטייט ווי פאַרביטן,
וויינט און האָט נישט וואָס צו זאָגן.

דאָס צוויי און צוואַנציקסטע קאַפּיטל.

אָפּגעדוינעט, אָפּגעוואָלעבט
האָט אַ יונג אין זײַנע לידער,
אָפּגעדאַוונט, אָפּגעברוך׳ט
האָט אַ זקן אין זײַן סידור.

קומען זיך צונויף אין איינעם
דורות דרײַ אויף אַ מסיבה,
קומען קרובים, קומען שכנים
פון די שכנותדיקע שטיבער.

און מע היצט זיך און מע קריגט זיך,
ווער וועט אָפּשטעלן דאָס קריגן?
ביז מע כאַפּט זיך, אַז מע וויגט זיך
צו דעם טאַקט פון זעלבן ניגון.

אין דער סאַמע היץ פון פלאַקער
שטילט זיך אײַן אין שטוב דאָס שטעטל —
קלמן פלאָכט און פרידל קנאַקער
און מע גייט זיך איבערבעטן.

אָפּגעקריגט זיך, אָפּגעוויגט זיך,
טרינקט מען טיי פון זעלבן טשײַניק
און מע כליעפּטשעט און מע קוויקט זיך
און מע פילט דעם זעלבן תענוג.

ווער סע טרינקט די טיי פּריקוסקי
גלײַך פון זאַט, סע זאָל אים בריען,
ווער פּאַמעלעך און אים גלוסט זיך
ציען די טיי פון גלאָז און ציען.

און מע זיצט ווי איין משפּחה,

יעדער ווייסט זײַן פּלאַץ אין שטעטל,
גלײַך מע וואָלט מיט זיך געטראָגן
אויסגעצוימערטע בילעטן.

זיצט אַ ברודער מיט אַ שוועסטער,
ער אַ רעכטער, זי אַ לינקע,
ציט עס זי צום פרעמדן דניעסטער,
אים — אַ ווײַט נאָר אייגן ווינקל.

זי לייענט האָפּשטיין, פּעפּער, מאַרקיש,
בערגעלסאָן, דעם גרויסן מײַסטער,
חברט זיך מיט חנה אַרקעס
און זי איז פון איר באַגײַסטערט.

ער לייענט פּרצס חסידיש,
ביאַליקן איןביידע שפּראַכן,
אין העברעיִש און אין ייִדיש
און די ביכער רופט מען זאַכן.

"יאָשע קאַלב" פון י. י. זינגער,
אײַ אַ גוטע זאַך באמת
און מע טײַטלט מיט די פינגער,
מע פאַרשטייט זיך לויט אַ רמז.

און מע בײַט זיך מיט די בענדער,
לינקע לייענען רעכטע זאַכן,
רעכטע לייענען זאַכן פרעמדע
איבערזעצט פון פרעמדע שפּראַכן.

זיצן דאָ דערוואַילע אַלע
פרידלעך איינער לעבן צווייטן,
טרעפט זיך אויך אַ רעכטע כלה
קריגט פון לינקן חתן קווייטן.

ענטפערט זי מיט זיסן שמייכל
און די באַקן אירע פלאַמען,
ביז מע וועט די "צוקונפט" גרייכן

קאָן מען גיין דערוויַיל צוזאַמען.

מ׳איז דערוויַילע אויפן וועג נאָך
צו דעם מאָרגן צו דעם שיינעם,
ס׳איז ערשט מאָנטיק, ס׳איז ערשט מיטוואָך
און מע גייט דעם וועג אין איינעם.

גייט מען און מע האָט הנאה
פון איעדן שפּאַן באַזונדער
און מע זעט פון וויַיט די בלאָע
שפּיצן פון די בערג מיט וווּנדער.

גייט מען טריט ביי טריט דערוויַילע,
ס׳איז נישטאָ זיך וואָס צו איַילן
צו די בלאָקייטן של מעלה,
גיב נאָר גאָט וואָס מערער מיַילן.

אָבער מאַלע, וואָס די טרוימער
ווילן אָפּרוקן די טרוימען,
איבער ציַיט איז דאָ אַ שומר,
לאָזט ער נישט, מע זאָל זי צוימען.

ברענגט זי מיסט און שטויבן גראָע
און די וועלט איז נישט באַוואָרנט,
אָט אַזוי זעט אויס דאָס בלאָע,
ווען מע זעט עס פון דער נאָענט.

קומען רויטאַרמייער רוסן —
״לעבן זאָלן די סאָוויעטן״
מיט אַזעלכע גוטע גרוסן
גייט אַקעגן זיי דאָס שטעטל.

און זיי טראָגן פון די קראָמען
פּולע זעק און פּעק און עמער,
מע ראַבירט אין סטאַלינס נאָמען
און מע שיקט אַרויס די קרעמער.

און די סוחרים און אַיעדן,
וואָס ער האָט בײַם הויז אַ גאַנעק
און די פּאָליטרוקן רעדן
וועגן פרײַיהײַט, מילך און האָניק.

קיין סיביר מיט עשאַלאָנען
אין וואַגאָנעס אין באַוואַכטע
פּירט מען גבירים=אָן=מיליאָנען
פּירט מען שונאים אויסגעטראַכטע.

פּירט מען גדליהן, וואָס ערשט נעכטן
פאַרן "מאָפּר" געלט געגעבן
פאַרן קאַמף פאַרן "גערעכטן",
פאַר אַ "שענער", "בעסער" לעבן.

פּירט מען גאָדלען, וואָס זײַן איידעם
אין דאָפּטאַנע איז געזעסן,
אַז דער שווער זאָל אין "גן עדן"
פון סיביר מאַלינעס עסן.

זעצט אַ ברודער אײַן אַ שוועסטער,
זעצט אַ שוועסטער אײַן אַ ברודער
און אַ שיפל אויפן דניעסטער
שיפט זיך פרײַ און אָן אַ רודער.

פאַר איין יאָר דאָס פריילעכע שטעטל
האָט אין גאַנצן זיך געביטן
און אַ שילד — אַ פאַרביק ברעטל
האָט מיט אותיות געשניטן,

"דאָרפּראַט" — אותיות גרויסע, רויטע
שטייען אויף דער וואַך ווי היטער
אויף די אײַנגעשטילטע, טויטע
געסלעך האָט דאָס האַרץ געציטערט.

דאָס דרײַ און צוואַנציקסטע קאַפּיטל.

אין דער טונקל יעדן אָוונט
שטרעקט די ווײַט אונדז אויס איר אָרעם
און עס ווערט אונדז נאָענט־נאָענט
אונדזער שטעטל — קליין און אָרעם

קליין און אָרעם אויף אַ שטיקל
גרויער ערד בײַ פעלדער גרינע
מיט אַ געסל, מיט אַ ליקל,
מיט אַ בוים אין מיטן דרינען.

מיט אַ פּעסל בײַ אַ ברונעם
מיט אַ מאַרק מיט קליינע קלייטן,
מיט אַ טײַכל מיט אַ קרומען,
מיט אַ וועג מיט אַ פֿאַרדרייטן.

אין דער טונקל ווערט אונדז נאָענט
אַלץ פֿון וואָס מ׳האָט זיך דערווײַטערט
אויפֿן פּאָן פֿון פֿרעמדן אָוונט
שטייט דאָס שטעטל אויסגעלײַטערט.

שטייט מיט יעדער הויז באַזונדער,
מיט דער זון אין אַלע שויבן,
ס׳שײַנט דאָס געסל און אַ הונדערט
קינדער שפּילן זיך אין שטויבן.

קינדער שפּילן זיך און טאַנצן
אויף דער גאַס מיט זון פֿאַרגאָסן,
גלײַך ז׳איז נאָך די גאַס אַ גאַנצע
און די קינדער ניט דערשאָסן.

נישט פֿאַרלאָזט און נישט פֿאַרשלאָסן,
נישט קיין טיר און נישט קיין טויער,
ס׳איז אפילו נישט פֿאַרלאָשן
אויפֿן פּריפּעטשיק דאָס פֿײַער.

אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿײַער
און אין שטוב איז הייס און טרוקן
און בײַ ייִדן איז נאָך טײַער
זייער אלף=בית מסוכן.

לעבן פּריפּעטשיק אַ ווײַבל
שטייט און דרייט אַ מאַמעליגע
און דער שמיד, איר מאַן, דערוויַילע
זיצט און לייענט אַ בוך אין ליגע.

אין קולטור=ליגע דער ענגער
קומען אַלע אַרבעטאָרער
און מע רעדט אַלץ שאַרפֿער, שטרענגער
און "באַוווּסטזיניקער", קלאָרער.

און סע ווערן רײַף געדאַנקען
און געפֿילן ווערן צײַטיק
און סע ברענגט די צײַט אויף טאַנקען
רויטאַרמייער אין אַ פֿרײַטיק.

שבת הייבט זיך אָן דער מיטינג,
וואָס ער ציט דאָס גאַנצע יאָר זיך,
ביזן טרויעריקן זונטיק,
ציט זיך, ציט דאָס גאַנצע יאָר זיך.

פּאַרנט אויף די גאַנעק=ברעטער
טוט מען וועגן פֿרײַהײַט רעדן,
דורך די הינטערטירן שפּעטער
אין דער פֿינצטער שלעפּט מען יעדן,

וועמען חושד מ'איז אין עפּעס —
אַז ער האָט פֿאַרמאָגט אַ קלייטל,
אַז ער האָט נישט שטאַרק געפֿליעסקעט,
איידער אָנגעטאָן אים קייטן.

פּאַרנט־פּאַרנט שטיל און זוניק,
ס'גאַנצע יאָר די פֿענער הענגען

און מע פילט נישט ערב זונטיק,
וואָס דער זונטיק וועט באַלד ברענגען.

פון אַ פענצטערל אַ קרומען
זינגט אַרויס אַ שנײַדער=ייִנגל,
ביז די דײַטשן וועלן קומען,
קאָן ער נאָך אַזוי פיל זינגען.

ביז די דײַטשן וועלן טרעטן
דאָ אויף בלוט מיט זייערע שטיוול,
הענגט דער הימל פונעם שטעטל
אויפן דאַך פון יעדן שטיבל.

ס׳הענגט דער הימל אָן אַ כמאַרע
און די וועגן ליגן שטומע,
וואָס וועט זײַן? די קראָ די שוואַרצע
ווייסט עס אויכעט נישט אפילו.

ווער זשע זאָל עס דאָרטן וויסן,
וואָס דער מאָרגן וועט אים ברענגען,
ווען ס׳וועט דער הענקער שיסן,
ווען ס׳וועט דער שיסער הענגען?

אינעם שטעטלדיקן פרידן
איז נישטאָ דערוויַיל קיין סימן,
קאָן עס דען אַ פּראָסטן ייִדן
קומען פריער אויפן זינען?

ייִדן פּראָסטע — משה, עליע,
שנײַדער, שוסטער, שמידער, סטאָליער
מיט אַן אייגענער קאַפּעליע,
מיט אַ הערשל אָסטראָפּאָליער.

וואָס זשע וויסן עס אַזוינע
פּראָסטע שטעטלדיקע ייִדן,
אַז אַיעדער איז אַ קונה
אויף אַ וויצל, אויף אַ לידל.

אָבער אַז פון ווײַטע שלעסער
בײַם סמבטיון זאָלן קומען
דײַטשן=שווערדן, דײַטשן=מעסערס
ביזן שטעטעלע דעם קרומען.

אויף אַן אמת טאַקע רויבן,
אויף אַן אמת טאַקע שעכטן,
ווער זשע האָט געקאָנט עס גלויבן,
ווער זשע האָט געקאָנט זיך ריכטן.

אָ, פֿאַרלאָז נישט, אַלטער גלויבן
אין אַ סוף אין אַ גערעכטן,
ס'שטייט דאָס שטעטל פֿאַר די אויגן
און עס ווײַזט אויף די געפֿעכטן.

יויפּע קאָוואַלס זון דער עלטסטער
מיט דער קודלע מיט דער העלער
קוקט אַרײַן אין אַלע פֿענצטער
פֿון די ווילדע דײַטשע בעלער.

און עס טרעפֿט, אין מיטן טאַנצן,
אַלע טענצער זענען שכור,
הייבט זיך אויף דער זאַל אין גאַנצן
און צערײַסט זיך דאָרט אויף שטיקער.

די סטודענטקע סאָניע שיבער,
די וואָס האָט אין שטאָט געלערנט,
האַלט זיך אויף אין טיפֿע גריבער,
ווען די נאַכט איז אויסגעשטערנט.

נאָר עס טרעפֿט בײַ נאַכט אַ כמאַרע
הענגט דאָרט אויפֿן גאַנצן שטעטל,
קריכט זי, סאָניע, פֿון דער נאַרע
שטיל, מע זאָל נישט הערן טרעטן.

נאַכט און פֿינצטערניש און רעגן,
ס'מעג שוין אָנהייבן צו טאָגן,

דײַטשן ליגן אויף די װעגן
פון אַ שװאַכער פרוי דערשלאָגן,

ביז די רוסן װעלן קומען
אָפּצומעקן אירע טאַטן
מיט איר פּנים, מיט איר נאָמען,
מיטן נאָמען פון איר טאַטן,

װאָס דער דײַטש האָט אים געהרגעט,
איז נאָך דאָ אַזױ פיל שלאַכטן,
איז נאָך דאָ אַזױ פיל אַרבעט,
אַז נישטאָ איז װען צו טראַכטן.

זי און ער — דעם קאָװאַלס זינדל
אַנען נישט, װאָס שװינדלערס װעבן,
קאָן עס קומען אױפן זינען
בעת דער שלאַכט אױף טױט און לעבן.

און אױך הײַנט נאָך תּפיסה=יאָרן,
װאַנדערונגען, גרענעץ=דראָטן
(זיבן גהינומס דורכגעפאָרן
מיט אַ קאָפּ מיט אַ באַדראָטן).

און אױך הײַנט, װען אױסגעמיטן
די סכנות אונטערװעגנס
און דאָס גרױסע לאַנד פאַרביטן
אױף אַ קלײנעם לאַנד אַן אײגנס.

שװײגט זי און זי טוט זיך בעטן:
״װעקט נישט אױף די צײַט די שװאַרצע״
בלױז דער זכר פונעם שטעטל
טוט איר אָפּט אַ צופּ בײַם האַרצן.

דאָס פיר און צװאַנציקסטע קאַפּיטל.

לעבן אונדזער חרוב שטעטל

שטעלן זיך נישט אָפּ קיין וועגן,
נישט געפֿאָרן, נישט געטרעטן
ווערט אַצינד אין אונדזער געגנט.

ס׳ווערט אַ וועג נאָר עטוואָס ברייטער
דאָרט, ווו ס׳איז אַ גאַס געוועזן,
אין דער בלאָטע שטייט אַ לייטער
און סע וואַלגערט זיך אַ בעזעם.

חנקע קומט אויף קבר אבות
צום בית־עלמין פֿונעם שטעטל,
אויף דער ערד פֿון בית הקברות
איז איר שווער אַרויפֿצוטרעטן.

בלײַבט זי שטיין פֿון דער זײַט פּאַרקן,
שטעלט דאָרט אָפּ אין וועג אַ פּויער:
"האָסט געקאָנט דעם שנײַדער אַרקע?"
יענער ענטפֿערט מיט באַדויער.

און ווער ווייסט אים, צי ער ווייסט נישט,
אפֿשר איז ער גאָר דער מערדער,
וואָס די אויגן איצט פֿאַרגלייזט ער
און פֿאַרשפּאָרט צו רעדן ווערטער.

חנה וויינט נישט, אויסגעניכטערט
שטייט זי פֿאַר אַ בילד אַ קלאָרן,
זי דערמאָנט זיך אין איר דיכטער,
אין די שיינע ליבע=יאָרן.

נישט געווען קיין צײַט פֿאַר ליבשאַפֿט,
ז׳האָט די שענסטע טעג פֿון לעבן
פֿאַר באַפֿרײַען פֿון דער קנעכטשאַפֿט
אָט דעם פּויער, אָפּגעגעבן.

איז ער טאַקע אַ באַפֿרײַטער?
ער איז סײַ=ווי פֿרײַ געוועזן,
אַז די ערד איז סײַ=ווי זײַנע,

ווּ סע וואַלגערט זיך דער בעזעם.

כאָטש דער בעזעם... זי דערקענט אים,
ז'האָט מיט אים געקערט די שטיינער
פון די שטיגן. ווּ געפינט מען
אָבער איצט דעם טאַטנס ביינער?

ווען ז'האָט נאָך געפּאַרטיזאַנעט
אין די פינצטערע בײַנאַכטן
האָט מען ד'יידן סײַ פון דאַנעט
סײַ פון אַנדערע שטעט געבראַכטע

אָפּגעפירט צו גרייטע גריבער,
לעבעדיקערהייט פאַרשאָטן,
ווער ס'איז איבערן גרוב אַריבער
און איבער די שטעכל=דראָטן

און געראַטעוועט דאָס לעבן,
לאָזנדיק די סאַמע ליבסטע,
האָט קיין טעם שוין אין זײַן לעבן
אין די טעג די סאַמע זיסטע

נישט געפילט מער. ס'האָט דער פאַקל
פון נצחון נישט געשײַנט אים,
מאַכנדיק דעם בלוט=סך=הכל,
חנקע אַרקעס מאַכט ערשט הײַנט אים.

ס'ווערט איר קלאָר ביז טיפן ווייטיק,
ס'איז געבליבן איר נאָר איינער
און דער איינער איז איר נייטיק,
מערער קיינער, מערער קיינער.

ס'איז געבליבן איר... געבליבן?
ער איז זיכער מער נישט אירער,
וואָלט זי אים אַ בריוו געשריבן,
ווי זי פלעגט אים שרײַבן פריער.

פֿאַסט איר נישט אַצינד צו שרײַבן
און ס'איז אויך פֿאַר איר געפֿערלעך,
"פֿרײַנד" װעלן רכילות טרײַבן:
"חנה אַרקס איז נישט ערלעך".

זי, װאָס האָט זיך נישט געשראָקן,
נישט פֿאַר די געשטאַפּאָ=ראָבן,
נישט פֿאַר סיגוראַנצע=קראָען,
דאַרף אַצינדער מורא האָבן.

צוקונפֿט, פֿרײַהײַט,.. פֿונעם װיגל
האָט זי זיך צו דעם געצױגן,
ס'איז אַ בושה איצט אין שפּיגל
קוקן אין די אײגענע אױגן.

חנה טראָגט צום באַן איר בינטל,
ס'איז די זעלבע קלײנע סטאַנציע,
סע באַהאַװוקעט זי אַ הינטל
און אַ פֿױער דאָרט באַקוקט זי.

מיד און אַלט, אָן פֿרײַנד, אָן קרובים,
ז'האָט שױן קײנעם נישט געפֿונען,
בלױז אין רױטע ימים=טובים
שטײט זי אױך אױף דער טריבונע.

שטײט און פֿילט, אַז עפּעס פֿעלט איר,
ז'האָט געזוכט דאָך אַלע יאָרן
נאָר דעם אמת. אױף דער עלטער
איז איר לעבן פֿאַלש געװאָרן.

פֿאַלש און טראַגיש, פֿינצטער, חוץ נאָר,
װאָס זי טראַכט צו אים: "מײַן ליבער"
אפֿשר פֿילט עס אין קיבוץ דאָרט
סיאָמע, װאָס זי לעבט דאָ איבער.

*
* *

אין שטויבן פון יִדישן געסל
געשפּילט זיך, געשטיפט האָבן קינדער,
צי האָט זיי דער שטויב שוין פאַרגעסן?
וואָס טוען די שטויבן אַצינדער,
אַצינד, ווען דאָס געסל איז חרוב?

*
* *

אין זכרון פון די פעלדער
לעבט נאָך היַינט דאָס קליינע שטעטל
און דער וועג איז נאָך דער זעלבער
מיטן וויַיזער אויפן ברעטל.

ס'לעבט נאָך היַינט אינעם זכרון
פונעם וועג דער סקריפּ פון אַקסן,
כאָטש מ'איז לאַנג דאָרט נישט געפאָרן
און סע ליגט דער וועג פאַרוואַקסן.

אין זכרון פון רויִנען
לעבן נאָך די אַלטע יאָרן
און עס קומט זיי אויפן זינען
דאָ אַ גאַנעק, דאָרט אַ גאָרן.

דאָרט אַ טיר און דאָ אַ טויער
פון אַן אַלטן בעל=עגלה —
אין זכרון פון מיַין טרויער
קלינגט דעם חזנס אַן "אל מלא".

אויסצוגן פון בריוו מיט אָפּרופן.
אויסצוגן פון אָפּרופן אין דער פּרעסע
אין פאַרשידענע צײַטן.

אויסצוגן פון בריוו מיט אָפּרופן.

וואָס עס האָט מיך אינטערעסירט (צווישן אַנדערע) איז ווי איר ספּראַוועט זיך מיט די ישראל=מאַטיוון און ספּעציעל ירושלים און איר האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען בײַ מיר.

(צבי אײַזנמאַן, קיבוץ אלונים, 1.7.1977)

זײַט איר, מאיר חרץ, געקומען און דורך אײַער שאַפונג=כוח באַוויזן, אַז אָן דעם פיפטן ראָד קאָן מען זיך גאָרנישט באַגיין, אַז אָט דאָס גײַסטיקע, "פינפטע ראָד" העלפט אַרויסהייבן זיך פון דער טאָג=טעגלעכער "בלאָטע", פונעם שלעפּן דעם וואָכעדיקן וואָגן מיט דער גרויסקייט און שווערקייט פון די פיר רעדער און אָנהאַלטנדיק זיך אינעם "פינפטן" ראָד, וואָס איז כולו שירה, כולו רוחניות און געַנוס, פאַרגעסט מען אויף אַ ווײַלע... ווי גוט און ווויל איז, וואָס עס באַווײַזט זיך אַזאַ קאָלירפולער "פינפטער ראָד", וועלכער פירט אונדז אין לאַנד פון פּאָעטישן פלאַטער.

(צבי אײַזנמאַן, קיבוץ אלונים, 3.2.79)

פון נעכטן אָן, ווען די ביכער זענען צו מיר דערגאַנגען, לייען איך און לייען אײַערע לידער. איך האָב הנאה פון אײַער פּאָעזיע=מוזיק, פון דער זינגענדיקער באַטעמטקייט. אַיעדן פון אונדז, ייִדישע פּאָעטן, איז געגעבן דער כוח פון באַשאַפן זײַן אייגן וועלט=בילד. איר טוט דאָס אויף אײַער ספּעציפישן אופן. דאָס ספּעציפישע טאַקע איז דאָס שאַפערישע, וואָס הייבט אײַך אַרויס. איז דאָס גוט, זייער גוט אפילו.

(לייזער אייכענראַנד, שווייצאַריע, קיסנאַכט באַצירק 6.9.78)

זײַ געזונט און שרײַב ווײַטער שיינע לידער און "גיי אויף יאַגד" נאָך לייענערס, אפשר זענען פּאַרט אַזעלכע בעלי חיים פאַראַן.

(הירש אָשעראָוויטש, יפו, אָן אַ דאַטע.)

אַרײַנגעלייענט אין אײַערע לידער און בצדק רופט איר דאָס בוך — פּאַר אייגענע — ווײַל מיר דוכט, אַז נאָכן איבערלייענען אײַערע לידער, קענען אפילו ווילד=פרעמדע צו אײַך ווערן אייגענע.

(רבקה באַסמאַן=בן חיים, צפת, 25סטער מאַי 1975)

אַ דאַנק פאַר צושיקן אײַער לידערבוך "שטערן אויפֿן הימל". — — — און וואָס נאָר כ'וועל זאָגן, וועט עס זײַן ווינציקער פֿון אײַער ליד. — — — געלייענט ביז צו דער לעצטער שורה לויטן סדר און געהאַט גאָר דערהויבענע שעהען בײַם לייענען — אַ פֿולע וועלט מיט ליד: אַ פֿולע וועלט מיט ליד/און אַלע ווערטער לעבן/און יעדעס וואָרט/איז גרייט/פֿאַר אײַך/דאָס לעבן/געבן. (רבקה באַסמאַן)

(רבקה באַסמאַן=בן חיים, צפֿת, 29סטער אַפּריל 1978)

צוויי ביכער מיט אַזוי פֿיל אַרײַנגעלייגטע האַרץ=און=ריין=דיכטערישע געפֿילן — "לידער צו אייגענע" זענען אָן שום ספֿק נישט נאָר פֿאַר אייגענע, נאָר פֿאַר פֿרעמדע אויך און פֿאַר די יעניקע, וואָס זענען ווײַט פֿון פּאָעזיע. נו און "הימל און ערד" האָבן דאָך געשוווירן, אַז אמתע פּאָעזיע זאָל נישט גיין פֿאַרלוירן לעולם ועד, וואָרום יעדעס ליד אײַערס קען מען זינגען און זיי דאַרפֿן און וועלן געזונגען ווערן און טאַקע מיטן "כּח פֿונעם וואָרט" ווי איר דיכטעט.

(העלען בורקאָ, רמת גן, 24.10.1977)

אַ האַרציקן דאַנק אײַך פֿאַר דעם בוך לידער, וואָס איר האָט געשיקט צום קולטור=קאָנגרעס "לידער צו אייגענע". עס איז אַ גרויסע זאַך, וואָס איר האָט געקאָנט צונויפֿנעמען אײַער האָב און גוטס און אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע פּרעכטיקע בוך. איך בין זיכער, אַז דאָס בוך וועט אַרויסרופֿן אַ סך ליוב און אָנערקענונג פֿאַר אײַך בײַ די וואָס וועלן וועגן דעם בוך שרײַבן. איך האָף צו קענען רעדן וועגן בוך אין ראַדיאָ. פֿאַרשטייט זיך, אַז בײַ דער געלעגנהײַט וועל איך לייענען מוסטערן פֿון די לידער.

מיר גרייטן צו אַ לערנבוך פֿון ייִדישער ליטעראַטור פֿאַר העכערע קורסן. מיר האָפֿן, אַז איר וועט אונדז דערלויבן צו באַנוצן אַוועלכע 4 — 5 פֿון אײַערע לידער.

(חיים בעז, עקזעקוטיוו=דירעקטאָר פֿון ייִדישן קולטור=קאָנגרעס, ניו=יאָרק, 1975)

אַ האַרציקן דאַנק פֿאַר "שטערן אויף הימל". דאָס זענען עכטע לײַכטנדיקע שטערן און זיי באַלויכטן מײַן באַגאַזש ביכער.

איך האָב זיך נישט טועה געווען אין אײַך. מײַן מיינונג וועגן דעם דיכטער מאיר חרץ האָב איך מיר שוין געהאַט געמאַכט אין פֿוילן פֿון די איינצלנע לידער, וואָס איר האָט אַ מאָל געהאַט געדרוקט. איצט האָב איך געהאַט דאָס פֿאַרגעניגן זיי צו לייענען אין אַ היפּשן באַנד און זיך אויף ס'נײַ קוויקן מיט זיי.

איך גלייב, אַז פּונקט ווי מיר גופֿא, ברענגט אײַער בוך אַלע לייענער אַ סך פֿריידיקע איבערלעבונגען.

(לילי בערגער, פּורבאָן, פֿראַנקרײַך, 10טער אויגוסט, 1978)

באַקומען אײַער װערטפּול בוך "דאָס פינפטע ראָד". אַז אײַערס אַ בוך קלאַפּט אָן אין מײַן טיר, איז עס בײַ מיר אַן אָנגעלייגטער גאַסט. כ'עפן ברייט אַלע טירן פאַר אים און אויך מײַן האַרץ. ווי אַלע מאָל קוויק איך זיך מיט אײַערע לידער און חזר איבער מיט אײַך: "זאָל גאָר דאָס פינפטע ראָד גראָד זײַן דער גואל, וואָס לייזט אונדז פון די טיפע בלאָטעס אויס."

(לילי בערגער, מאָנטרוי, פראַנקרײַך, 23סטער פעברואַר 1979)

זײַט יאָרן שעץ איך זייער הויך אײַער דיכטונג. איך באַטראַכט אײַך פאַר איינעם פון די טאַלאַנטפולסטע ייִדישע דיכטער פון אונדזער צײַט.

(ד"ר אַ. בערמאַן, תל אביב, 10.7.1977)

איך האָב די טעג געענדיקט לייענען אײַער בוך "שטערן אויפן הימל". אײַערע לידער האָבן אויף מיר געמאַכט אַ טיפן רושם. דאָס בוך באַקרעפטיקט מײַן אָפּשאַצונג, אַז איר געהערט צו די וויכטיקסטע און טאַלאַנטפולסטע ייִדישע דיכטער פון אונדזער צײַט.

(ד"ר אַ. בערמאַן, תל אביב 6.9.1977)

אַ וווּנדערבאַרע פריידיקע איבערראַשונג אײַער ספר "דאָס פינפטע ראָד". איך בין תמיד געווען אַ פאַרערער פון מאיר חרצס פּאָעזיע און וועל שוין אַזוי פאַרבלײַבן.

(י. ל. ברוקשטיין, בת ים, 13טער פעברואַר,1979)

איך האָב שוין אַרײַנגעלייענט אין אײַער בוך און אפילו זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן. בדרך כלל פּאָעזיע לייענט מען אָפּט מאָל מיט אָנשטרענגונג אָבער אײַערע לידער לייענען זיך אַליין און מיט גרויסער הנאה.

(דוד ברטוב, ירושלים, 14.6.1974)

דעם נעכטיקן רעגנדיקן שבת פאַרבראַכט, לייענענדיק אײַערע פּרעכטיקע לידער, פון וועלכע סע שטראָמט נישט נאָר פּאָעזיע, נאָר אויך חכמה, בחינת חכמת חיים און מוסר השכל.

(דוד ברטוב, ירושלים, 11.2.1979)

דאָס משלדיקע איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ דיכטער פון אײַער שניט און איך געפין עס נישט נאָר אינעם אָפּטייל "משל=אַרטיק". אין אַ סך לידער פילט זיך דער טאָן, דער מאָטיוו פון לעצטקייט, ווערט עס טאָקע סימבאָליש פאַר יענע יאָרן און סיטואַציעס, וואָס איר האָט איבערגעלאָזט דאָרטן.

(ק. א. ברתיני, תל אביב, 12טער פעברואַר 1974)

כאַפּ איך זיך צו פון צײַט צו צײַט צו צו אײַערע לידער און לייען טאַקע פון אַלע אָפּטיילן. גוט איז, וואָס איר האַלט זיך בײַ אײַער אייגענעם טאָן. עס ווערט געשמאַק און אינטים, לייענענדיק אײַערע לידער און מע טאָר נישט שטעלן קיין שאלה: "וואָס וועט זײַן דער סוף פון ליד, פון דאָזיקן טרויעריקן ליד, / וואָס וועט זײַן דער סוף?" מחמת דער סוף, דער תכלית, איז טאַקע אין ליד אַליין. אײַערע פּאָעטישע פּאָרטרעטן האָבן גוטע שטריכן און אַזעלכע לידער ווי "הײַדוקן" האָבן אַ פאָלקסטימלעכן צויבער. און די "גזלנים" ("יידישע גזלנים" מ.ח.) הלוואי וואָלט עס תמיד אַזוי געווען.

(ק. א. ברתיני, תל אביב, לטער פעברואַר, 1979)

נעכטן אָוונט געזען מײַן שכן בנימין שלעווין און באַקומען פון אים אײַער פּאָעמע "מאַרקולעשט" אַ דאַנק פאַרן צושיקן. גלײַך אין אָוונט גענומען זיך צום לייענען. שפּעט בײַ נאַכט פאַרענדיקט. היינט פרי נאָך אַ מאָל דורכגלייענט און בין ממש אויפגעטרייסלט.

(זלמן גאָסטינסקי, פּאַריז, 1.8.1978)

— — — האָט נחת אויך פון דעם, וואָס איר פאַרשאַפט פיל נחת אײַערע איבערגעגעבענע לייענער, וועלכע ווערן אײַך גוטע פרײַנד. שנה טובה וחתימה טובה.

(זלמן גאָסטינסקי, פּאַריז, 4.10.1978)

טײַערער פרײַנד, בין אַ גרויסער ליבהאָבער פון פּאָעזיע און אײַערס אַ ספּעציעלער חסיד.

(זלמן גאָסטינסקי, פּאַריז, 8טער יאַנואַר, 1980)

אײַער בוך ("שטערן אויפן הימל" מ.ח.) האָב איך דערהאַלטן. געבלעטערט אײַערע לידער. זיי זענען: בילדעריש, פּאָעטיש, אײַנפאַלעריש. איר באַנוצט זיך מיט דער גאַנצער גאַמע פון פּאָעטישן קלאַפּערגעצײַג. די מעלה פון אײַערע לידער איז, וואָס מע פאַרשטייט זיי, די שפּראַך איז אַן איינפאַכע און דאָך נישט קיין באַנאַלע, חלילה. דער ריטם איז אַ קלאַסישער, די גראַמען נישט געקינצלט. זיי קומען אַרויס אויף אַ נאַטירלעכן אופן.

אײַערע לידער האָבן מיר פאַרשאַפט אַ גײַסטיקע הנאה.

(נח גריס, פּאַריז, 8טער דעצעמבער 1978)

אַ דאַנק פאַרן צוגעשיקטן בוך "דאָס פינפטע ראָד". דאָס אָפּשטעלן זיך בײַ געוויסע לידער האָט מיר דערלויבט זיך צו שאַפן דעם אײַנדרוק וועגן אײַער סאַטיריש אָדערל. אַ מעלה פון די לידער — מע פאַרשטייט זיי זייער גוט. די

שאַרזשן זענען מיר געפעלן, בפרט וועגן די שרײַבערס, וואָס איך קאָן פּערזענלעך. זיי זענען זייער טרעפלעך (גראַדע, ספּאַרד, אייכענראַנד) אַ גוטער אײַנפאַל איז דאָס ליד ״אַ רוסיש=יִידיש ווערטערביכל״. עס באַזיצט חן און עס מערקט זיך אַ פּעדאַגאָגישער חוש.

(נח גריס, פּאַריז, 1טער מערץ 1979)

אַ גרויסן דאַנק אײַך (דנק איז בגמטריא עולם הבא) פאַר אײַער מתנה, ״דאָס פינפטע ראָד״. ס׳איז פּאָעזיע געלונגענע ביז גאָר. מיר לייענען מיט גרויס הנאה.
(ברוך האַגער, ב. איירעס, יום העצמאות תשל״ט)

ס׳וועלן קומען — אַז מיר וועלן שוין אויף דער וועלט נישט זײַן — פאָרשערס פון דער חורבן=ליטעראַטור און זיי וועלן זיך באַשטימט אָפּשטעלן אויף אײַך, ווײַל איר טראָגט אַרײַן אַן אייגענע פרישע נאָטע אין דער ווייטיקדיקער חורבן=אַטמאָספער. סימבאָליש פאַר אײַער אַנדערשדיקייט איז דאָס ליד ״בלינדקייט״ — ״און מיט בלינדע טריט פּאָרויס/ווי אַ פערד מיט ווײַסע אויגן,/בין איך פון מײַן שטאַל אַרויס — — ״אָדער: ״גלייך צוויי הערנער פון אַן אָקס/קעגן אַל די שוואַרצע טויטן, — —״

איר דאַרפט זיך נישט באַנוצן מיט מעטאַפערן, ווײַל איר זענט די ערד אַליין, וואָס ברענגט אַרויס אַלע צמחים, אַלע פירות, אַלע פאַרבן און אַלע זאַפטן צום לעבן.

אַ סך דיכטער פון אײַערע פאָרטרעטן קען איך נישט, נאָר אָפּשטעלן מוז איך זיך אויף צוויי פרײַנד מײַנע — יעקב גלאַטשטיין ע״ה און אויף לייזער אייכענראַנד. פרעכטיק כאַראַקטעריזירט און זייער אייגנאַרטיק דיכטעריש געשטאַלטיקט. ממש אַ וויזיע.

(ליזאַ האַגער, ב. איירעס 26סטער יוני 1979)

איך לייען פּאַוואָלינקע און מיט גרויס פאַרגעניגן אײַער ״אין פרעמדן גן עדן״ ממש מיט די פינגער איבער די שורות איין מאָל און טאַקע נאָך אַ מאָל און ווידער און ווידער.

אײַערע אויטאָביאָגראַפישע לאַנדשאַפט (און איך מיין נישט נאָר געאָגראַפישע נאָר אינערלעכע בפרט), וועלכע זענען מיר אַזוי אינטים באַקענט פון מײַן אייגענעם אַמאָל — דער מאַרק, די יידענעס, די קרעמערס, די פּלויטן, די דעכער, די הינטערשטע געסלעך — זיי זענען אײַך פרעכטיק געלונגען, מע אָטעמט זיי, איך אָטעם זיי אײַן און פיל ממש זייער אַראָמאַט, זייער אומשטערבלעכן ריח. ״בלאָטע״ איז איינס פון אײַערע שטאַרקסטע לידער.

(ווערא האַקען, ניו=יאָרק, 26.6.1974)

נאָר וואָס געלייענט יעקב שאַיאָוויטשן עטלעכע פון אײַערע מאַרקולעשטער בענקשאַפטן... ווי וואַרעם, ווי היימיש, ווי שרעקלעך ״פאַרגאַנגען״ קלינגען אײַערע לידער. אַ גרויסן דאַנק אײַך, זינגער פון אונדזער באַסאַראַבער בענקשאַפט און טרויער.

(וואָראַ האַקען, ניו=יאָרק, 23.6.1975)

הײַנט האָט מיך אַרויסגערופן צו אָט דעם בריוו אײַערע אַפּאָקאַליפּטיש=שרעקלעכע, דראַמאַטישע כמעט, אין גאַנצן אָנגעפּולטע מיט אַ מין דאַנטעשער גיהנומדיקייט, פינף לידער אין ״די צוקונפט״. איך האָב זיי נאָר וואָס עטלעכע מאָל איבערגעלייענט און געבליבן זיצן אויף לאַנג אַ פאַרטראַכטע.
(וואָראַ האַקען, ניו=יאָרק, 25.6.1976)

באַקומען אייער בוך ״דאָס פינפטע ראָד״. געלייענט פון אָנהייב ביזן סוף — מיט איבעררייסן. אַ ריי לידער אין די פאַרשידענע אָפּטיילן האָבן מיך טיף גערירט, באַזונדער די פון רוסלאַנד. ווי נאָר כ׳וועל האָבן ווו, ווילט זיך מיר שרײַבן וועגן אײַער בוך.
(יוסף האָרן, ב. איירעס, 2טער מאַי, 1979)

אײַערע לידער האָב איך דערהאַלטן געלייענט און געהאַט פון זיי אמתדיקן גענוס. די צוגעשיקטע לידער וועלן מיר דרוקן אין איינעם פון די נאָענטסטע נומערן. איך בעט אײַך שוין איצט צוגרייטן פאַר אונדז אַ ווײַטערדיק בינטל לידער אײַערע.
(י. הירשהויט, רעדאַקטער פון ״די צוקונפט״, ניו=יאָרק, 26.3.1976)

ס׳וואָלט מיר שטאַרק הנאה געטאָן, אויב איר זאָלט מיר שיקן אַ בינטל לידער פאַר ״די צוקונפט״. אײַערע לידער, וואָס מיר האָבן געהאַט געדרוקט מיט אַן ערך אַ יאָר צוריק, האָבן געהאַט זייער גוטע אָפּרופן בײַם עולם. זיי וואָלטן שטאַרק געוואָלט לייענען מער אײַערע לידער.
(י. הירשהויט, רעדאַקטער פון ״די צוקונפט״, ניו=יאָרק, 20.11.1976)

איך קאָן דײַן פאַרליבטקייט אין פשטות, וועלכע איז מיר אויך נאָענט, ווען זי שפּראָצט אַרויס אַזוי עכט ווי בײַ דיר.
(מ. פריד ווײַנינגער, ראשון לציון, 22סטער אַפּריל 1980)

הערב התייחדתי עם ספרך החמישי שלא כשמו כן הוא. אין הוא כלל ״הגלגל החמישי״ אין הוא המיותר בעגלת החיים שלך.
בספר זה השלמת בהרבה את ספריך הקודמים.
(דוד ויניצקי, גבעתיים, 9טער פעברואַר 1979)

איבערגעלייענט אײַערע לידער און שטאַרק הנאה געהאַט.
(עליע ווערבלון, רמת השרון, 20.5.1981)

דער אָוונט איז געווען אַ פּרעכטיקער, אַלע זענען געווען איבערראַשט פון דער שיינקייט פון דײַנע לידער.
(משה זאַלצמאַן, תל אביב, 21.4.1972)

אַ יישר כח אײַך, מאיר חרץ, פאַר אײַערע "לידער צו אייגענע". דער באַנגער טרויעריקער ניגון, וואָס זינגט אַרויס פון זיי, נעמט אַרום און צוזאַמען מיט אײַך ווײנט זיך און צוזאַמען מיט אײַך "שפּילט מען זיך פאַר ווייטיק אין גראַמען".

כ'האָב אײַך פריער אַלס פּאָעט נישט געקענט, בין איך טאַקע שטאַרק צופרידן, וואָס ס'איז מיר צוגעקומען אַ פּאָעט, וועמעס געמיט איז מיר נאָענט. אײַער פּשטותדיק וואָרט איז אַזוי עכט און נישט געקינצלט, אַז עס גיט איבער אײַער פּאָעטיש געמיט אָן פאַרשטעלענישן.
(יעקב זיפּפער, מאָנטרעאַל, 27.7.1975)

דײַן וויגליד געלייענט מיט אַ ניגון — די נשמה פון דײַן ליד — אַנדערש לייענט עס זיך נישט. אין גאָרגל האָב איך דערפילט דאָס קנײַלעכל יאָרן און אַ טרער האָט מיך אויסגעלייזט — די עלטער.
(חיים זעלצער, רעננה, 4טער יאַנואַר, 1975)

איך קען און דערקען און אָנערקען דײַן חרצישן אלף=בית, דעם באַזונדערן, פּאַרביקן, חנעוודיקן, שפּילעוודיקן און טרויעריקן.
(חיים זעלצער, הוד השרון, 13.6.1977)

"דאָס צענטע לידערבוך ליגט אָפן" איז אַ שעדעווער, אַ מײַסטערווערק. עס זאָגט אָן באַנײַונג (וועגן מײַנס אַ ליד אין "ירושלימער אַלמאַנאַך" נומער 11. מ.ח.)
(חיים זעלצער הוד השרון, 29.1.1980)

די טעג דערהאַלטן "די גאָלדענע קייט" 102, געלייענט אײַערע לידער, הנאה געהאַט און אײַך געבענטשט.
(מלכה חפץ טוזמאַן, בערקעלי, קאַליפאָרניע, 31.10.1980)

איצט קען איך שרײַבן אַן אמתן דאַנק פאַר אײַערע ביכער און פאַר די לידער אין זיי. כ'האָב געלייענט — ניט אַלץ מיט אַ מאָל, נאָר ביסלעכווײַז, אַ מאָל צוויי לידער, אַ מאָל דרײַ, אַ מאָל פינף און אַ מאָל מער און איך האָב הנאה געהאַט — פון דער שפּראַך, פון די ריטמען, פון די גראַמען, פון די בילדער. באַזונדערס די

פאָלקסטימלעכקייט און פילפאַרביקייט פון דער טעמאַטיק הנאה געהאַט פון דער לײַכטער זינגעוודיקייט און פון דעם אָפּטימיזם אין די טרויעריקע לידער. אַ סך מאָל האָבן מיך די לידער געמאַכט פריילעך אויפן האַרצן און איך האָב זיי געלייענט שמייכלענדיק און אַ מאָל אפילו געלאַכט אויפן קול און אַ מאָל האָבן מיך די לידער זייער גערירט.

(חוה טורניאַנסקי, ירושלים, 25סטער יולי 1979)

איר האָט שוין לאַנג געפונען בײַ מיר חן, נאָך איידער איר האָט מיר צוגעשיקט אײַער בוך "לידער צו אייגענע". — — — אײַער פאָלקסטימלעכער געזאַנג איז אַ הויכער גרינער אינדזל אין מיטן צעבושעוועטן ים. — — —

ס'האָט געהאַלטן, אַז מע וועט אָנהייבן אויסטיילן די פּרעמיעס (אויפן נאָמען פון מאיר זימל טקאַטש. מ. ח.) אין יאָר 1979 פאַר ביכער פון פאַרגאַנגענעם יאָר, האָב איך געטראַכט, געמיינט, אפשר וועט איר זײַן דער קאַנדידאַט... אין אַ בריוו צו ווערא האָקען האָב איך אײַך געלאָזט גריסן — — —

(מאיר זימל טקאַטש, ניו=יאָרק, 20סטער אַפּריל, 1980)

האָב איך דערווײַל דײַן בוך ("שטערן אויפן הימל" מ.ח.) אָפּגעדאַוונט גאַנצע צוויי ציקלען. איך דאַוון זיי טאַקע, די תפילות דײַנע. אין אַ גרויסן פאַרטאָג ווי אַ פרומער יִד מה טובו — ווײַל לעצטנס האָט זיך אָפּגעטאָן דער שלאָף פון מײַנע אויגן. מונטערן זיי מיך אויף, די פיוטים דײַנע, און העלפן מיר צו דערשלעפּן דעם בעל כרחו אתה חי אויף זיך. איז דאַנק איך דיר, מײַן זינגער, וואָס דו מאַכסט מיר כאָטש אַ ביסל גרינגער.

(יאַנקל יאַקיר נתניה, 15.6.1977)

"לידער צו אייגענע" — ס'ערשטע מאָל ווי איך לייען איבער אַ בוך לידער פונעם אָנהייב ביזן סוף. לידער לייען איך, געוויינלעך, שפּרינגענדיק. וואָס פאַראַ נאָמען פון אַ ליד סע געפעלט מיר, יענץ ליד לייען איך און דײַן בוך האָב איך געלייענט גלײַך איך גיי שוין אָנשרײַבן אַ גרויסע אָפּהאַנדלונג וועגן דיר.

(מאַניע יאַקיר, נתניה, 27.11.1975)

ווערט טאַקע ליכטיקער דער הימל פון אונדזער ליטעראַטור מיט אייערע שטערן ("שטערן אויפן הימל" מ.ח.)

(משה יונגמאַן, קרית טבעון, 12.6.1977)

איך בין זיכער דער לעצטער, וואָס שרײַבט און וואָס דאַנקט אײַך פאַר אײַער נײַ בוך לידער. מײַן חטא איז דער, וואָס כ'בין זיך נוהג צו לייענען אַלע בפרט די ביכער פון מײַנע פרײַנד "מדאָסקע לדאָסקע", געדויערט עס ביז איך רוף זיך אָפּ.

איר רופט אָן אײַער בוך ״דאָס פינפטע ראָד״. שלעפּן טאַקע די ערשטע פיר רעדער געטרײַ און איבערגעגעבן אײַער לידער=וואָגן, אָבער דאָס פינפטע בײַ דער זײַט איז בײַ אײַך יונג און פרײַ, דרייט זיך און דרייט זיך און בלײַבט שטענדיק נײַ. און וואָס וויל מען דען מער פון לידער? א שפּיל, אַ בלישטש פון אַ רעגנבויגן, אַ וואָרט, וואָס פּראַלט אויף האָריזאָנטן און אינעווייניק — אַ קלוג, באַטראַכטנדיק, שמייכלענדיק אויג, אָן קיין איבעריקע לונג און לעבערס. אָט די אַלע אייגנשאַפטן געפין איך אין אײַערע לידער.

(משה יונגמאַן, קרית טבעון, 20.2.1979)

דעם דיכטער מאיר חַרַץ

דאָס פינפטע ראָד
קאָן אַ מאָל אַרײַנפירן אין באָד,
אָבער אין אײַערע לידער גראָד
איז גאָר דאָס פינפטע ראָד
אַ חלק פון אַ האָפערדיקן קאַראַהאָד.

עס איז נאָר אַ שאָד,
וואָס איר, ״דיעדושקאַ חַרַץ״ אונדז האָט
אַזוי שפּעט אַרײַנגעפירט אין אײַער סוד
און אונדז באַשאָנקען מיט אײַער דיכטערישן גענאָד.
עס איז קיין מאָל אָבער צו שפּעט
צו געניסן פונעם חסד פון פּאָעט.

(יצחק לודען, תל אביב. 3.2.1979)

דאָס פינפטע ראָד איז נישט קײַן פּאַרפּוץ, /אין שירה איז עס דאָס וויכטיקסטע גוטס, /דער לעצטער סוד און דער הייליקער גראַם, /וואָס אָן אים האָט נישט דאָס פּאָרן קיין טעם, /ווײַל יענע פיר טאַקע קײַקלען זיך גראָד /און אָפּט איז דער... דיכטער — דאָס פינפטע ראָד.

אין אײַער בוך שפּירט זיך דער צוזאַמענשטעל פון פאַרשידענע פּעריאָדן אָבער די שפּראַך, דער סטיל, דער פּאָעטישער אופן פּאַראייניקט זיי אַלע.

(מרדכי ליטווין, פּאַריז, 12.2.1979)

איך וויל זיך באַדאַנקען פאַר אײַער לידערבוך ״דאָס פינפטע ראָד״. איך לייען. און לייען עס איז ליריק און ליריק מוז מען לאַנגזאַם אײַנזאַפּן. איך ווייס ווי קליין ס׳איז דער קרײַז פון ייִדישע לייענער אָבער די ווייניקע האָבן דאָך אַ פריד פון אײַערע שיינע פּאָעמען.

(פּראָפ. סאָל ליפּצין, ירושלים, 23.2.1979)

אַ שיינעם דאַנק פאַר אײַערע זייער געשמאַקע ייִדיש=באַטעמטע לידער, איך

לייען און זע קיין מאָל מער לאַנדשאַפּטן ווי צעהאָנגענע בילדער אין מוזעום.
(בלומע לעמפּל, ניו=יאָרק, 9 נאָוועמבער)

דו פרעגסט מיך, צי סע געפעלן מיר דײַנע לידער. ווען איך זאָל זיי דיר איבערלייענען וואָלטן זיי דיר אויך געפעלן.
(יאָסל לערנער, בית הבראה תל השומר. 22.3.1973)

מײַן אײַנדרוק פונעם בוך? ("לידער צו אייגענע" מ.ח.) אויסגעזונגען ווי אַ שיר השירים, אויסגעדענקט ווי קהלת, אויסגעקלאָגט ווי איכה און צוזאַמענגענומען איז ער דײַן דברי הימים.
(יאָסל לערנער, קרית אונו, 17.5.1975)

אַ האַרציקן דאַנק פאַר דײַנע ליכטיקע "שטערן אויפן הימל". איך לייען, שטעל זיך אָפּ און לייען ווידער. וואָס סע פאַרכאַפּט מיך אַזוי אין דײַנע לידער? די יום=טובדיקייט, וואָס רוט אין זיי, די וואַרעמע מעלאָדישקייט. מע הערט זיי אָטעמען די לידער דײַנע.
און זאָל איך דיר זאָגן: אַז דו ביסט אַ גאַנצער אָרקעסטער, /אַז דו ביסט דער בעסטער, /אַז דו ביסט דער גרעסטער." — ווען סטו דאָך מיר ענטפערן: "עס הייבט זיך נישט אָן /און סע לאָזט זיך נישט אויס, /לאָזט פון געשעפט מיך אַרויס." (ציטאַטן פון מײַנס אַ ליד. מ.ח.) וועל איך דיר ענטפערן: ביסט אַליין זיך שולדיק. האָסטו נישט געזאָלט אָנשרײַבן אַזאַ וווּנדערשיינעם לידערבוך.
(יאָסל לערנער, קרית אונו, 25.6.1977)

איך וויל נאָך אַ מאָל באַטאָנען, אַז איך האָב שטאַרק הנאה פון אײַערע לידער. אין גאַנצן אָן אָנשטעל. אײַערע לידער פאַרמאָגן צוויי גרויסע מעלות — פאַרשטענדלעך און שיין.
(געניאַ מאַנגער, ניו=יאָרק, 16טער יולי 1975)

און אָט אַזוי גיי איך נאָך ליד נאָך ליד. אײַערע שילדערונגען לעב איך ממש איבער מיט ציטער און מיט הנאה. מײַן באַשיידענע מיינונג איז, אַז אויב אַ דיכטער קאָן אַרויסרופן אַזאַ געפיל אין אַ לייענער, האָט ער דערגרייכט זײַן ציל. בין טיף גערירט פון אײַערע לידער.
(געניאַ מאַנגער, ניו=יאָרק, 8טער נאָוועמבער, 1975)

ס'איז דער דרך פון מײַן טבע איבערצולייענען אין אַ צײַט אַרום נאָך אַ מאָל דאָס, וואָס סע געפעלט מיר און דערגרונטעווען דאָס, וואָס בײַם ערשטן לייענען האָב איך נישט דערזען. איך געדענק, אַז ווען איך האָב צום ערשטן מאָל

איבערגעלייענט די פּאָעמע (די פּאָעמע "מאַרקולעשט", וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט פאַרקירצט אין יזכור=בוך "מאַרקולשטי" מ.ח.) האָב איך אײַך דעמלט אָנגעשריבן אַ יישר כח און אָנגעוויזן אויף די סטראָפעס וועלכע זענען מיר אַממערסטן געפעלן געווען. איך האָב זיי דעמלט אונטערגעשטראָכן. הײַנט ווען איך לייען אײַער פּאָעמע נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל לאָז איך שוין בכלל די פעדער נישט אַרויס פון דער האַנט.

(יענטע מאַש, חיפה. 7.5.1982)

אַ שיינעם דאַנק פאַר דער מתנה — "שטערן אויפן הימל". זיך שוין אַ ביסל אַרײַנגעלייענט און, באמת גאַר שיינע לידער. צו מיר רעדן דווקא די "געבראָכטע" לידער, די בילדלעך פון רוסישן ווײַט, פון אינערלעכן ציטער און געמיט, פון שיינעם גרינעם אַרום און בכלל פּאָעטישן אומרו. קערנדיקע געפילפולע פּאָעזיע.

(וולאַדקע מיד, ניו=יאָרק בראָנקס, 24סטער סעפּטעמבער, 1979)

איך לייען דײַנע לידער און דאָס איז אַ הייסער שמועס מיט דיר... אָט לייגסטו אויס פאַר מיר דײַנע געדאַנקען און גלײַך ווי דו לייענסט אין די טיפסטע טיפן פון מײַן נשמה, פאַרוויקלסטו אין ווערטער מײַנע פּראַגעס, מײַנע ענטפערס און מײַנע געפילן.

לייענענדיק דײַנע לידער אַ שעה צוויי, לייג איך אַוועק דאָס בוך, גלײַך ווי כ'געזעגן זיך מיט דיר ווי אַ מאָל אין די קליינע שעהען בײַ נאַכט נאָך דעם ווי מיר האָבן איינער דעם צווייטן דאָס פיפטע מאָל באַגלייט ביז דער טיר, איבעררײַסנדיק דעם שמועס פונקט אין דער מיט. איך בין גליקלעך דיר צו זאָגן: דײַן ליד איז דער כח, וואָס באַפרײַט מײַן געדאַנק און געפיל, טוט זיי אָן אין ווערטער און שענקט זיי מיר צוריק, דו ביסט דאָס קול צו מײַן געשריי און דער ניגון צו מײַן שטום ליד.

(מײַן יוגנט=חבר שמואל מידלער, עפולה, 10.2.1979)

נאָר וואָס איז צו מיר דערגאַנגען אײַער שיינע מתנה מיט אײַער נײַעם בוך לידער ("שטערן אויפן הימל" מ.ח.) אײַער שירה איז מיר באַקאַנט פון פאַרשידענע זשורנאַלן, ווו אײַער נאָמען ליכטיקט מיט קינסטלערישער יכולת.

(יעקב מייטליס. לאָנדאָן, 23.11.1978)

עברית

אני שמח שנוסף לי לא רק ספר מלא ודגוש יופי, אלא שמאחורי השם מאיר חרץ שעד עתה היה בשבילי שם בלבד, התייצב עכשיו משורר בעל כח ובעל חן ובעל חכמה.

(שמשון מלצר, תל אביב, 19.6.1977)

אײַערע לידער זענען מיר געוואָרן אַ גוטער אינטימער פרײַנד. נאָך נישט

באַוויזן אַלע איבערצולייענען, ווײַל איך פאַרגין מיר נישט צו שנעל צו געניסן...

לייענענדיק אײַערע שורות: "וואָס איז אונדז געבליבן? /וואָס איז אונדז באַשערט? /שטערן אויפן הימל, /לידער אויף דער ערד". פיל איך ווי אײַערע ווערטער הייבן אויף מײַן קאָפּ העכער און מאַכן מיך זען און דערזען די שטערן אין הימל.

בכלל לייענענדיק אײַערע לידער, וואָס זענען אַזוי ייִדיש אוניווערסאַל, ווילט זיך מיך ווײנען און לאַכן, ווײנען, ווײַל ס'איז מיר אַזוי גוט מיט זיי און לאַכן פאַר פרייד, וואָז איך בין זוכה אַזוי צו געניסן פון זיי.

(בעלאַ מעדאַווניק. ירושלים. 11.2.1979)

טײַערער חרץ, אַ דאַנק פאַרן בוך, געלייענט, הנאה געהאַט, און אַ טרער — האָט דאָס בוך פאַרמאַכט.

(מאַקס מעלמאַן, ירושלים, יוני 1977)

פריער געלייענט "אין פרעמדן גן עדן" און איצט — "הימל און ערד" — —
— יאָ, מאיר, פון די צוויי ביכער אײַערע האָט זיך פאַר מיר אויסגעמאָלן אַ בולט דיכטעריש פנים, וואָס איך ווייס אפילו זײַן יחוס און צו וועלכער משפחה ס'געהערט, איז דאָס פאַר מיר אַ פרייד און איך זאָג אײַך אַ חברישן מזל טוב.

(אברהם סוצקעווער, תל אביב, 9טער פעברואַר 1974)

כ'ווייס ניט, צי ס'איז גוט פאַר ייִדן — און פאַר אַ ייִדישן פּאָעט, וואָס כ'האָב אים געלייענט במשך אַ וואָך, ליגנדיק מיט היץ אָבער אַזוי איז מיר באַשערט געווען, איז אונדז ביידן באַשערט געווען און לאָמיך זאָגן אויפריכטיק: כ'האָב געקרענקט אין נחת. — — —

נישטאָ קיין גרעסערע פרייד פאַר מירווי פּאָעט=אַנטפּלעקונג. איצטער ווייס איך, אַז דו געהערסט צו מיר, אַז וועגן דײַן זינגען האָב איך היפּש צו זאָגן און דערווײַלע זאָג איך איבער צוויי מאָל מיט דיר צוזאַמען:

איז גוט, וואָס דו ביסט דו.

איז גוט, וואָס דו ביסט דו.

(אברהם סוצקעווער, תל אביב, 9טער דעצעמבער 1979)

די טעזן פון מײַן רעפעראַט וועגן אײַך זענען געווען:

א. די נעבטיקע (און הײַנטיקע) טעג פאַרירשנט אינעם ליד פון מ. חרץ (דאָס לעבן אין פּאָעזיע)

ב. די לאַנדשאַפט=בילדער אין דער פּאָעזיע פון מ. חרץ (דער מענטש, די שטאָט, די לאַנדשאַפט אויסגעשטעלט צום זעלבן גורל)

ג. ווערסיפיצירטע און געגראַמטע סקיצן=בילדער און שפּילערײַען.

ד. דאָס ספּעציפיש=חרצישע זען די וועלט.
ה. חרץ ווי אַזוי ער זעט זיך אַליין.
ו. חרצס גערעאַנגל פאַר עליה פון סאָוועטנרוסלאַנד און זײַן בענקשאַפט קיין ישראל.

נישט באַהאַנדלט האָב איך וועגן דעם חרוב געוואָרענעם ייִדיש פון באַסאַראַביע און וועגן דעם וואָס איז ייִדיש אין דער פּאָעזיע. דעם רעפעראַט קען איך אײַך דערווײַל אויף פּאַפּיר אין זײַן פולקייט נישט אויפבויען.

איך האָף אַז פאַר די מענטשן, וואָס האָבן אַ געפיל פאַר פּאָעזיע האָב איך איבערגעגעבן עפּעס פון אײַער פּאָעזיע.

(הערש סעגאַל, רחובות, 2.9.1972)

אײַער ביכל באַקומען ("לידער צו אייגענע" מ.ח.) איך האָב אין דעם געטראָפן אַ סך מיר באַקאַנטע לידער אײַערע. סע האָט מיך אָנגערירט אַ צאַרטע וועלט פון בענקעניש און טרויער, בילדער פון שטוינען (דאָס ליד: "פאַר וועמען שטייט דער באַרג") און לאַנדשאַפט.

(הערש סעגאַל, רחובות. 13.5.1975)

אײַער ליד "ניט גוט" (וואָס איך האָב עס בשעתו אַרײַנגעשיקט מײַן פרײַנד סעגאַלן ווי אויך אַ סך אַנדערע לידער. מ.ח.) איז אַ ליד פול מיט שטימונג אַרום אײַער נישט צופרידנקייט מיטן אַרום, אָבער מיטן געפיל און דער שטימונג צו זײַן פאַרוועבט מיט דער שטימונג פונעם אָוונטבלוי. דאָס איז נישט גוט און דאָך גוט — דאָס איז די פּאַראַדאָקסיע פונעם לעבן. זיכער איז די ווירקלעכקייט פּאַראַדאָקסיע, אָבער זי איז אויך אַ סך אַבסורדער און טונקעלער און אָנגעלאָדענער מיט אומהיימלעכקייטן, אַ סך אומפאַרשטענדלעכער ווי אין אָט דעם אַזוי קלאָרן און שטימונגסרײַכן ליד אײַערן.

(הערש סעגאַל, רחובות. 13.8.1975)

פון די לידער, וואָס איר האָט מיר לעצטנס אַרײַנגעשיקט, מיין איך, אַז דאָס ליד "וווּנדער=ווערטער" איז איינס פון די בעסטע אין דער ייִדישער פּאָעזיע איבער פּאָעטישער פאָרם=שאַפונג נאָר צו פאַרגלײַכן מיט ווערלענס ליד איבער קלאַנגען, מוזיק אין דער פּאָעזיע. — — סע האָט מיך געלערנט צו זען אַנדערש, טיפער אײַער פערז פון צוריק מיט פערציק יאָר: "און דער הימל אויפן באַרג/ קוקט זיך גרין און בלאָ אַרום".

(הערש סעגאַל, רחובות. 7.10.1975)

די "לידער צו אייגענע" זענען אָנגעקומען אויפן ריכטיקן אַדרעס. אײַערע לידער זענען מיר אייגן. די קינסטלערישע נישט געקינצלטקייט איז מיר צום האַרצן. דער טעם פון די לידער צעגייט זיך אין מויל ווי אַ נאַטירלעכער האָניק. שטילע

װאַסערן, װאָס גראָבן טיף. אײַערע שורות גיבן דאָס געפיל, װי זײ װאָלטן געבוירן געװאָרן שלימותדיק. געהאַט בדעה צו כאַפּן בלױז אַ בליק, אָבער נישט געקאָנט אַװעקלײגן פון האַנט דאָס בוך מיט עבטער פּאָעזיע.
(יהודה עלבערג, מאָנטרעאַל, ערב שבת הגדול, 1976)

ערשט נאָכן צוריקקומען אַהײם. זיך צוגעכאַפּט צו אײַער "שטערן אױפן הימל", װאָס איז אַ פולער שײַער אױף דער ערד. די גרעסטע מעלה פון אײַערע לידער איז דאָס, װאָס איר גלאָצט נישט צו פיל צום הימל, נאָר זינגט מיט געזונטער ערדישער פרײד, שטיפערישקײט און לעבנסלוסטיקײט. אפילו אַ שאָטן, װאָס פאַלט אַראָפּ, איז פול מיט געלעכטער און נישט מיט אימה, װי עס װאָלט אַרױסגעקומען בײַ עמעצן אָן אײַער געזונטן חוש פאַר הומאָר. אױב איר פאַרקריכט אַ מאָל װײַט אױף די שטערן, איז עס צו באַװײַזן די שלימזלדיקײט פונעם רשע, װאָס קאָן נישט דעריאָגן נישט אײַך און נישט די צײַט. צעװײנט זיך אַ מאָל אײַער ליד, װײנט עס צניעותדיק און שטיל, נישט אױפצװועקן די שכנים.. איר טראָגט מיט פרײד דעם זאַק מיט אלף — ביתן און פלעכט פון זײ אױס װאַרעמע האַרצעדיקע לידער. אַ יישר כח, מײַן טײַערער מאיר חרץ.
(יהודה עלבערג, מאָנטרעאַל, 22סטער יוני 1978)

אַ האַרציקן דאַנק פאַר אײַער בוך "שטערן אױפן הימל", װאָס איר האָט מיר צוגעשיקט און װעלכן איך לײען מיט גרױס פאַרגעניגן און מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם.
(שמעון פינקעל, 18טער פעברואַר 1979)

אײַער בוך "דאָס פינפטע ראָד" האָב איך אױסגעלעזן װי מע זאָגט אָט דאָסקי דאָ דאָסקי מיט גרױס אינטערעס, הנאה און שפּאַנונג. אײַערע טיפע איבערלעבונגען האָבן אַרױס גערופן אין מיר אַ שטאַרקן עכאָ. אין אַלע אײַערע לידער עקספּלאָדירט דער רײנער אמת, אַ סך מוט און אַ גרױסער פאַרנעם פון כח און דאָס איז דאָך דער בעסטער סימן פון װערטפולער דיכטונג.
(שמעון פינקעל, תל אביב, 18טער פעברואַר 1979)

אײַער לידערבוך "שטערן אױפן הימל" איז מיר אָנגעקומען אומגעריכט. כ׳האָב נישט געקאָנט זיך אָפּרײַסן דערפון און אין אײן נאָכט עס דורכגעלײענט.
כ׳האָב אײניקע שורות פון אײַער בוך אַרױסגעשריבן און איך שיק זײ... אײַך צו. זײַט עס מיר מוחל. עס איז דאָך אַזױ אמת.
(סאַמי פעדער, הרצליה. 8.6.1977)

אַ דאַנק פאַר אײַער "פינפטן ראָד". אַ װעלט מיט לענדער, פײסאַזשן, שרײַבער

און אַליין געוויס אויך אַ באַזונדערע וועלט. יע, די שרײַבערס (געמיינט דאָס ציקל לירישע פּאָרטרעטן אונטערן נאָמען "אַנפּאַס און פּראָפּיל" מ.ח.) יעדן איינעם מיט אַ וואָלעכיש=קאָמפּאָנירטן מי שברך. ווי קלוג און קינסטלעריש.

(ישראל קאַפּלאַן, תל אביב, 12.2.1979)

שרײַבט אײַערע שיינע לידער, וואָס זענען אויסנעמלעך=קלאָר און מיט אַ טיפן פּאָעטישן גלאַנץ.

(רבקה קאָפּע, ראָבינסאָן בײַ פּאַריז, 5.1979)

איר זענט בכלל אַ גאון פון פשטות און אײַנפּאַל, טייל לידער מאַכן דעם אײַנדרוק, אַז עס פאַלט בײַ אײַך פון דער פּעדער ווי אַן עפּל פון בוים.

אַ מזל האָט איר — אײַערע לידער דאַרפן נישט קיין פּירוש..

(רבקה קאָפּע, 23.5.1979)

אײַער ליד האָט אַ מאַגנעטישן כח. איר זענט אַ מכשף, וואָס קען מוזיצירן 24 שעה אין מעת לעת.

(רבקה קאָפּע, 23.6.1979)

אײַער ליד האָט מיך אַרײַנגעפּירט אין אַזאַ פאַרגעניגנדיקער רו.

(רבקה קאָפּע, 14.7.1979)

איר זענט פון מײַנע באַליבסטע דיכטער

(רבקה קאָפּע, 7.11.1979)

עס האָט דעם חרצישן טעם — אַזוי זינגענדיק, מעשהדיק און חנעוודיק, אַז סע גלוסט זיך מיר אויפוועקן מײַן באַשערטן און אים אַ לייען טאָן אַ ליד.

(רבקה קאָפּע, ראָבינזאָן ביי פּאַריז, 13.3.1980)

אין יִדיש זענט איר פון די געציילטע צו דערלאַנגען אַזוי מחיהדיק, לעבעדיק, שפּילעוודיק אין גוטן געמיט. נאָך דער שווערער געקינצלטער עברי פון "מאַנבע" דיכטער איז אַ פאַרגעניגן זיך צו דערפרישן מיט אײַערע לידער.

(ברכה קאָפּשטיין, בנימין קאַץ, תל אביב, 24.2.1979)

כ'בין זיך אײַך מודה, אַז ווייניק דיכטער אונדזערע לייען איך מיט אַזאַ פאַרגעניגן ווי איך לייען אײַך.

(יחזקאל קאָרנהענדלער, פּאַריז, 14.5.1975)

איך פאַסמאַקעווע זיך מיט אײַערע שירהדיקע שורות, פּערוועסאַרטיקע לידער און לאָמיך זיך אָנשליסן אינעם תפילהדיקן ווּנטש:

"זאָל גאָר דאָס פּינפטע ראָד גראָד זײַן דער גואל,
וואָס לייזט אונדז פון די טיפע בלאָטעס אויס."

און אויך אפילו פון די "פלאַכע" בלאָטעס! אמן, כן יהי רצון!!

(ד"ר לייב קורלאַנד, חמי טבריה, 8.2.1979)

אײַערע ביכער האָב איך באַקומען און איך לייען זיי מיט גרויס, פאַרגעניגן. זיי דערמאָנען נישט נאָר אײַער מאַרקולעשט, נאָר אויך מײַן בריטשאָן, ליפקאָן, סעקוראָן און בכלל דאָס יידישע שטעטל, די אַמאָליקע, די אַלטע יידישע היים פון דער אַלטער יידישער וועלט. איך לעב נאָך אַ מאָל דורך מײַנע יוגנט=יאָרן אַ דאַנק אײַערע שריפטן.

(מאַרקוס קערצמאַן, באַהיאַ, בראַזיל 12.1.1982)

און וועגן די לידער אַליין איז דאָך שוין אָפּגערעדט. איך בין אַן אַלטער חסיד פון זיי, ווײַל זיי זענען אי גוטע, אי שיינע, אי פרישע לידער.

(גדעון קראַפט, רמת גן, 1979)

אַ דאַנק, אַ דאַנק פאַר די לידער פונעם פינפטן ראָד. כ'בין טאַקע אַ העברעישער שרײַבער, אָבער וואָס קאָן איך טאָן, אַז הנאה האָב איך מער פון יידישע לידער מאשר משירים עבריים מודרניסטים, נעבעך און מ'שטיינס געזאָגט. אַ גרויסן יישר כח אײַך ועוד פעם תודה.

(ג. קרסל, חולון, 8טער פעברואַר, 1979)

טײַערער דיכטער מאיר חרץ. איך האָב אײַך ליב אַלס דיכטער. פאַרוואָס? אָן מאָטיוון, אפשר, ווײַל איר זענט אַ האַרציקער דיכטער, אַ מענטשלעכער, מיט גרויס ליבשאַפט צום לאַנד און צום פאָלק, צי אפשר, ווײַל אין אײַער דיכטונג ליגט אַ סך פאָלקס=חכמה, אָדער גאָר אפשר דערפאַר וואָס אין אײַער ווערק איז פאַראַן דאָס אָנגעצילט פינטעלע, יענץ פינטעלע, וואָס איר לעבט דורך בײַם שרײַבן און איך בײַם לייענען.

(יוסף ראַבין, מאָסקווע. 25סטער סענטיאַבער, 1962)

עס איז אַזוי אומעטיק און וואָס גרעסער דער דיכטער אַלץ גרעסער דער אומעט — דאָס האָט אַ שייכות צו אײַך — געדענקט עס!

(מלך ראַוויטש, מאָנטרעאַל 10טער אָקטאָבער 1979)

אַ האַרציקן דאַנק פאַר אײַער וויכטיקן בוך לידער "דאָס פינפטע ראָד". דאָס

ליד: "וטער דעצעמבער, 1940" איז איינס פון די שענסטער ליבע=לידער, וואָס איך האָב געלייענט אין ייִדיש. אויסערגעוויינלעך גוט געזען און גוט געטראָפן איז דאָס ליד: "ווער סע וויל נאָר". ווונדערבאַר.

(ד"ר אַ. ראַוכוואַרגער, רמת גן, 1979)

יישר כח פאַר די "שטערן אויפן הימל". כ'האָב געלייענט און שטאַרק הנאה געהאַט! איר זענט שוין צו גוט באַקאַנט און אָנערקענט כדי זיך צו נייטיקן אין מײַן "סמיכות אויף דיכטונג" — אָבער ווי איינער, וואָס האָט ליב אַ ייִדיש ליד, דריק איך אײַך די האַנט. — אײַך אַ פּאָעט, וואָס ווי אַ צולאָג צו זײַן דיכטערישן טאַלאַנט איז ער אויך אַ ייִד אַ חכם (און דאָס מערקט מען אין יעדער שורה.)

(שלום ראָזנפעלד, תל אביב, 28סטער נאָוועמבער 1977)

הײַנט זענען אָנגעקומען אײַערע דרײַ ביכער פול מיט ווונדערלעכע לידער, צאַרטע, ווייטאָגדיקע, שיינע. מיר געפעלן זייער אײַערע פּאָעטישע אַרויסזאָגונגען, אַרויסגעזאָגנגען.

(רות רובין, 25סטער אויגוסט, 1978, ניו=יאָרק.)

איבערגעלייענט. (דאָס בוך "לידער צו אייגענע". מ.ח.) די זאַכן, וואָס זענען מיר אַ מאָל געפעלן, געפעלן מיר אויך הײַנט. דאָס איז נישט ווייניק. די העכסטע נאָטע איז דערגרייכט אין ליד "אַ בריוו דער פרוי".

(אפרים רויטמאַן, פּתח תקווה, 7.5.1975)

פאַר מיר איז אַ פריידיד, וואָס מע גיט דיר אָט די פּרעמיע (די פיכמאַן=פּרעמיע מ.ח.), כאָטש דו פאַרדינסט בלי שום גוזמא הונדערט מאָל און מער פון הונדערט מאָל.

(שלמה רויטמאַן, הרצליה, 1976)

פאַר מיר איז דײַן דיכטונג, אָן וועלכער איך שטעל זיך נישט פאַר אונדזער אוצרדיקע ייִדישע דיכטונג, נישט קיין פינפט ראָד נאָר אַ שטערן=וואָגן — און דאָס איז נישט קיין מליצה נאָר אַ שטרענגע פאָרמולירונג.

(שלמה רויטמאַן, הרצליה. 18.2.1979)

עס זענען דאָ לידער פון "קינד און ווינד", פון "גאולה=לידער", פון "פויקן אין די טאַצן" און אין אײַערע לידער, וואָלט איך געזאָגט, דאָמינירט דער שטיין, וואָס איר טעסעט קינסטלעריש אַרום, אויף צו אַנאַליזירן אײַערע לידער וואָלט מען באַדאַרפט אַ גאַנצן דרוקבויגן.

(רבקה רוס, כפר סירקין, 28.7.1978)

אײַערע לידער גייען מיט דער צײַט און שטײַגן אין קוואַליטעט.

(רבקה רוס, כפר סירקין, 12.10.1978)

אײַערע פּאָרטרעטן פון שרײַבערס זענען זייער געלונגען. אפילו אָן די נעמען וואָלט איך זיי דערקענט.

(רבקה רוס, כפר סירקין, 21.2.1979)

באַקומען אײַער וווּנדערלעכע מתנה, אײַערע שטערן, שטערן אויפן הימל (פשוט אויפן הימל און נישט אויפן דאַך און נישט אויפן בוידעם).

(מ.מ. שאַפּיר, מאָנטרעאַל, 1979)

פײַנע, עכטע, גוטע חרצישע לידער.

(יעקב צבי שאַרגעל, פּתח תקווה, 22.11.1973)

פון דעם געלייענטן האָב איך אָפּגעפּילט, אַז אײַער פּאָעזיע איז מיר נאָענט.

(משה שולשטיין, פּאַריז, 18.6.1979)

איך באַגריס אײַך מיט אײַער נײַעם בוך "שטערן אויפן הימל". איך האָב אײַערע שיינע, טריעריקע, מוטיקע, קלוגע לידער אַדורכגעשלונגען מיט אַ מאָל. איך וויל אײַך ניט לויבן, איך קען אײַך נישט לויבן, ווײַל איך ווייס, אַז דאָס לויבן ווירקט ניט אויף אײַך.

(מרדכי שטיין, ראשון לציון, 18.6.1977)

בין נישט קיין אָנהענגער פון פּאָלקסטימלעכער פּאָעזיע. איך בין אָבער געצוווּנגען מודה צו זײַן, אַז אײַערע לידער מיטן פּאָלקסטימלעכן טאָן האָבן מיך שטאַרק באַווירקט, ווײַל זיי זענען נישט קיין סטיליזאַציעס נאָר עכט, אמתדיק און אפילו דורכדרינגלעך, וואָס איז אַ זעלטנקייט אין אונדזער פּאָעזיע.

(משה שטיינגאַרט, ניו=יאָרק,, 21.7.1980)

אַ האַרציקן יישר כח אײַך פאַר אײַערע לידער. געלייענט. געלייענט און קער זיך אום ווידער צום לייענען.

איר זענט אַ דיכטער צו וועמעס וואָרט מע מוז זיך צוהערן און גוט צוהערן. לויט מײַן געדאַנק זײַט איר איינער פון אונדזערע געצײלטע דיכטער אין אונדזער גרויסער פּאָעזיע.

(משה שטיינגאַרט, ניו=יאָרק, 17.9.1980)

אַ דאַנק פאַרן לידערבוך "דאָס פינפטע ראָד" (צום וואָגן) אײַער קלוגע פשטות

רעדט צו מײַן געמיט. די לידער דאָס זענט איר דאָך אַליין, ווי איך קען אײַך פּערזענלעך מיט אײַער קלוגן פֿאָלקסטימלעכן הומאָר און וואַרעמער חבֿרשאַפֿט. איך האָב מורא פֿאַר די לידערביכער, וואָס פֿאַרגוואַלדיקן דאָס וואָרט מיט שיינע וואָרטשפּילן, און לאָזן קאַלט. אײַער נײַ לידערבוך וועט שטיין אין שאַנק און איך וועל פֿון צײַט צו צײַט געניסן דערפֿון ווי פֿון אַ גוט ביסל ווישניק. אײַער ליריק איז אַן אינטימע, אַ וואַרעמע, פֿון האַרצן. איר האָט נישט מורא פֿאַר פּראָזאַישע ווערטער, וואָס ווערן בײַ אײַך — פּאָעזיע. כ׳האָב מורא צו זאָגן, אַז איך בענק נאָך אַזאַ חבֿר=שרײַבער ווי איר זענט.

(בנימין שלעווין, 23סטער פֿעברואַר, 1979)

פֿרײַטיק אָפּגענומען אויף דער פּאָסט אײַער נײַ בוך ״דאָס פֿינפֿטע ראָד״ און געהאַט אַן עונג שבת, פֿון לייענען און בלעטערן, און ווי פֿון די פֿריערדיקע ביכער מיט הנאה און אינטערעס.

(פּראָפֿ. חנא שמערוק, ירושלים, 4טער פֿעברואַר, 1979)

איך זע פֿאַר זיך אַ בוך מיט שפֿע און יצירה (״שטערן אויפֿן הימל״ מ.ח.) אויך אַ גוטער שפּיל צווישן צײַט=ביטערנישן און מענלעך=זוניקן שמייכל, וואָס זאָגט עדות אויף גײַסטיקן ווידערשטאַנד.

איז טאַקע נישט לויט די מאָדעס פֿון סטערילער רעזיגנאַציע, וואָס געהערט שוין צום שטאַמפּ און מהיכא תיתי, אָבער דערפֿאַר אַ קערנדיקייט, אַן אינטימע און אַ רחבֿותדיק עפּישע. דערצו דאַרף מען האָבן מוט און כּח.

(אריה שמרי, עין שמר, 16טער יולי, 1977)

ליבער מאיר כ׳האָב ליב דײַנע לידער.

(איזיו שערף, דימונה. 22.8.1974)

אַ האַרציקן דאַנק פֿאַר דער מתּנה — דאָס לידערבוך ״דאָס פֿינפֿטע ראָד״. ס׳איז שוין נישט קיין פֿינפֿט ראָד אין אײַער שיינער קאַרעטע פֿון שאַפֿן.

(ישעיהו שפּיגל, גבֿעתיים, 11.2.1979)

איך לייען און לייען אײַערע לידער און חזר איבער פֿון מאָל צו מאָל אײַערע שורות:

שיינע לידער קאָסטן טײַער,
שיינע לידער קאָסטן בלוט.

איך ווייס אויך עפּעס וועגן דעם, נאָר כ׳האָב עס קיין מאָל נישט געזאָגט. אין דעם באַשטייט דאָך דער סוד פֿון דיכטונג: זאָגן דאָס, וואָס אַלע ווייסן און דאָך זאָל עס אויסזען נײַ.

(משה שקליאַר לאָס אַנדזשעלעס, 15.6.1979)

כ׳האָב איבערגעלייענט אײַערע ״לידער צו אייגענע״ און ״אין פרעמדן גן עדן״. נישט איבערגעלאָזט קיין איין ליד אומגעלייענט. אַ יישר כח! (זאָגן ״כ׳האָב הנאה געהאַט וואָלט צוליב די חורבן=לידער געווען עפּעס אַ חילול השם).

(מרדכי שעכטער, ניו=יאָרק, 16טער נאָוועמבער 1975)

כ׳האָב געלייענט דײַן בוך לידער (״שטערן אויפן הימל״ מ.ח.) און איך לייען נאָך אַ מאָל יעדעס ליד און כ׳וויל באַנעמען דײַן שפּראַך און נוסח, די פאַרשידענע פאָרמען און זשאַנערן, דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון מאָטיוון, וועלכע בילדן דעם אידעיִשן יסוד פון דײַן שרײַבן.

דער עיקר אין דײַן בוך זענען די לירישע לידער, צום טייל אויך באַלאַדעס און סאַטירעס און סע דאָמינירן אין זיי נאַטור=שילדערונגען, שטאָטישע פּייסאַזשן און באַזונדערס — אינדיווידועלע שטימונגען און לירישע סיטואַציעס.

בין טיף באַאײַנדרוקט פון ציקל ״אַנפּאַס און אין פּראָפיל״ דער הומאָנער אַספּעקט פון דײַן דיכטונג, דײַן טיפע באַציִונג צו די דאָזיקע טרעגער און שעפער פון יִדישן וואָרט, באַזונדערס וויל איך דאָ פאַרצייכענען די לידער וועגן אליעזר שטיינבאַרג ז״ל און די שטאַרקע עלעגיע צו שמואל האַלקין ז״ל.

די פּאָעמע ״אבות״.ס׳איז אַ וויזיאָנעריש מעשהלע וועגן זיידן מענדעלע, דעם ליטוואַק, וועגן שלום עליכמען דעם האַרציקן יידן פון אוקראַיִנע און וועגן. ל. פּרץ דעם קלאַסיקער פון פּוילישן יידנטום.

(עזריאל שראַגער, גבעתיים 6.7.1977)

אודה ולא אבוש: זהו ספרך הראשון שבא לידי (״שטערן אויפן הימל״ מ.ח.) יש בשירתך צירוף מופלא של כובד ראש ושבבות, הגות וקלילות, שמחה — שמחת החיים, ועצב — עצבות הכליון, שעשועי לשון מרשימים ואהבה כמים לים מכסים לאידיש ויוצריה.

בקיצור, אַ ייד וואָס האָט ליב צו זינגען, האָט ליב דאָס לעבן, האָט ליב מענטשן און אפילו שרײַבערס (געמיינט די לידער=פּאָרטרעטן מ.ח.)

(חיים תורן, ירושלים 26.6.1977)

איך לעז און לעז אין אייער בוך, וועלכן כ׳האָב הײַנט באַקומען (״אין פרעמדן גן עדן״ מ.ח.) און איך פיל אין אַלע אברים דעם טעם פון באַסאַראַביע בכלל און דעם טעם פון מאַרקולעשט בפרט און אויך דעם גיהנום, וואָס איר האָט מיטגעמאַכט, ביז איר זענט געקומען קיין ישראל. אײַערע לידער איבער דער ״אָרעמע גאַס״ און ״שטעטלדיקע פלויטן״ האָבן מיך שטאַרק גערירט. אין אָט דעם

בוך ווי אין אײַער בוך "שטערן אויפן הימל" פילט זיך שטאַרק די אמתע באַסאַראַבער וואַרעמקייט, דער באַסאַראַבער ניגון — והניגון הוא יסוד חיינו, טעם חיינו וסוד יצורתינו. אָן אַ ניגון האָט דאָך די וועלט נישט קיין קיום!
(חיים תורן, ירושלים, 6טער יולי, 1977)

אויסצוגן פון אָפּרופן אין דער פּרעסע אין פאַרשידענע צײַטן

איז טאַקע די ייִדישע ליטעראַטור שולדיק אַ דאַנק סופרן, דעם דערמוטיקער פון יונגער שרײַבער און זייער ליטעראַרישן מכניס אורח. זענען דאָך אין זײַן אכסניה אײַנגעשטאַנען און געוואַקסן אַזעלכע טאַלאַנטן ווי דער פּריצײַטיק פאַרשטאָרבענער דערציילער הערש=לייב קאַזשבער, דער דיכטער מ. פריד (הײַנט אין אַמעריקע, באַוווסט אונטערן נאָמען פריד ווײַנינגער) דער אין ישראל און אין גאַר דער ייִדיש=וועלט באַרימטער דיכטער יעקב פרידמאַן און דער אין טשערנאָוויץ פאַרבליבענער זייער באַגאַבטער פּאָעט מאיר כאַראַץ.
(שלמה ביקל — דאָס קאַפּיטל "שמואל אבא סופר" אין זײַן בוך רומעניע. ב. איירעס 1961 זײַט 337)

טײַערער מאיר חרץ

ביי מיר אויפן טיש ליגן נישט אײַערע לידער — זיי זענען — לײדער, נאָך נישט געזאַמלט אין אַ בוך. אײַער דיכטעריש געשטאַלט אָבער האָב איך פאַר מײַנע אויגן. עס פּאַסירט מערערע מאָל פאַרקערט: דאָס לידערבוך איז פאַראַן, נאָר דער דיכטער פעלט אין אים.

נאָר דאָס איז נישט דער אײנציקער פּאַראַדאָקס, וואָס קומט מיר אין זינען איצט אין שייכות מיט אײַער ווערן אַ בן 50. אַזוי, למשל, זאָג איך מיר, אַז אײַער קלוגע מוזע קליגלט זיך קיין מאָל נישט, רעזאָנירט נישט, איז, דאַנקען גאָט, פרײַ פון דעם מין נײַן מאָס רייד און נאָך עפּעס, וואָס שײַנט אויסערלעך אפשר אויך פּאַראַדאָקסאַל: דער דאָמינירנדיקער פאַנטאַסטישער עלעמענט, וואָס לעבט האַרמאָניש מיט דער קלוגשאַפט אין אײַער דיכטונג. דאָס שאַפט די פאָלקסטימלעך מעשהדיקע אַטמאָספער און נעמט אַרײַן אין זײַן אײדעלן געוועב אויך דעם קלאָרן הײַנט. — — — — — —

בלײַבט מיר נאָך איבער צו ווינטשן אײַך געזונט און צו בענטשן דעם פאַנאַטיזם מיט וועלכן איר דינט דעם אַלטן אַפּאָלאָן.
(יעקב שטערנבערג, באַגריסונג, פאָלקס=שטימע 22סטער סעפּטעמבער 1962)

אין אַ צײַט, ווען דער פּראָגרעסיווער לייענער האָט געמאָנט און געפאָדערט קאַמפּס=לידער, איז מאיר חרצס דעביוט מיט זײַן ליד "אַ ייִדענע" אין די "טשערנאָוויצער בלעטער" בשעתו אַדורך כמעט אומבאַמערקט, אַ שטילער באַשיידענער בחור פון אַ פאַרוואָרפן באַסאַראַבער שטעטל מאַרקולעשט, ווו ציגן

גריזשען נאָך דאָס שטרוי פון די דעכער איז געקומען אין דער פּאָעזיע. זײַן ליד — ליריש דין, ווו דער געמורמל פון די הושענה=ביימלעך בײַם ברעג פון שטעטלשן טײַך. אין אָט דעם ליד זענען שוין געווען אַלע מעלות טובות פון חרצס שפּעטערדיקע לידער — דער שטייגערישער געמאָל, די פּשטות און קערנדיקע יאָדערדיקייט פון וואָרט, דער איינגעבוירענער געפיל פאַר מאָס, פאַר סימבאָליק. — — — — מאיר חרצס וויזיע איז פון סאַמע אָנהייב אָן ערדישע. אירע וואָרצלען שטעקן אין דער געבענטשטער באַסאַראַבער ערד אָבער צום אונטערשיד פון די לאַקריץ=זיסע אידיליקער האָט ער אין זײַן פּאָעזיע גליקלעך אויסגעמיטן די גוט=באַקאַנטע באַסאַראַבער אַקסעסואַרן, וואָס וואַנדערן פון ליד צו ליד מיטן פלויער, מיט דער קרעניצע מיט די זילבערנע וואַסערן און מיט דער גילדענער ווי אַ זון די גרייס מאַמעליגע. ער האָט גליקלעך אויסגעמיטן אַלערליי סקאַרבאָווע באַנאַליטעטן. — — — — —

(יאַנקל יאַקיר — מאיר חרץ צו זײַנע 50 יאָר אַ פּאָר שטריכן צו אַ פּאָרטרעט, פאָלקס=שטימע, וואַרשע, 22סטער סעפּטעמבער 1962)

חרץ איז דורכאויס אַ ליריקער און לירישע פּאָעזיע קאָן מען פאַרגלײַכן נאָר מיט מוזיק. דערפאַר זענען זײַנע לידער אַזוי מוזיקאַליש און בעטן זיך ממש מע זאָל זיי זינגען. חוץ מוזיקאַלישקייט פאַרמאָגן זיי שפּילעוודיקייט פון שפּראַך און בילד. — — — פּאָעזיע, מאָלערײַ, מוזיק — אַלע דרײַ האָבן אין זײַן ליד זיך צונויפגעגאָסן צוזאַמען, בילד רעדט מיט קלאַנגען, פון די קלאַנגען שאַפט זיך אַ בילד און די ווערטער בליאַסקען מיט פאַרבן און קלינגען האַרמאָניש. איר לייענט דאָס ליד און עס דאַכט זיך אײַך, איר זיצט אין אַ קאַרוסעל. חרץ איז פאַרכּשופט פון דער אַרומיקער וועלט, אין אַלעמען זעט ער ווונדער איבער ווונדער, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ אויף זײַן קאָפּ: אַ ווונדער איז אַלץ באַזונדער, /איעדער בוים איז אַ נס, /וואָס רוישט מיט זײַן קרוין זײַן רונדער /אַ קײַלעכדיקן מעת לעת.

(יאָסל לערנער, "אַ לויטערער קוואַל" "יידישע שריפטן" נומער 10, וואַרשע 1962)

— — — — דער קען=צייכן פון זײַן, דעם דיכטער מאיר חרצס, כאַראַקטער: וואָס מער זײַנע צווײַגן צעוואַקסן זיך אין דער הייך, אין דער ברייט — אַלץ טיפער גרייכן זײַנע וואָרצלען אין דער רוי=ערד פון זײַן היימישן שטעטל, אין זײַן שטאַם. ס'איז נישט קיין נאָסטאַלגיע נאָך אַ "פאַרלוירענעם גן עדן", נאָר אַ טיפע פּאָעטישע פאַרטראַכטקייט וועגן דעם זין און ווערט פון זײַן דיכטערישן וועזן. — — — — —

מאיר חרצס עכטע פאַראַנטוואָרלעכע באַציִונג צו ליטעראַטור, צום ליד, צו זײַנע אייגענע אינערלעכע קוואַלן, זײַן אינטענסיווו אַרבעטן איבער זיך ברענגט פּירות, באַרײַכערט זײַנע קינסטלערישע מיטלען. פאַראַן בײַ אים לידער פון די דרײַסיקער יאָרן, וועלכע מע וואָלט געקאָנט איצטער איבערדרוקן און אָן אַ דאַטע,

וואָלטן מיר זיי אָנגענומען פאַר שפּאָגל=נײַע היינטצײַטיקע און דאָס באַדײַט, אַז שוין פון זײַנע ערשטע טריט איז ער רײַף געוואָרן און באַקומען אַן אייגענע פּאָעטישע פיזיאָנאָמיע. — — — — —

להיפּוך צו אַנדערע דיכטער=אויטאָדידאַקטן איז בײַ אים נישט פאַראַן דער דראַנג אַרויסצוווײַזן "בילדונג", וווילקענעוודיקייט. פון נאַטור אויס איז ער אַ אַנטיקאָנפאָרמיסט, זײַן צולהכעיסדיקייט העלפט אים אַרויס אין די שווערסטע מאָמענטן פונעם לעבן און אַזעלכע האָט ער געהאַט איבערגענוג סײַ פאַר דער מלחמה, סײַ אין דער מלחמה און מער אין די יאָרן נאָך איר. זײַן שאַפונגס=דראַנג אָבער איז נישט געהאַמעוועט געוואָרן. קיין שום מניעות האָבן נישט געקאָנט שטערן זײַן שעפערישן אימפּעט. — — — — — —

ער ראַנגלט זיך און דעראָבערט דעם זיג. אַ פאַרדינטן אויסגעקעמפטן זיג.
(י. קאַראַ — אַ צאַרטער ליריקער, רעאַליסט און וויזיאָנער. — "פאָלקס=שטימע" 3.7.65)

מאיר חרץ האָט אַרײַנגעכאַפּט שאַרפע קריטיק פאַר נאַציאָנאַליסטישע אָפּנויגן אָבער דער דאָזיקער באַסאַראַביש געבוירענער פּאָעט קומט תמיד צוריק צו זײַן רײַכן און פאַרשידנאַרטיקן טעמעס=אויסוואַל. — — — — — — —

זײַנע לענגערע לידער=סעריעס אין "סאָוועטיש היימלאַנד" און אין דער וואַרשעווער "פאָלקס=שטימע" מאַכן תמיד אַן אײַנדרוק מיט זייער זעטיקער שפּראַך און פערזנקאַנטשאַפט — — — די מוזיק איז אַ פריי=פּליסיקע, אָן שום צוואַנג. — — —

גוטע רומענישע און באַסאַראַבער פּאָעטן האָבן זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט זייער אייגנאַרטיקן ערדישן לשון, וואָס פאַרמאָגט אַ באַזונדערע עולם הזהדיקע באַטעמטקייט, ערגעץ ווו באַרירן זייערע לידער דאָס טעאַטראַלישע, וואָס איז אין דער יידיש=רומענישער טראַדיציע.

ס'איז גוט אײַנצובײַסן אין אַ פערז, וואָס פאַרמאָגט דעם דאָזיקן גופיקן יידיש. גראָטעסק און שפּיל זענען די סמנים פון דעם דאָזיקן שטייגער ליד און די געוואַגטקייט צו זאָגן אַ פּראָסט=באַטעמט וואָרט. — — — — — — — — — — —

— — די גרויסע השפעה אויף אַלע רומעניש=יידישע דיכטער איז איציק מאַנגער. ער איז זייער יצר טוב און זייער יצר הרע. חרץ אָבער פאַרמאָגט אַ באַזונדערן אויסטײַלעוודיקן קרעפטיקן טאָן אין זײַן ליריק.
(יעקב גלאַטשטיין, — באַמערקונגען — "יידישער קעמפער" ניו=יאָרק, 18.3.1966)

אין דער "פאָלקסשטימע" פון 15.11.1969 איז אָפּגעדרוקט אַ ציקל לידער פון מ. חרץ. די לידער פאַרמאָגן אי טיפן וואָגיקן ציטערדיקן ערנסט, אי לײַכטן שפּילעוודיקן באַטעמטן שפּאַס, כאָטש דער שפּאַס טראָגט אויך אין זיך אַ ביז גאָר ערנסטן מיין. — — — —

זײַנע לידער אין פלוג אַזעלכע פּראָסטע דברי חול זענען דאָך אַזוי איבערפולט מיט טיפן אינהאַלט, מיט עכטער פּאָעזיע, כאָטש אויפן ערשטן קוק דורכאויס גשמיותדיקע אין תוך, אָבער האַרציק נשמהדיקע. כולו, ווי געזאָגט, חול און אין דער זעלבער צײַט כולו יום טוב. — — — — — אין זײַן שעפערישן בינשטאָק טרעפן מיר אַ שפע פון האָניק, האָניק זיסער, ריינער, שיינער און רייצנדיקער.
(יעקב לוואָווסקי — אַ דיכטערישער וואָגן מיט זעק, — פּאָלקסשטימע 10.1.70)

— — — — כדאי צו דערמאָנען מאיר חרצעס ליד "ס'איז שטיל", אָנגעשריבן און געדרוקט ערב דער זעקסטאָגיקער מלחמה, אָט דאָס ליד איז אַן עכט קינסטלערישער און איינצײַטיק היסטאָרישער דאָקומענט, ווײַל ס'דריקט אויס די גאַנצע ליבשאַפט צום ייִדישן לאַנד, דעם אומרו און ציטער פאַרן גורל פון מדינת ישראל, וואָס ס'האָבן געשפּירט אין יענע טעג די איבערוועגנדיקע מערהײַט סאָוועטישע ייִדן
(יוסף קערלער — וועגן מאיר חרץ — "די גאָלדענע קייט" נומער 76, תל אביב 1972)

צום אָריגינעל=פּאָלקישן טאַלאַנט פון מאיר חרצן זע איך נישט קיין גלײַכן.
(יוסף קערלער אין זײַן בוך "12טער אויגוסט 1952" ירושלים 1978 זייט 148)

אייגנטלעך וואָלטן אַלע פּאָעטן אייביק געדאַרפט זײַן פאַרבענקט און נישט סתם פאַרבענקט נאָר צעצונדן מיט אַ כשוף=פונק אין זייערע נשמות און אָט דער פונק זאָל ווערן פײַער, אַ פײַער, וואָס לײַכט.

אָט דער מאמר איז אַ בינטל מחשבות וועגן פּאָעזיע בכלל און די לידער פון מאיר חרץ בפרט. — — — — — — — וואָס עס פעלט אונדזער ליטעראַטור צו מאָל אַ ביסל איז מער אָריגינעלקייט, אַנדערשטיקייט, און ניט קיין קונצים ווי מע באַצייכנט אין לשון קודש געמאַכטע אָריגינעלקייט, אָבער חרצעס לידער קומען פון האַרצן. דעריבער וועל איך ציטירן מאיר חרצעס ליד" כ'פאַרמאַך די אויגן". עס איז אַ ליד וועגן פערד. אויך איך האָב מיט יאָרן=יאָרן צוריק געשריבן אַ ליד וועגן פערד, נאָר מײַן ליד איז אַ טראַגיש ליד, חרצעס ליד איז נישט טראַגיש און נישט קאָמיש, עס איז האַרציק מענטשלעך — — — — — ווען דאָס גוטע קלוגע פערד וואָלט נישט פאַרשטאַנען מײַן אַרומנעמען זײַן האַלדז און זיך אָפּשטעלן און מיך אַראָפּלאָזן, ווער ווייסט ווו איך וואָלט שוין הײַנט געווען... צוויי מאָל דערמאָנט דער אייביק פאַרבענקטער פּאָעט מאיר חרץ דאָס אַרומנעמען דעם האַלדז פון אַ פערד (אין דעם אויבן ציטירטן ליד זײַנס) נאָר וואָס איז דאָ צו טײַטשן און קאָמענטירן — נעמט אײַך די צײַט און די מי און לייענט אָט דאָס ליד נאָך און נאָך אַ מאָל. לייענט בכלל די לידער פון מאיר חרץ, ווו נאָר איר געפינט זיי. זיי זענען שטיל, קלאָר, האַרציק פול מיט ליבע צו אַלע גאָטס באַשעפענישן — בעיקר צו

מענטשן און דאָס ליד וועגן דעם פערד איז אַזאַ מוטיקער חנעוודיקער זיפץ פון האַרצן.
(מלך ראַוויטש — מאיר חרץ, דער אייביק פאַרבענקטער פּאָעט — „לעצטע נײַעס" 18.8.72)

די לידער פון מאיר חרץ זענען פול מיט באַסאַראַבער חן. — — — — — זיי שפּיגלען אָפּ בילדער פון דערפער און שטעטלעך, פעלדער וועלדער, ייִד און גוי. — — — — — — —

זײַנע לידער דערמאָנען דאָס אַמאָליקע ייִדישע באַסאַראַביע און צווישן די שורות שוועבט אַ קדיש נאָך אונדזערע קדושים, — — — — — —
(נעלסאָן ווײַנער. — מאיר חרצעס לידער — „אידישע צײַטונג". ריאָ דע זשאַנײראָ 15.6.1972)

— — — — דער דאָזיקער העפט איז מער ווי אַ פראַגמענט, עס איז אַ רײַכע זאַמלונג פון לידער=רינגען און דער דיכטער האָט אויסגעקליבן ווי אַ טיטול פון זיי איינס פון די ציקלען — ערד און הימל — טאָ זאָל שוין גלײַך דערלויבט זײַן צו מישפּטן, אַז דאָס איז נישט די ערד און דער הימל פון רוסלאַנד, צי באַסאַראַביע, נײַערט דער הימל און די ערד פון דעם דיכטערס נשמה. ס'איז מאיר חרצעס הימל און ערד. — — — — — — כאָטש זײַנע שורות שנײַדן זיך טיף אַרײַן אין אונדז, זענען זיי אין תוך שטילע שורות. — — — — — — — — — ער שטעקט אָן דעם לייענער מיט זײַן שטימונג, ער טריפט אין אים אַרײַן זײַן בענקשאַפט, זײַן פאַרגאַפטקייט, צו מאָל אויך זײַן טרויער. און ווי יחידיש ער זאָל נישט זײַן, ווערט ער דער אונטערזאָגער פון אַ כללישער בענקשאַפט פון אונדזער אַלעמענס טרויער, פונעם פאָלקס מצב רוח, פון אונדזער נאַציאָנאַלן געמיט. אָבער ער פאַראַדירט נישט מיט זײַן געטרײַשאַפט, ווי אַ פויער פאַראַדירט נישט מיטן אַקערן זײַן פעלד. — — — — — —

— — — — — חרצעס שטיל=לעבנס, וואָס בײַ מאָלערס זענען זיי שטומע נאַטורן, רעדן, רעדן טאַקע שטיל אָבער זאָגן אַ סך. — — — — — — — — — —

זײַן וואָרט איז ערלעך און אָן פרעטענציעס. צווישן די שורות איז צעלייגט די שטימונג, מער נאָך ווי אינעם טעקסט. — — — — — —

חרץ איז אַ מײַסטער אין דער פאָלקסשפּראַך און שטײַגט איבער אין פּאָעטישער מוזיקאַלישקייט פיל פון די גרויסע פּאָעטן, וועלכע זענען וואַזשנע אויפטוערס אין קונצנמאַכערישע גראַם=פּיראַמידעס און גראַם=לאַבירינטן. דאָס איז חל אויף אַלע זײַנע לידער.
(מאיר קוטשינסקי — מאיר חרץ, דער דיכטער פון באַזוניקטע פײַנען — „אידישע צײַטונג", ריאָ דע זשאַנײראָ 20.7.1973)

— — — — — — האַקען איז בלי שום ספק אַן אמתער מיט=שותף צו דער — "פאַרשיידן אין זייער זשאַנער פאָרם און ריטם, טעמאַטיק און סטיל — פּאָעזיע. צי דאָס איז דער געשעפּטש פון יהואשם "צוויי בלומען", וואָס מיר הערן אַרויס פון האַקענס אַקאָרדן, צי. מ.ל. האַלפּערנס "דער גאַסנפּויקער", וועמענס בונטאַרישקייט עס האַקט און פּויקט און דזשינדזשעט אין האַקענס מוזיק אַזוי עבט משה לייביש, אָדער מאַנגערס "אָוונטליד", וואָס האַקענס מעלאָדיע לאָזט אונדז ממש באַנעמען די בענקשאַפט פון דיכטער נאָך דעם פאַרשווונדענעם טאָג, און פון דער לירישער אָוונט=שטימונג אַוועק ווײַטער צו מאַנגערס פּאַראָדיסטיש שפּילעוודיקן "שונד=ראָמאַן", און יאָסל לערנערס "כּלה שיינע, מאָרגנשטערן" וואָס בעט זיך בײַ האַקענען תחנונימדיק: "ווען וועל איך אַ כּלה ווערן?" צי מאיר חרץ'ס פּעסימיסטישע "זעונג", ווו האַקען דערגרייכט די דינסטע סטרונעס פון דיכטערס ליריק. — — — — — —

(משולם סורקיס — יידישער ניגון -- וועגן ד"ר עמנואל האַקען און זײַן בוך "ניגונים צו יידישער דיכטונג". "ישראל=שטימע" 22.8.1973 זײַט 8)

— — — — די לידער פון בענקשאַפט זענען די שענסטע און בעסטע אין דער שאַפונג פון מאיר חרץ. סוף כּל סוף איז בענקשאַפט סײַ יחידישע, סײַ נאַציאָנאַלע — דער יסוד פון פּאָעזיע. נישט קאָמפּסרופ, אפילו נישט ווייגעשריי ווירקן אַזוי טיף, דרינגען אַרײַן אין האַרצן, ווי ליריק. דאָס מענטשלעכע אויער האָט אַ גרענעץ אויפצוכאַפּן קלאַנגען — פון בײדע ריכטונגען — הויכע און נידעריקע. די לירישע שטימונגספולע לידער פון חרץ דערגייען צום אויער און צום האַרצן פון לייענער. — — — — — —

צו דער הייסער בענקשאַפט פון דיכטער איז צוגעקומען דער בטחון פון ייִד און צוזאַמען האָבן זיי אונדז געגעבן אַ בוך גוטע, שיינע לידער.

(י. קערש "בײַ זיך" נומ 3)

— — — — מאיר חרץ איז בכלל אַן אָפענער דיכטער, אָן סתרי תורה און אָן דינע נאַרציזקייטן. זײַן שורה און פערז צייכענען זיך אויס מיט קלאָרקייט, מיט אוממיטלבאַרקייט ניט זעלטן אָבער סיורפּריזירט ער מיט אומדערוואַרטעטן, מיט וואָרט און גראַם=אײַנפאַלערישקייט. — — — — — — "הימל און ערד" איז אַ בוך פרעכטיקע לידער און דעם דיכטער ווינטשן מיר ווײַטערע פּאָעטישע דערגרייכונגען.

(אברהם באַראַבאַן — "הימל און ערד". — "יידישע צײַטונג" 22.2.1974)

— — — — — — קודם כּל שטייען מיר, בײַם אָפּשאַצן מאיר חרצס דיכטונג (פון דעם, וואָס מיר האָבן שוין באַוויזן צו באַקענען) מיט פאַרוווּנדערונג פאַר זײַן מײַסטערישן טאַלאַנט פון פערז. זײַן יעדעס ליד איז אין דעם זין אויפטועריש און

סיורפּריזירנדיק. — — — — — — די שיינקייט פֿן מאיר חרצס ליד ליגט אין זײַן הויפּט=עלעמענט — דאָס אַרויסברענגען מײַסטעריש די נאַטור=פּראַכט. און כאָטש, למשל, אין דער פּאָעמע ״פֿון קאָפּרעשט ביז מאַרקולעשט״ איז דאָס טרויעריק=עלעגישע די כּוונה פֿונעם דיכטער, בלײַבט אָבער אין זכּרון קודם כּל דאָס עקספּרעסיוו=געצייכנטע נאַטור=בילד.— — — — —
(אברהם באַראַבאַן — ״אין פרעמדן גן עדן״ — ״ייִדישע צײַטונג״ ת״א 14.6.1974)

דאָס ליד פֿון מאיר חרץ פֿאַרמאָגט אין זיך זייער פֿיל פֿון דעם פֿאָלקסליד, סײַ אין לשון, סײַ אין דער אַטמאָספֿער און סײַ אין דער אויפֿריכטיקייט פֿון אויסדרוק. עס איז אונדז אויך אַזוי היימיש, נאָענט און באַקאַנט. אָבער גלײַכצײַטיק דערמיט פֿילן מיר אַז ס׳איז גאָר עפּעס אַנדערש. כּדי דער אונטערשייד זאָל אונדז זײַן בולטער, ווען מיר דאָס פֿאָלקסליד און דאָס חרצישע ליד פֿאַרגלײַכן צו צוויי הײַזער, וועלכע האָבן די זעלבע גרייס, די זעלבע פֿאָרם, דאָס זעלבע קאָליר, די זעלבע בלומען אַרום און דאָס זעלבע מעבל אינעווייניק. נישט מער — איין הויז געפֿינט זיך אין טאָל און זײַן אויסבליק=קרײַז איז זייער באַגרענעצט און דאָס צווייטע הויז געפֿינט זיך אויף אַ באַרג און זײַן פּאַנאָראַמע נעמט אַרום אַ ווײַטן און ברייטן שטח. פֿון חרצס ליד, וואָס דערציילט, לויטן דיכטערס אויסדרוק, ״מיט פּראָסטע ריידנדיקע רייד״ וועגן זײַן שטעטעלע אין באַסאַראַביע, וועגן די מענטשן אין דעם און וועגן זייערע טואונגען, וועגן פֿאַרשיידענע געוויינלעכע פּאַסירונגען, וועגן דער נאַטור און וועגן זײַנע אייגענע קינדערישע יאָרן — גייט אויף אַזאַ באַרגיקע שײַן, וועלכע, ווײַזנדיק די אַלע קאָנקרעטע ענינים זייער בולט און בילדלעך אין זייערע רעאַלע געשטאַלטן, גיט זיי צו גלײַכצײַטיק נאָך עפּעס אַ באַזונדערע באַלויכטונג, אַ טרויעריק דערהויבענע, ווי פֿון אַ לעגענדע פֿון פֿאַרצײַטנס. — — —

— — — (דאָס איז איין כאַראַקטעריסטישער צייכן פֿון חרצס דיכטונג. דער צווייטער באַשטייט אין דעם באַוווּנדער, מיט וועלכן עס איז דורכגעדרונגען זײַן ליד לגבי יעדער דערשײַנונג אין דער נאַטור און אין דער געזעלשאַפֿט. דאָס סאַמע פּשוטע און געוויינלעכע רופֿט בײַ אים אַרויס פֿאַרוווּנדערונג און באַוווּנדערונג. חרץ זעט די וועלט מיט די אויגן פֿון אַ קינד פֿאַר וועלכן אַלץ איז פֿריש און בראשיתדיק. — —

— — — דער דריטער כאַראַקטעריסטישער צייכן פֿון חרצס פּאָעזיע איז די גרויסע פֿרייד פֿון דער עצם עקזיסטענץ, דער גאַנצער וועלטבאַשאַף אין אַלע זײַנע אַנטפּלעקונגען רופֿט אַרויס בײַם דיכטער נישט בלויז באַוווּנדער, נאָר אויך פֿרייד ווי ער זאָגט דאָס אַליין אין זײַן ליד ״אונדזער דאַך״ — — — — — —
(דוד ספאַרד, ״די דיכטונג פון מאיר חרץ״, ישראל=שטימע 4.9.1974)

ווי זאָגט מען: אין איין טראָפּן וואַסער זענען פֿאַראַן אַלע עלעמענטן, וואָס

ס׳האָט דער טײַך. ווײל איך מיט מײַן איצטיקן מאמר ברענגען צו אײנצלנע ״טראָפּנדלעך״ אַזוינע פון יעדערנס דיכטערישן ״טײַך״.

איז אָט זענען עטלעכע שורות פון מאיר חַרצס אַ ליד. נישט וויכטיק צי נעם איך דאָס ליד פון זײַנע איצט דערשינענע ביכער אָדער פון אַ זשורנאַל (אין דעם פאַל פון ״בײַ זיך״ נומער דרײַ) וויכטיק איז דאָס ליד און וויכטיק — ווען עס איז געשריבן געוואָרן. — — — — — —

— — — — — בײַם אמתדיקן דיכטער איז נישט פאַראַן קיין שאַבלאָן, נישט פאַראַן קיין אויסגעטרעטענע וועגן. בײַ עכטער דיכטונג איז אַלץ נײַ, אַלץ אײנמאָליק. — — — —

און אָט איז אַ ליד, אַ מאָטיוו וועגן וועלכן טויזנטער האָבן שוין געשריבן און געזונגען, און ווי נײַ און ווי ערשטמאָליק איז דאָס בײַ חרצן. — — — — — — —
(יצחק פאַנער — ״יונג טשערנאָוויץ״ אין.. ישראל — ״לעצטע נײַעס״ 13.12.1974)

״אַ מאָל איז געווען״ אַזוי הייסט אײנע זײַנע אַ ליד — אַ נאָמען, וואָס גיט אונדז ניט ווייניק אָנצוהערן. פיל פון זײַנע לידער הייבן זיך אָן מיט אַזאַ עפּישער פאָרמולע, אין דעם טראַדיציאָנעלן גאַנג פון אַ מעשה, אַ געשיכטע, וואָס האָט זיך געטראָפן=פאַרלאָפן, געוועזן=געשען און וועגן וואָס מ. חרץ — אָט דער מילדער ליריקער פאַר עקסעלאַנס, אין וועלכן עס שלאָגט אָבער אַ שטאַרקער אָדער פון אַן עפּיקער — ווײל אײַך, זינגענדיק אויסדערציילן — — — — — — — נאָר שילדערן אָביעקטיוו, ווי אַן עפּיקער, קאָן ער ניט און ווײל ניט. דער ליריקער אין זײַן הערשערישן גאַנג קומט און זיך פאַרבלינענדיק, זינגט ער אויף קולי=קולות אין אײַך אַרײַן, אַז אַלץ איז נאָר ״הימל און ערד״ און שטעטל, האַרץ און נשמה און שטעטל, לײַב און לעבן און שטעטל, טאַטע און מאַמע און שטעטל. ער האָט אויפן שטעטל אָנגעטאָן זײַן האַרץ=וואַרעמקייט, אַרײַנגעטרערט האָט ער דאָס שטעטל אין רעגן, אַרײַנגעגרינט עס אין גראָז, אַרײַנגעלויכטן עס אין שנײ, אַרײַנגעגליט עס אין זון, אַרײַנגעטרוימט עס אין לבנה, אַרײַנגעשטראַלט און אַרײַנגעדימענט עס אין שטערן, אַרײַנגעטריפט עס אין טײַכן, אַרײַנגעאָדלערט עס אין בערג, אין האַרבסטן עס אַרײַנגעוויינט, און פרילינגס עס אַרײַנגעזונגען, אין זומערס עס אַרײַנגעציטיקט, דערזען אין די דלד אמות פון קליינעם געסעלע די הימלדיקע רחבות פאַר דער פאָלקס=נשמה און שטעטל איז בײַ אים געוואָרן דער סינאָנים פון ייִד.
(שלמה רויטמאַן — דער טרובאַדור פון פאַרשניטענעם שטעטל — ירושלימער אַלמאַנאַך נומער 5, 1975)

מאיר חרץ באַווײַזט אין זײַן לידערבוך, אַז מע קען זײַן אַ זייער גוטער פּאָעט מיט פשטות. וואָס איז אָבער אײנצײַטיק ראַפינירט, פונקט אַזוי ווי אַ שײנהײַט אַ מויד וועט זײַן שיין אין אירע פשוטע קליידלעך אָן שמינקע און פודער אפילו. ער שעפּט מיט עמערס פּאָעזיע אַרום זיך. ער הייבט אויף קליינע פשוטע טוּאונגען און טוט זיי אָן קרוינען אויף די קעפּ. — — — ער איז פול מיט פּאָעזיע ביז יעדער

פינגער זײַנעם — — — — — איך גלויב, אַז זיין בוך "לידער צו אייגענע" וועט שטאַרק אויסנעמען בײַם לייענער. ער וועט ליב האָבן, דער לייענער, ביידע — דעם פּאָעט און זײַן בוך. "לידער צו אייגענע". זיי וועלן זייער גיך ווערן אויך זײַנע, דעם לייענערס.

(ישראל עמיאָט — אַ האַרציקער פּאָעט "פּאָרווערטס" 21.7.1975)

זינט כ'האָב אין ערשטן נומער פון "ירושלימער אַלמאַנאַך", וואָס איז דערשינען אין 1973 אָנגעטראָפן זײַן ליד "צו יודאַ", אַ ווערק פון גאָר אַ ספּעציעלן זשאַנער. אַ סיורשעט, וואָס מיר טרעפן, לײַדער, זייער זעלטן אין אונדזער הײַנטיקער דיכטונג, איז מאיר חרץ געוואָרן איינער פון מײַנע באַליבטע פּאָעטן. כ'לייען אַלץ, וואָס איך טרעף אָן פון אים אין אונדזערע ליטעראַרישע אויסגאַבעס און כ'האָב פון זיי אַ גרויסע הנאה. — — — — — — — — — — — — — — — —

די לידער פון מאיר חרץ פאַרמאָגן אַלע עלעמענטן פון דערהויבענער און אמתער פּאָעזיע — — — — — — — — — מאיר חרץ איז אַקטועל און מאָדערן, נאָר זײַן מאָדערניזם באַשטייט נישט פון סתם רייד און נעפּלדיקע ווערטער=קאָמבינאַציע. פון זײַנע פערזן דערפילן מיר גלײַך די אמתע, נישט=געפעלשטע דיכטונג און דערפאַר האָב איך ליב צו לייענען זײַנע פערזן, וואָס פאַרמאָגן אינהאַלט, ליריק, מוזיק און דערהויבנקייט. — — — — — — — — מיטן דערשײַנען פון בוך "לידער צו אייגענע" איז אין אונדזער דיכטונג אַרײַנגעקומען אַ האַרציק און ביז גאָר ווערטפול ווערק. — — — — — — — — — — — — — — כ'ראַט אַלע ליבהאָבער פון דער שיינער און אמתער פּאָעזיע זיך אײַנצושאַפן און צו לייענען די לידער פון מאיר חרץ.

(יחזקאל קאָרנהענדלער — "לידער צו אייגענע" פון מאיר חרץ "אונזער וואָרט פּאַריז" 27.9.1975)

ווי אַ זינגער אין מאַמע=לשון טיילט עז זיך אויס מיט אַן אייגנקייט, וואָס דערמאָנט שטאַרק אַ טיף=וואָרצלדיקן, פאָלקישן נוסח, וועלכער ווייעט אָן אויף אונדז אַ ליבלעכע וואַרעמקייט. — — — ס'פאַרשמעקט פון מאיר חרצס פּאָעזיע מיט דער באַזונדערקייט פון באַסאַראַבישן פּרוכטיקן סטעפּ. — — — — — — זײַן פּאָעטיש קול קלינגט מיט פּשטות, וואָס ווערט אײַך גלײַך נאָענט צום האַרצן. — — — — — — — — — — — — — דער ייִדישער פּאָעזיע איז מיט מאיר חרצן צוגעקומען אַן עכטער פּאָעט מיט אַן אייגן וואַרעם ייִדישלעך קול, וואָס טראַכט און זינגט, צוגעקומען, זאָגן מיר, נאָך אַ דיכטער, וואָרן די טרויעריקע יאָרן פון הינטערן אײַזערנעם פאָרהאַנג איז ער סוף כל סוף געבליבן אַ נסתר.

(יוסף אַקרוטני, בוענאָס איירעס, — "מאיר חרץ און זײַנע לידער" — "די צוקונפט", יאַנואַר, 1976 זײַטן 15 — 19)

אין זײַנע ערשטע ביכער, וואָס זענען אַרויס אין דער ייִדישער מדינה, האָט מען

דערקענט מאיר חַרַצן ווי דעם זינגעוודיקן זון פון מאַרקולעשט, וואָס איז פאַרלענדט געוואָרן בײַנאַנד מיט דער גאָרער יידישער וועלט. — — — —

אפילו אין די אָ טריבע מאָטיוון האָט ער זיך פּרעזענטירט ווי דער טאַלאַנטפולער פּאָעט מיטן צעבלוטיקטן געמיט, אָבער זײַן ווײַ איז ער מסוגל אַרויסצובערענגען אויף אַ שפּילעוודיקן אופן און דאָס וואָרט אַ לויטערס, אַן אָנגעזעטיקטס פון זײַן ראַציאָנאַלן זען און באַנעמען די אומשטאַנדן, וואָס קומען צוהאַנדן אַ יידן אין דער צײַט פון דורכאויסיקן עלנט. — — — — —

חַרַץ איז מער ווי דער צעווייטיקטער עדות פונעם גרויסן יידישן חורבן, דאָס אַנטפּלעקט ער טאַקע מיטן ברייטן צעעפנטן שײַער, ווו ער האָט אײַנגעהיטן די פּרוכט פון זײַן קינסטלערישער מי בעת זײַן סאָוועטישן גלות. צו מאָל זאָגט עדות דערויף זײַן נײַסטער לידערבוך "שטערן אויפן הימל" (ירושלים 1977), וואָס איז געגערט מיט דער גאָב פון זײַן חנעוודיקער אייגנטימלעכקייט, כאָטש אויסגעטובלט אין אומעט, ליכטיקט אָן זײַן ליד אונדזער געמיט. — — — — —

פון אים שפּרודלט מיט אַ שלל מאָטיוון, וואָס דערציילן פון אַ קרעפטיקער וויטאַליטעט. — — — — דאָס חַרַצישע ליד לאָזט אונדז נישט גלײַכגילטיק, אדרבא, מ׳וויל עס לייענען און ווידער אַ מאָל זיך אומקערן דערצו. ס׳שלאָגט דערפון אַן אומגעזעענע היימישקייט. — — — — — — — —

מערקווערדיק און אָריגינעל, חוץ דעם וואָס דאָס איז אַ נײַער זשאַנער אין חַרַצעס לידערשאַפט, איז די סעריע אָריגינעל=געצייכנטע כאַראַקטעריסטיקעס פון אַ גרעסערער גאַלעריע שרײַבערס. — — — — — —

די אונטערשטע שורה: מאיר חרץ, דאָס לעבעדיקע בילד ווערט שלימותדיקער מיט זײַן יעדן בוך

(יוסף אָקרוטני, "שטערן אויפן הימל" אין "ישראל=שטימע" 14.3.1979)

— — — — — — — אַן אייגנאַרטיקער ליריקער, וואָס גיט אין זײַנע לידער און פּאָעמעס אַזעלכע בילדער, וואָס נעמען אײַן דעם לייענער מיט דער זינגעוודיקייט פון זײַן אידעלער קונסט, הגם זי איז ווײַט פון האָפּערדיקע טענער. בײַ אים פּאָרט זיך אָבער האַרמאָניש דאָס וואָרהאַפטיקע מיטן דמיונותדיקן. ס׳איז רײַך און זאַפטיק זײַן מעטאַפאָר. דער שווונג פון זײַן סטראָפע איז אַזוי פאַרכאַפנדיק, אַז ער איז מסוגל אונדז מיטצונעמען ווי אין אַן עקסקורסיע אין זײַן, דעם דיכטערס, אינטימער וועלט.

— — — — — — — אין זײַן נײַער היים, אין ישראל, גיט ער שוין אַרויס דאָס פינפטע לידערבוך און אין אַלע הייבט חַרַץ זיך אַרויס מיט אָריגינעלקייט און סובטילער אייגנטימלעכקייט פון אַ שוואַר געליטענעם מענטש און ייִד, וואָס איז אויך געבענטשט מיט דער אידעלער קללה פון אַ שפּרודלדיקן קינסטלערישן טאַלאַנט.

(יוסף אָקרוטני, בוענאָס איירעס " דאָס פינפטע ר[illegible] לידערבוך פון מאיר חרץ, די צוקונפט", נאָוועמבער 1979, זײַט 319)

מאיר חַרַץ איז אַן אָריגינעלער פּאָעט. זײַנע לידער שטראַלן אַרויס פון עכטע איבערלעבונגען און דערפאַרונגען. דאָס קען מען פילן אין זײַן ליד "שטראַלן קרומען זיך" און אין זײַן ליד "אַ לידערבוך", ווי ער זאָגט: (עס קומען ציטאַטן)
(ד"ר אליהו שולמאַן — אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט. וועגן "ירושלימער אַלמאַנאַך" באַנד 5 — "פאָרווערטס" 11.4.1976)

מאיר חַרַץ איז אַ טאַלאַנטפולער און פּראָדוקטיווער פּאָעט. אין ישראל האָט ער שוין אַרויס געגעבן פיר לידערביכער. "דאָס פינפטע ראָד" איז זײַן פינפט בוך. — — — — — זײַנע לידער האָבן אַ פשטות, וואָס איז פול מיט חן און זיי ווירקן אוממיטלבאַר אויפן לייענער. — — — — — — — — —

זײַנע לידער זענען געשריבן מיט דיסציפּלין און קאָנטראָל, אפילו, ווען ער ווערט עמאָציאָנעל, פּרובירט ער די עמאָציע אײַנצאַמען. — — — — — — —

חרץ האָט אויך זינגעוודיקע און סאַטירישע לידער און לידער וועגן ישראל — — — — — — — — — — אַזעלכע באַלאַדעס ווי "היידוקן" געשריבן לויט אַ מאָלדאַווישן מאָטיוו און "מײַן פעטער שלמה" פאַרמאָגן אין דער זעלבער צײַט אַ געזונטן פאָלקסטימלעכן עלעמענט.

קאַלירפול איז אַזאַ ליד ווי "אַ נאַכט אין ריאָ", וווּ מע דערפילט דעם טעמפּאָ פון לאַטייַנישן לאַנד.
(ד"ר אליהו שולמאַן — אַ ליטעראַרישער גרוס פון ישראל "פאָרווערטס" 8.7.1979)

אין דעם אָפּטייל "אַנפּאַס און פּראָפּיל" פון זײַן נײַ בוך לידער "שטערן אויפן הימל" גיט דער פּאָעט מאיר חַרַץ אַן עליה עטלעכע יידישע דיכטערס, בתוכם אליעזר שטיינבאַרג. — — — — — חרץ'ס דערפרישונג און אויפלעבונג פון שטיינבאַרגס געשטאַלט, איז אַ דערמאָנונג, אַז דער פאַבוליסט, וועלכער איז שוין קאַנאָניזירט ווי אַ קלאַסיקער מיט כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט אומשטערבלעכקייט. — — — — — — —

— — — אין אַן אַנדער ליד זײַנס "וואָס וועט זײַן?" גייט חרץ אַ טריט ווײַטער אין זײַן דערמאָנונג. — — — חרץ באַגנוגט זיך נישט מיט זײַן ראָל — — — און אפילו נישט מיט דער גראָבעניש אין דער פאַרגאַנגענער ביאָגראַפיע שטיינבאַרגס; נאָר ער פּרוווט אויס אויך דעם אייגענעם פאָרשטעלונגס=כוח דורך אַ ווײַטן פאַרויסבליק צו די לעתיד לבוא=מיראַזשן פון דעם שטיינבאַרגישן ניט דערשריבענעם משל. — — — — — —

— — — — — — — חַרַץ האָט דעם ממשל משלים אַליין פאַרוואַנדלט אין אַ משל.— — — —

— — — — כדאי צו דערמאָנען, אַז אויך אין אַ פריערדיקן בוך זײַנעם האָט חַרַץ אָפּגעדרוקט אַ ליד, "ווי אַזוי אליעזר שטיינבאַרג האָט געשריבן". דאָס איז אַ פּרווו זײַנער זיך צו דערגראָבן צו די מקורות פון שטיינבאַרגס שאַפונג. — —

— — אויף דעם עקספּערימענט חרצס מחיה מתים צו זײַן פּאַר דעם יידישן לייענער ״אַנפּאַס און פּראָפּיל״ אַ באַרימטן לאַנדסמאַן זײַנעם, קאָן מען בכן בענטשן: ברוך מזכיר נשמות.

(אליהו ליפּינער — אליעזר שטיינבאַרג צווישן די ״שטערן אויפן הימל״ — פאָלק, וועלט און מדינה נומער 34(63) תל אביב, נאָוועמבער 1977)

זײַנע לידער און קורצע פּאָעמעס שאַפן אַ מאָזאַאיק פון אָן אַ שיעור קאָלירן, מאָטיוון וועלכע מ׳האָט שוין אַזוי פיל געשריבן און באַזונגען, אָבער אין זײַן ליד אַנטפּלעקט זיך אַנדערשדיקייט, מעג עס זײַן אין אַ ניואַנס פון פאַרב און קלאַנג, וואָס שאַפט זיך דורך אַן אייגנאַרטיקן מעטאַפאָר, אַ פײַנעם ערשטמאָליק=געהערטן פאַרגלײַך.

— — — — — — — — דאָס מערקווירדיקע איז ווי אַזוי ער ווענדעט אָן דעם מעטאַפאָר, וואָס קען פאַרוואַנדלען די פּשוטסטע זאַכן אין סימבאָלן פון טיפער באַדײַטונג.

— — — — — — — — איך האָב בײַם לייענען, דאָ און דאָרט, זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ליד, צי אויף שורות, וואָס האָבן מיר אויפגערודערט, אײַנגעשניטן זיך טיף אין מײַן געמיט; אין שורות פון שטילקייט האָב איך דערשפּירט אײַנגעוויקלטע געשרייען.

(יצחק קאַהאַן, מעלבורן: ״שטערן אויפן הימל״ — אַ פאַרנעמיקע לידער=זאַמלונג — ״די צוקונפט״, אַפּריל 1978 זײַן 154 — 157)

מאיר חרץ איז אַ ליריקער, ברייטהאַרציק און אָפנהאַרציק איז ער מיט דער נאַטור און מיטן מענטשן. ער וויל אַלץ דערפילן מיטן ״אינעווייניקסטן אויג״, מיט דעם ליכט פון אויג איז באַלויכטן זײַן גאַנץ ליריש שאַפן. ער איז מיט זײַן גערדיכט האַרץ צו האַרץ. אין זײַן געמעל דערפילט מען נשמה.

(וו. בלום — ״שטערן אויפן הימל״ לידער פון מאיר חרץ — ״ירושלימער אַלמאַנאַך נומער 10, 1978)

נישטאָ בײַ חרצן קיין ליד, וואָס ס׳זאָל נישט טרעפן דירעקט פון דיכטערס האַרץ צום האַרץ פון לייענער. — — — זײַנע לידער מאַכן וויברירן אַלע סטרונעס פון אונדזער נשמה.

(ז. גאָסטינסקי, ״לידער פון מענטשלעכן און יידישן אמת״, אויף דער וואָך נומער 19 פּאַריז מאַי 1978)

טייל לידער זײַנע, די טיף יחידישע, צאַרטע, די פון בענקשאַפט און פון ליבשאַפט געפורעמט, האָב איך לאַנג, זייער לאַנג געלייענט. נישט מחמת כ׳האָב זיי נישט געקענט פאַרשטיין, נאָר גאָר פּשוט, כ׳האָב זיך נישט געקענט באַפרײַען פון זייער ווירקונג, פון זייער מאַגיק. די ווערטער זענען פּשוטע יידישע ווערטער און דאָך מעלאָדיש; די בילדער זענען מערסטנס אָפענע, נישט פאַרהוילן מיט זיבן

שלייערן און דאָך פֿאַנטאַסטיש און קאַלירפֿול און דאָס געמיט איז לײַכט און שפּילעוודיק: — — — — —

און אַפילו אין אַ שווערער ליד פֿון דעם "פּרעמדן גן עדן", ווו דער פּאָעט דערציילט וועגן דער ריזיקער אַרבעט צוריק אויפֿצובויען דאָס פֿון מלחמה=פֿאַרוויסטע לאַנד, דערציילט ער דאָס לײַכט און שפּילעוודיק: — — — — — —

אין בוך געפֿינען מיר פֿיל צאַרטע, טיף=לירישע לידער, ווו דער פּאָעט דערציילט וועגן זײַן פּערזענלעכן אומעט, בענקשאַפֿט און פֿרייד און וואָס מע דאַרף לייענען פּאַמעלעך מיט אַ רויִק געמיט און אָפֿן האַרץ ווי, למשל: — — — — — —
(ז.ש.: "דאָס פֿינפֿטע ראָד" "חשבון" נומער 94 זײַט 72, ל. אַנדזשעלעס 1979)

— — — — — — מאיר חַרץ האָט מיט זײַן אײַנגעבוירענעם הומאָר און פּשטות אויסגעמײַסטערוועט אַ וואָגן מיט פֿינף רעדער, פּונקט אַזוי נאַטירלעך ווי דער געבוי פֿון אַ מענטשלעכער האַנט מיט פֿינף פֿינגער, דער דיכטער מעג אַלץ, דער גוטער לייענער וועט פֿאַרשטיין. — — — — —דאַוון איך אַרײַן ביז נאָך חצות אינעם ערשט דעשיינענעם בוך. אין געפֿלעכט פֿון לידער פֿון דאָ און פֿון דאָרטן הער איך דעם "דאָ" עלעהיי דאָס ערשטע פֿידל אין סימפֿאָנישן אָרקעסטער. אַלטע מאָטיוון — נײַע דאַטעס. — — — — — — — — בלײַבט מיר נאָר איבער צו ווינטשן אַ גוט מאָרגן דעם דיכטער מאיר חרץ, אַ גוט מאָרגן, ווײַל עס טאָגט שוין אין מײַן פֿענצטער.
(חיים זעלצער — "דאָס פֿינפֿטע ראָד", אַן ערשטער פֿידל — לעצטע נײַעס, 23.3.1979)

צווישן די שרײַבער — עולים פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד איז דער דיכטער מאיר חַרץ, וואָס שטאַמט פֿון באַסאַראַביע איינער פֿון די טאַלאַנטפֿולסטע, זינגעוודיקסטע, מיט אַ זאַפֿטיק לשון באַסאַראַבער שפּרודלדיק יידיש. ער איז איינער פֿון די פּראָדוקטיוווסטע פּאָעטן. סוף פֿאַריקן יאָר איז דאָ שוין דערשינען זײַן פֿינפֿט לידערבוך, "דאָס פֿינפֿטע ראָד" און ווי זײַן יעדעס בוך אַ וואַלד מיט לידער. נאָכן אַרויסגעבן דאָס פֿינפֿטע לידערבוך פֿאַרעפֿנטלעכט ער אין דער ליטעראַרישער פּעריאָדיק סײַ אין לאַנד, סײַ אין די תּפֿוצות נײַע לידער. — — — — חַרצעס לידער שוועבן אין דער לופֿטן באַפֿליגלטע און איינצײַטיק אָנגעזאַפּטע מיט טראָגיק און נידערן ווי פֿאַרוווּנדעטע פֿייגל באַלאָדענע מיט מיט טרויער.
(חיים מאַלטינסקי — שמידן דאָס קידושין=רינגל — "לעצטע נײַעס" 1980)

לאָמיר באַלד בײַם אָנהייב באַצייכענען, אַז וווּנדערלעכע זענען זיי, די לידער פֿון מאיר חַרץ, זיי זענען זינגעוודיק און שפּילעוודיק און פֿירן אײַך אַוועק צו פֿייזאַזשן און בילדער, צו/ אַ וועלט פֿון פֿאַנטאַזיע און טרוים און צו אַ ווײַטער

ווירקלעכקייט, וואָס ווערט פאַר אײַך אַנטפּלעקט. רײַך איז די וועלט פון אַסאָציאַציעס און זכרונות פונעם דיכטער. דער רוב לידער אין איצטיקן באַנד זענען געשריבן געוואָרן שוין דאָ אין לאַנד, און, ווונדער איבער ווונדער: לידער, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין די דרײַסיקער און אין די פערציקער יאָרן, אינטעגרירן זיך אָרגאַניש מיט די נײַע לידער, וואָס זענען געשריבן אין די זיבעציקער יאָרן. דאָס איז, ווײַזט אויס מחמת דעם זעלבן מקור פון אינספּיראַציע.
— — — —

שוין בײַם אָנהייב פון זײַן דערשײַנען ווי אַ פּאָעט, האָט מען אין אים באַלד געזען דעם אויפקום פון אַן אמתן טאַלאַנט מיט אַ באַזונדערן צוגאַנג און אייגנאַרטיקע יניקה=קוואַלן. נאָך לאַנגע וואַנדערונגען האָט דער דיכטער דאָס אַלץ געבראַכט מיט זיך אין זײַן אַלט=נײַ היימלאַנד און "דאָס זעלבע לאַנד, די זעלבע שטערן /האָבן ווידער זיך באַוויזן ווי אַ מאָל.
(רבקה כהן "דאָס פינפטע ראָד" פון מאיר חרץ "ירושלימער אַלמאַנאַך" נומ 11 1980)

— — — — — — אין יענער צײַט איז אויך געקומען מאיר חרץ קיין טשערנאָוויץ, אליעזר שטיינבאַרגס רעזידענץ — — ער איז געקומען אַ מאָגער שלאַנק ייִנגל, וואָס האָט אין זײַנע פאַרוווּנדערטע אויגן געטראָגן די גאַנצע טאָפּאָגראַפישע און סאָציאַלע פּאַנאָראַמע פון זײַן שטעטל, אָפּגעדעקט אַ מאָל פאַר איינעם, אַ מאָל פאַר אַ צווייטן אַן אימפּרעסיאָניסטיש געצייכנטן דעטאַל פון דער דאָזיקער פּאַנאָראַמע.

אין זײַנע לידער איז געווען אַזאַ פּשוטקייט, אוממיטלבאַרקייט און אַ פאָלקסטימלעך לויטערער ריטמישער שטראָם, וואָס האָט דערמאָנט די נאַיווע מאָלערײַ. — — — — — — — — — — — — און דאָס קול איז געווען בײַ אים אַ געשטעלטס שוין אין די פריע יאָרן, ווען ער האָט אַרויפגעשפּרײַזט אויפן דרך המלך, רעדנדיק מיט אַ פּשוטער שפּראַך, ניט פאַרכאַפּט פון די סאַלטאָ מאָרטאַלעס אין אונדזער דיכטונג, רײַפער ווערנדיק אין דער פאָרעם און אידעיש פאַרטיפטער.

— — — — — — — פאַר חרצעס מוזע איז כאַראַקטעריסטיש דאָס זאַכלעכע, דאָס פאָלקסטימלעך=מעשהדיקע, וואָס וויגט זיך צווישן פאַנטאַסטיק און ממשותדיקייט. בולט אין זײַן דיכטונג איז דער זיווג, דער סימביאָז פונעם עפּישן מיטן לירישן. זיי גייען בײַ אים אָפּט צוזאַמען און מישן זיך אָפּט מאָל איבער איינס מיטן צווייטן. — — — — —

פאַר עטלעכע יאָר דאָ אין לאַנד האָט ער באַוויזן אַרויסצוגעבן זײַן האָב און גוטס אין גאַנצן אָדער כמעט אין גאַנצן אין פינף גרויסע ביכער ווי די פאָליאַנטן, ווי די שטיינער פון די בערג פון יהודה אין וועמענס נאָענטקייט ער לעבט. שטיינער האָב איך געזאָגט? — ניין ניט פּשוטע שטיינער, נאָר ווינקלשטיינער, אויף וועלכע

ער האָט אויפגעטורעמט אַ פּאָעטישן מציבה=היכל זײַן פאַרשניטענעם שטעטל, אַ מין יד=ושם למאַרקולעשט.

(מאָטל סאַקציער — מיט די פשוטסטע ווערטער — "די גאָלדענע קייט" נומ 101, 1980)

— — — — — — — — מאיר חרצעס ביכער זענען אַ וויכטיקער קינסטלערישער בײַטראַג אין דער מאָדערנער ייִדישער דיכטונג. טעמאַטיש איז זײַן שאַפן פאַרבינדן מיטן שורשדיקן באַסאַראַבישן ייִדישן שבט. די ריטמען און בילדער פון זײַנע לידער זענען באַפּאַרבט מיט די קאָלירן און שפּראַכלעכן אוצר פון דאָזיקן קאַנט. — — — — — — —

אין דער צײַט ווען די ייִדישע דיכטונג ווערט מער באַהערשט פון אַן אַבסטראַקטן אורבאַניזם האָט מאיר חרץ דעם גײַסטיקן מוט צו מעלדן: "איך קום פון שטעטל אַ דיכטער דער שטאָט" — — —

ער טיילט זיך אויס מיט זײַן אייגנאַרטיק בילד און געדאַנק. זײַן ליד איז אַ האַרמאָנישער באַהעפט פון פאָלקסטימלעכער אורקראַפט מיט אינדיווידועלער פּאָעטיק. — — —

(פון די מאָטיוון פון דער זשורי געלייענט פון זשורי=מיטגליד לייזער פּאָרדיאַטשיק בעת דער צווייטער פאַרטיילונג פונעם ליטעראַטור=פּרייז פון דעם ייִדישן שרײַבער=פאַראיין אין ישראל. אַפּריל 1975)

— — — דער דיכטער מאיר חרץ, וואָס באַקומט הײַנט די אַטראַן=פּרעמיע, האָט אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן לידער אין 1934 אין די ייִדישע צײַטשריפטן פון דעמלטיקן רומעניע ווי אויך אין פּוילן און אין אַמעריקע. שפּעטער, אין זײַן סאָוועטישן פּעריאָד, אויך אין מאָסקעווער "אייניקייט", אין די אַלמאַנאַכן "היימלאַנד" (מאָסקווע) און "דער שטערן" (קיעוו) און אין די לעצטע יאָרן ווידער אין אויסלענדישע אויסגאַבעס אין פּוילן, אַמעריקע, פראַנקרייך און ביז דער עליה פון רוסלאַנד אין "סאָוועטיש היימלאַנד"

נאָך אַ לאַנגן און שווערן געראַנגל איז אים אין מערץ 1972 געלונגען זיך אַרויסצורײַסן פון רוסלאַנד און ווען ער דערשלאָגט זיך ענדלעך קיין ישראל, צעעפנט זיך ביי אים ערשט זײַן לידערקוואַל און ער נעמט אויסזינגען אָפן און פריש זײַן ליבשאַפט צו זײַן פאָלק מיט וועלכן ער האָט זיך צוריק באַהאָפטן.

("פאָרווערטס", זונטיק, דעצעמבער, 1975,7. באַריכט וועגן דער פאַרטיילונג פון די ליטעראַטור=פּרעמיעס.)

מאיר חרץ איז אַ פּאָעט און דערצו אַן אויסגעשפּראָכענער ליריקער און ווי אַ לירישער פּאָעט מער זינגער ווי זאָגער.

— — — — — אין זײַן דיכטונג קאָן מען — ווי אין דער דיכטונג פון יעדן עכטן פּאָעט — אָפּגעפינען די שפּורן פון יענע פּאַסירונגען אין זײַן לעבן, וואָס

האָבן געמאַכט אויף אים אַ טיפן רושם און זיך איַינגעקריצט אין זייַן זכרון אויף לאַנגע יאָרן — דער רושם פון זייַן ווייַטער קינדהייַט, וואָס איז בעיקר ביַי אים פאַרבינדן מיט דער געשטאַלט פון זייַן מוטער, דער רושם פון דער שטעטלדיקער לאַנדשאַפט און דער שטעטלדיקער טיפּאַזש, צו וועלכע ער קערט זיך אַלע מאָל אום ווי צו אַ נייַער אַנטפּלעקונג. — — — —

הגם מאיר חרץ איז אין זייַן ליד בעיקר אַ זינגער און זייַן סטיכיע איז דער ניגון, וואָס גייט אויף פון דעם צוזאַמענהאַנג און צוזאַמענקלאַנג פון אויפגעסיליעטע ווערטער, איז אָבער אויך די וואָרט=מאָלעריַי און דאָס וויזיאָנערישע בילד אַ וויכטיקער עלעמענט אין זייַן שאַפן.

מע קאָן נישט זאָגן, אַז מאיר חרץ איז אַ רעגיאָנעלער דיכטער. פּאָרט איז אין זייַן פּאָעטישער שאַפונג אָנזעעוודיק דער באַסאַראַבער יידישער לעבנס=שטייגער, ווי אויך דער באַסאַראַבער פּייסאַזש — — — דער קאָלאָריט פון מאַמאַליגאַרישן יידיש איז, לויט דעם אויסדרוק פון אפרים אויערבאַך, געגנוג ניכּר אין זייַנע פערזן און מען קאָן בשום אופן נישט האָבן קיין טעות בנוגע דעם אָרט, וווּ זייַן וויג איז געשטאַנען.

(פון די מאָטיוון פון דער זשורי אויף דער 13טער פאַרטיילונג פונעם פיכמאַן=פּריַיז אין יוני 1976 געלייענט פון זשורי=מיטגליד יצחק יאַנאַסאָוויטש)

מיר פייַערן דאָ היַינט אַ יום=טוב פון דיכטונג. ס'איז דאָך מחוץ יעדן ספק, אַז ליטעראַטור איז אַ פונקציע פון מענטשלעכער דערהויבנקייט. ליטעראַטור — די פּראָזע און זייַט ביַי זייַט מיט דער פּראָזע אַן אַנדער צווייַג, אַ מער עמאָציאָנעלער, אַ מער אָנגעגליטער — דיכטונג.

מאיר חרץ איז געווען איינער פון די פּראָדוקטיווסטע יידישע דיכטערס אין סאָוויעטן=פאַרבאַנד און האָט אַזוי פיל אָנגעשריבן, אַז ער האָט פאַר די דריַי יאָר, וואָס ער געפינט זיך אין ישראל שוין אַרויסגעגעבן דריַי לידערביכער.

ביַיביידע פּרעמירטע פּאָעטן פאַרנעמט אַן אויסערגעווייַנלעך וויכטיק אָרט דאָס צוגעבינדן זייַן צום שטאַם, געהערן מיט דער גאַנצער נשמה צו זייער פאָלק.

(פון הירש אָשעראָוויטשעס וואָרט אויפן אָוונט אין לייוויק=הויז אין תל אביב לכבוד דעם צוטיילן אין ניו=יאָרק פאַר מאיר חרץ און שלמה רויטמאַן די אַטראַן=פּרעמיע פאַרן יאָר 1975)

מאיר חרץ איז דער ווירדיקער פאַרטרעטער פון שטעטל, וואָס איז מער נישטאָ. נישט בלויז פון זייַן געבוירן=שטעטל מאַרקולעשט, נאָר דער אויסזינגער פון אַלע שטעטלעך און יישובים, וועלכע זענען אַ מאָל געווען צעשפּרייט איבער מזרח=אייראָפּע.

די געשטאַלטן פון מאַרקולעשט זענען אוניווערסאַל — די זעלבע מלאכות, די זעלבע שילדן, די זעלבע אינטערעסן און די זעלבע חלומות.

דורך דעם אופן פון זײַן שרײַבן — רופט זיך דער דיכטער איבער מיט די שענסטע שרײַבערישע טראַדיציעס אין אונדזער ליטעראַטור.
(פון אברהם קאַרפּיאַוויטשעס באַגריסונג אין נאָמען פון ייִדישן שרײַבער=פאַריין
אין ישראל בײַם צוטיילן חרצן די פיכמאַן=פּרעמיע אין יאָר 1976)

די לידער פון מאיר חרץ א.נ. "שטערן אויפן הימל" פאַרמאָגן אַלע עלעמענטן פון אויפרודערנדיקער דיכטונג.
(פון די מאָטיוון פון דער זשורי פון דער 13טער צוטיילונג פון דער פאַריזער ליטעראַטור=פּרעמיע אין נאָמען פון עסקן זכריה גאַנאַפּאָלסקי ע"ה — יוסף גאָטפאַרשטיין, אליעזר מאַרקאָווסקי, שלום קלינגער. פאַריז דעצעמבער 1978)

— — — — אין 24 קאַפּילטען נעמט חרץ אַרום העכער הונדערט יאָר גײַסטיקע געשיכטע פון באַסאַראַבער ייִדישן שטעטל מאַרקולעשט=קאָלאָניאַ. דרײַ דורות פון איין משפּחה און אַ שלל מיט טיפּן און געשטאַלטן אין זייער טאָג=טעגלעכן לעבן און שטרעבן ווערן אַרײַנגעוועבט אין דער פּאָעמע אין אַן אויסגעהאַלטענעם טראָכייען=ריטם און אין אַ ריינער פאָלקס=שפּראַך טאַקע אַזוי ווי ייִדן רעדן ייִדיש. די סתירה צווישן דער לײַכטקייט פון דער שפּראַך און די שווערע אָנגעווייטיקטע געפילן, וואָס חורבן מאַרקולעשט איז מפרנס, ווערט בײַ חרצן דער עיקרדיקסטער פּאָעטישער וועג גובר צו זײַן די נישט=דערזאָגטבאַרקייט פון אונדזער בראָך. מאַרקולעשט מיט אירע געשטאַלטן באַקומען אין ווערק אַן אַלגעמיינעם האַפּט. זיי זענען ניט נאָר מענטשן=מוסטערס פאַר די פּאָר טויזנט מאַרקולעשטער ייִדן. דער מחבר דערגרונטעוועט זיך צו אַלגעמיין מענטשלעכע שטריכן סײַ בנוגע ייִדן צווישן זיך און סײַ פון ייִדן אין פאַרגלײַך מיט זייערע נישט=ייִדישע שכנים.
(חיים פינקלשטיין — פון די מאָטיוון פון דער זשורי אויף דער פײַערונג אין היכל שלמה אין ירושלים מאָנטיק דעם 12טן אַפּריל 1982 לכבוד דער פאַרטיילונג פון דער יערלעכער סובווענץ פון הורוויץ=פאָנד בײַ דער ירושלימער ייִדישער קולטור=געזעלשאַפט צו צוויי מחברים, צו חיים זײַדמאַן אויף אַרויסגעבן זײַן בוך "זכרונות פון אַ רומעניש שטעטל" און צו מאיר חרץ אויף אַרויסגעבן זײַן פּאָעמע "מאַרקולעשט")